STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00247

TSUM HUNDERTSTN GEBOYRNTOG FUN SHIMON DUBNOV

Simon Dubnow

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Joseph & Susan Kornfeld
in honor of
the wedding of Lynne & Leland Brandt

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג

פון

שמעון דובנאָוו

זאַמלונג



איקוף פארלאג

ניו־יאָרק

צונויפגעשטעלט און רעדאקטירט פון

נחמן מייזיל

דערשינען מיט דער הילף פון דר׳ ל. שאַצאָוו (ניו־יאָרק),
יוסף קאַראַבעלאָ (לאָס־אַנדזשעלעס)
און יעקב ש—ל (ניו־יאָרק)

TZUM HUNDERTSTN GEBOIRNTOG FUN SHIMEN DUBNOW

(THE CENTENNIAL OF THE HISTORIAN SHIMEN DUBNOW)

Edited by **NACHMAN MEISEL**

Published by
Yiddisher Kultur Farband (Ykuf)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

Copyright by
Yiddisher Kultur Farband, New York, N. Y.
1961

הילע געצייכנט פון י. זעלדין

Printed in U.S.A.
By GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.
166

אינהאַלט

אַרטיקלען וועגן שמעון דובנאָוו

זייט

בער מאַרק — ש. דובנאָוו, שעפער פון דער מאָדערנער יידישער היסטאָריאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — 5

נחמן מייזיל — ש. דובנאָוו און די יידישע שפּראַך — — — — — — — 20

שאול גינזבורג — מסירת נפש — — — — — — — — — — — — 40

וויכטיקע דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון שמעון דובנאָוו — — — — — — 43

אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען פון שמעון דובנאָוו

די אויפפאַסונג פון דער יידישער געשיכטע — — — — — — — — — 49

אויטאָנאָמיע אין דער יידישער געשיכטע — — — — — — — — — — 60

ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס אויטאָנאָמיזם — — — — — — — — — — — 65

דער איצטיקער צושטאַנד פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע — — — — 70

וואָס דאַרף מען טאָן אין המנס צייטן? — — — — — — — — — — — 76

באַטראַכטונגען — — — — — — — — — — — — — — — — — 81

בריוו פון ש. דובנאָוו:

צו וו. לאַצקי־בערטאָלדי — — — — — — — — — — — — — — — 89

צו ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — — — — — — — — — — — — — — 90

צו ד״ר יוסף מייזעל — — — — — — — — — — — — — — — — 91

שמעון דובנאָוו אין עלטער פון 23 יאָר.

בער מאַרק

שמעון דובנאָוו — דער שעפער פון דער מאָדערנער יידישער היסטאָריאָגראַפיע

1. דער לעבנס־וועג

דער געניאַלער אויטאָדידאַקט און גרעסטער יידישער היסטאָריקער פון אונדזער צייט, דער קדוש שמעון דובנאָוו האָט דורכגעמאַכט אַ מערקווירדיקן לעבנס־וועג — פון ישיבה־באַנק דורך אַליינבילדונג ביז דעם אָלימפּ פון מאָדערנעם יידישן געדאַנק. אַ זון פון זיין פאָלק, פון דעם גרויסן רוסלענדישן יידנטום, האָט ער וויטאַגלעך געפילט אויף זיך די שווערע קלעפּ פון צאַרישן דעספּאָטיזם. זיין ליידנשאַפטלעכע גאַרונג צו בילדונג און וויסן האָט אָנגעטראָפן אויפן „כינעזישן מויער" פון אַנטיסעמיטישע גזירות, וועלכע האָבן אים נישט דערלויבט צו ווערן אַ גימנאַזיסט, אָפּצוגעבן עקסטערן־עקזאַמענס און צו שטודירן אין אַ הויכשול. עס איז אים באַשערט געווען צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם אויטאָ־דאַפע פון זיין ערשטן געדרוקטן בוך, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן דורך דער צענזור פון דעם אויבערפּראָקוראָר פון „הייליקן" סינאָד, דער צורר היהודים פּאָביעדאָנאָסצעוו, אויף פאַרברענען, ווייל דובנאָווס שילדערונג פון ביבלישן פּעריאָד איז נישט געווען אין הסכם מיט דעם טעקסט פון דער אָפּיציעלער לערע פון דער קריסטלעכער קירך. אין זיין פּובליציסטיק, אין דער רוסיש־יידישער פּרעסע, האָט ער אַ סך געליטן מצד דער צאַרישער צענזור און אויך מצד קליינמוטיקע רעדאַקטאָרן. אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט ער מיט דער משפּחה געליטן נויט, אין משך פון לאַנגע יאָרן איז ער געווען נע־ונד אין דער הויפּט־שטאָט פּעטערבורג, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", זיך געוואַלגערט אומלעגאַל, געוואָרן צוגעשריבן אַלס דינער ביי אַן אַדוואָקאַט, געליטן פון גירושים. און דאָך זיך נישט איינגעבראָכן, נישט נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון אַ דאַניאל כוואָלסאָן, נישט געטוישט זיין גלויבן (הגם ער איז שוין אַלס בחור געוואָרן אַ פרייִדענקער און אַטעאיסט), נישט געלאָזט זיך קאָרומפּירן, געהאַלטן טריי זיינע דעמאָקראַטישע, וועלטלעכע אידעאַלן און אין די ערגסטע באַדינגונגען, פאַרשפּאַרט ווי אַ מיטל־אַלטערלעכער נזיר אין זיין צימערל, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אין אַ הויז־אוניווערסיטעט, האָט ער שטודירט די פּאָזיטיוויסטישע פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגיע, זיך דערגרונטעוועט אין אַלטע פּנקסים און דאָקומענטן, און געלייגט איין גרונט־שטיין נאָכן צווייטן, בויענדיק אַ פונדאַמענט פאַר זיין קינפטיקן קרוין־ווערק — דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין ברייטסטן געאָגראַפישן און צייט־פאַרנעם.

זיין וועלט־באַנעם האָט זיך אויסגעפורעמט אונטערן איינפלוס פון דער השכּלה, פון דער רוסישער דעמאָקראַטישער ליטעראַטור, פון קאָנטס פּאָזיטיוויזם און מילס און ספּענסערס עוואָלוציאָניזם. אַלס רעכטלאָזער און אָרימער בחור ברענגט ער אַריין אין דער פּעטערבורגער רעדאַקציע פון „רוסקי יעווריי" זיין ערשטן חיבור — אַ קאָרעספּאָנדענץ פון זיין היים־שטעטל אַמטשיסלאַוו אין מאָהילעווער גוּ־בערניע. דאָס איז אַ מערקווירדיקע קאָרעספּאָנדענץ — צו אַזעלכע זיינען די רעדאַקטאָרן לגמרי נישט געווען געוואוינט. דאָס איז גיכער אַ סאָציאָלאָגיש בילד פון אַן אונטערגייענדיק, דעקלאַסירט יידיש שטעטל. דער יונגער דובנאָוו שווימט שנעל אַרויס ווי אַ פירנדיקער פּובליציסט פון דער בירגערלעך־דעמאָקראַטישער יידיש־רוסישער פּרעסע. ער ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם וואָכנ־בלאַט „ראַזסוועט" און פונעם חודש־זשורנאַל „וואָסכאָד". ער דערשיינט ווי אַ קעמפער פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן, ער זעט דעם קאַמף פאַר פולע בירגער־רעכט אויף דער פאָן פונעם אַלגעמיינעם געראַנגל פאַר דעמאָקראַטישע פרייהייטן אין דער אימפּעריע פון די צאַרן. ער רופט אַרויס ווי אַ מאָס דעם באַקאַנטן לאָזונג פון לודוויג בערנע: „ווער עס וויל ווירקן לטובת די יידן, דער דאַרף צונויפשמעלצן זייער זאַך מיט די פאָדערונגען פון אַלגעמיינער פרייהייט". באַזונדערס שאַרף ווערט זיין פעדער אין צייטן פון בלוטיקע נגישות. זיין אַנטי־צאַרישער אַרטיקל א. נ. „דאָס לעצטע וואָרט פונעם אָנגעקלאָגטן ייד" מאַכט אַ געוואַלדיקן רושם צווישן די לייענער און רופט אַרויס האַרץ־קלאַפּעניש ביי די רעדאַקטאָרן, וועלכע ציטערן פאַרן למה יאמרו הגוים. ער אַטאַקירט די אָפּ־געשטאַנענע פאָרמען פון דער יידישער רעליגיע, וועלכע פאַרשטעלן און פאַר־מיאוסן די שיינקייט און די פּראָגרעסיווע ווערטן פון דער ביבל. בעת דעם קעשע־ניעווער פּאָגראָם אין 1903 זאַמלט ער דאָקומענטן, וואָס דעמאַסקירן דעם צאַרישן רעזשים, און שיקט זיי אַרויס במסירת נפש קיין אויסלאַנד.

פּאַמעלעך קומט פאַר אַ קער אין זיין באַציאונג צו יידישער פּראָבלעמאַטיק. אויב פריער האָט ער איבערגעריסן מיט דער ישיבה־אַטמאָספער און איז אַוועק צו משכּילישער אַסימילאַציע, מאַכט ער שפּעטער אַדורך אַ פּראָצעס אין דער ריכטונג צום נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישן באַוואוסטזיין. ער אילוסטרירט אַליין די דאָזיקע עוואָלוציע לויט דער העגעלשער טריאַדע: דער קאָנסערוואַטיווער, טראַ־דיציאָנעלער יודאַאיזם פון זיין יוגנט איז די טעזע; דער קאָסמאָפּאָליטיזם און אפּיקורסות פון זיין פריען פּעטערבורגער פּעריאָד איז די אַנטיטעזע; ערשט שפּעטער קומט דער סינטעז: וועלטלעכע, דעמאָקראַטישע יידישקייט, וועלכע נעמט פונעם אַלטן אַלדאָס שענסטע און פאַראייניקט עס מיט די מאָדערנע עוואָ־לוציאָניסטישע באַוועגונגען פון אַלגעמיין־מענטשלעכער קעגנוואַרט.

אין די שטורעם־און דראַנג־יאָרן 1905־1906 פאַרנעמט דובנאָוו אַן אָרט אויפן לינקן פליגל פון דעם אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאַר פון די יידישע בירגערלעך־דעמאָקראַטישע טוער, וועלכע רוקן אַרויס דעם לאָזונג פון פולע בירגער־רעכט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. דובנאָוו גיט תמיד צו צום פּאָסטולאַט פון

בירגער־רעכט אויך די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט. ער גיט אויך צו די פאָדערונגען פון יידיש. הגם אַליין שרייבט ער רוסיש, דערשיינט ער דאָך ווי אַ קעמפער צו פאַרוואַנדלען זשאַרגאָן אין יידיש. ער האָט אויך אָנערקענונג פאַר העברייאיש, אָבער ער האַלט, אַז אין קאַמף קעגן אַסימילאַציע איז יידיש פיל ווירקזאַמער.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה טרעט דובנאָוו אויף ווי אירער אַ דעצידירטער קעגנער. ער פאַרבינדט זיך מיט אַזעלכע מענטשן, ווי גאָרקי. ער שרייבט אָן זיין אויפטרייסלענדיקן וויי־געשריי „די געשיכטע פון אַ יידישן סאָלדאַט" — דאָס איז אַ פּראָטעסט קעגן צווינגען דעם קרבן פון צאַריזם צו געבן זיין בלוט לטובת זיין הענקער. גאָרקי וויל עס אָפּדרוקן אין זיין „ליע־טאָפּיס". די צענזור קאָנפיסקירט אָבער דאָס ווערק, און עס קאָן ניט דערזען די ליכטיקע שיין.

באַזעצט זיך ש. דובנאָוו אין בערלין, וואו עס ווערן אַרויסגעגעבן זיינע ווערק. אָבער דער דאָזיקער נביא פון דער פאַרגאַנגענהייט (אַזוי האָט אַ באַוואוסטער פראַנצויזישער געלערנטער באַצייכנט די היסטאָריקער) וויזט זיך אַרויס איינ־צייטיק פאַר אַ שטיקל נביא פון דער צוקונפט. אין אַ בריוו פון בערלין צו יוסף אָפּאַטאָשו, וואו ער שילדערט די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער ווייִמאַרער רעפּובליק, שרייבט דובנאָוו: „מיר ליידן איצט צוזאַמען מיט די דייטשן, און עס קאָן זיין, אַז מיר וועלן נאָך ליידן פון די דייטשן".

און אין יאָר 1933 ווען שמעון דובנאָוו —נאָכן פאַרענדיקן זיינע היסטאָרישע ווערק — האָט זיך גענומען שרייבן זיינע מעמואַרן, וואָס האָבן געדאַרפט זיין אַ געשיכטע פון זיין דור, איז געקומען צו דער מאַכט אַדאָלף היטלער, און דער גרייז־גראָער יידישער היסטאָריקער האָט ווידער געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן. ער פאָרט קיין ריגע. אפשר ציט אים אַהין די נאָענטע שכנות פון זיינע היימישע, רוסישע יידן?

אָבער די גרויזאַמע ווירקלעכקייט יאָגט אים נאָך אויף זיין נייעם וואַנדער־וועג. לעטלאַנדס פּרעזידענט פאַרבינדט זיך מיט היטלערן. דער 78־יעריקער היסטאָריקער גייט ווידער אַרויס פון דעם שטילן קאַבינעט. אין די יאָרן 1938־1939 הערט מען אָפּט זיין קול — ער רופט צו וואַכזאַמקייט און צו מאָביליזירן אַלע פאָלקס־כוחות אין קאַמף קעגן היטלעריזם, ער רופט זיך אָנצושפּאַרן אויף די דעמאָקראַטישע, פּראָ־גרעסיווע כוחות פון דער מענטשהייט. אין יאָר 1938 שרייבט ער אין אברהם ליעסינס ניו־יאָרקער „צוקונפט": „אין געוויסע לענדער פון אייראָפּע שטייען אויף פאַר אונדזערע אויגן פאָלקס־פראָנטן — אַ פאַראייניקונג פון אַלע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע כוחות. די יידן נייטיקן זיך אויך אין אַזאַ פאָלקס־פראָנט צום קאַמף קעגן וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם און וועלט־רעאַקציע".

אין אַ בריוו צו זיין תלמיד, דעם היסטאָריקער א. טשעריקאָווער (פּאַריז), אין נאָוועמבער 1938 שרייבט דובנאָוו: „איצט, ווען דער פעלקער־בונד איז צעקלאַפּט, האָט נישט דאָס יידישע פאָלק צו וועמען צו אַפּעלירן. זיין איינציקער אָנשפּאַר זייַנען בלויז די פּראָגרעסיווע כוחות פון דער מענטשהייט".

דעם 4טן מאַי 1939 שרייבט ער צום זעלביקן טשעריקאָווערן: „וואָס טאָן? אין פאַל פון אַ מלחמה דאַרף מען אין אונדזער סביבה ווערבירן פרייוויליקע אין די אַנטיהיטלעריסטישע אַרמייען... מיר וועלן עקזיסטירן אָדער אונטערגיין צוזאַמען מיט דער מענטשהייט".

דעם 1טן יולי 1941 רייסט זיך אַריין די דייטשישע אַרמיי קיין ריגע. דער היסטאָריקער טיילט דעם גורל פון זיין פאָלק. ער גייט אין געטאָ. ער בלייבט טריי זיין ערלעכן כאַראַקטער און אידעע. ער שרייבט אַ טאָגבוך. זיינע כתבים ווערן באַהאַלטן דורך טרייע פריינט. ביזן היינטיקן טאָג איז נישט באַוואוסט, וואו זיי זיינען אַהינגעקומען. תחילת דעצעמבער 1941, בעת אַן „אַקציע", ווערט דער 81־יעריקער געלערנטער גענומען און אויפן וועג צום הריגה־אָרט ראַמבולי, הינטער ריגע, דערשאָסן דורך אַ לעטישן פּאָליציאַנט.

עדי־ראיה גיבן איבער, אַז גייענדיק אויף זיין לעצטן וועג, האָט דער קדוש שמעון דובנאָוו אויסגערופן: „יידן, פאַרגעסט נישט, פאַרשרייבט!"

דעם דאָזיקן לאָזונג האָט ער געוואָרפן מיט אַ קנאַפן האַלבן יאָרהונדערט צוריק. דעמאָלט איז געווען אין דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע אינאיינעם מיט קרוין־פּוילן מער ווי פינף מיט אַ פערטל מיליאָן יידן.

אויף זיין לעצטן וועג איז דובנאָוו געווען אָנגעגורט מיט בטחון, אַז דאָס פאָלק ווי אַזאַ וועט נישט אומקומען. ער האָט אפילו אין יענער טראַגישער רגע גע־מונטערט דעם נאַציאָנאַלן זכרון.

דאָס זעלבע האָט געטאָן איינער פון זיינע אומדירעקטע תלמידים, עמנואל רינגעלבלום — אין וואַרשעווער געטאָ.

2. די אידעאָלאָגיע

דובנאָוו אַלס טעאָרעטיקער פון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק איז געווען אַ וועלטלעכער דעמאָקראַט, אַן אָנהענגער פון די אידייען פון דער גרויסער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע. ער האָט אפילו אַמאָל אָנגעשריבן אַן אָפּהאַנדלונג א. נ. „די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די יידן". דער רעדאַקטאָר, אויס מורא פאַר דער צענזור, האָט אויסגעמעקט דאָס וואָרט „גרויסע". אַ רעוואָלוציע, הייסט עס, טאָר נישט זיין גרויס. דובנאָוו איז אָבער ביזן סוף געבליבן טריי דער דאָזיקער אַלטער ליבע. ער האָט קיינמאָל שפּעטער נישט גענומען אין אַכט די פאַרשיידענע גלגולים — נישט די פּאָזיטיווע, נישט די נעגאַטיווע — פון די אידייען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דובנאָוו איז געווען און געבליבן אַ ראַציאָנאַליסט, אַן אַטעאיסט און אַן אַלגעמיינער דעמאָקראַט. אָבער צו די לאָזונגען פון יידן־עמאַנ־ציפּאַציע האָט ער צוגעגעבן, ווי שוין געזאָגט, דאָס פּראָגראַם פון זייערע נאַציאָ־נאַלע רעכט.

דובנאָוו איז געווען אַ „דאָאיסט" און אַ קעגנוואָרטיסט. אין די פּאָלעמיקעס מיט פינסקערן, ליליענבלומען און אחד העם טרעט אויף דובנאָוו ווי אַן אָנהענגער פון פּאָליטישן קאַמף אין לאַנד. אים איז פרעמד יעדע ראָמאַנטיק, סיי די פון די

חובבי ציון, סיי פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן. אין זיין פובליציסטישן קאַמף קעגן אַסימילאַציע פון איין זייט און פּאַלעסטינאָפילן פון דער צווייטער האָט דובנאָוו פאָרמולירט נישט בלויז זיין „דאַאיזם", נאָר אויך זיין קעגנוואַרטיזם. די אַסימילאַטאָרן — שרייבט ער — אָנערקענען בלויז די פאַרגאַנגענהייט פון יידישן פאָלק, די חובבי ציון זעען נאָר די צוקונפט פון אונדזער פאָלק, און וואו איז די קעגנוואַרט?

דובנאָוו איז אָבער געווען אַ בירגערלעכער דעמאָקראַט. הגם ער האָט, ווי אַ היסטאָריקער, אָנערקענט דעם פאַקט פון עקזיסטענץ פון קלאַסן און פון סאָציאַלן קאַמף, האָט ער דאָך געהאַלטן, אַז די יידישע סאָציאַליסטן טוען שלעכט, וואָס זיי שטעלן דעם קלאַסן־מאָמענט העכער פון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן. דער „בונד", וועלכן עס האָט אָנטשפּראָכן דובנאָווס „דאַאיזם" און קעגנוואַרטיזם, זיין פּאָסטולאַט פון יידיש, יידישער קולטור און אויטאָנאָמיע, האָט געזוכט אין יאָר 1905 אַ וועג צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט אים. די אונטערהאַנדלונגען האָבן געפירט גאָזשאַנסקי־לנו און אייזנשטאַט־יודין. דובנאָוו האָט אָפּגעוואָרפן די ווענדונג, נישט געזען קיין געמיינזאַמען וועג. זיין אַרגומענטאַציע איז געווען, אַז די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אָנשויונג איז אַ פאַרלייקענונג פון דעם קיום פון יידישן פאָלק און אַז די יידישע סאָציאַליסטן ווייזן אַרויס ווייניק פאַרשטייעניש פאַרן נאַציאָנאַלן מאָמענט, פאַרן יידישן כבוד.

אַ פּאָר טעג נאָכדעם — דערציילט אין איר רוסישן בוך „דאָס לעבן און שאַפן פון שמעון דובנאָוו" זיין טאָכטער, די שריפטשטעלערין סאָפיאַ דובנאָוו־ערליך — ווען עס איז אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אין האָמעל — ווער האָט פאַרטיידיקט מיט געווער אין האַנט דעם יידישן כבוד? די זעלבשוץ פון די יידישע אַרבעטער. דאָס איז געווען אַן ענטפער פון לעבן גופא אויף דובנאָווס אַרגומענט. דובנאָוו האָט דעם און ענלעכע פאַקטן אָנערקענט, אָבער זיין גרונט־איינשטעלונג נישט גע־ביטן. אַן ערנסטע פּאָלעמיק האָט וועגן דעם פּראָבלעם געפירט מיט דובנאָוון ש. אַנסקי.

דובנאָוו איז אין די פראַגן פון לאַנד־פּאָליטיק געגאַנגען נישט ווייטער פונעם לינקן פליגל פון די קאַדעטן. אין דער יידישער פּראָבלעמאַטיק האָט ער אויס־געבויט זיין אויטאָנאָמיסטישע טעאָריע. אין דער פּראַקטיק איז פון זיין „דאַאיזם", קעגנוואַרטיזם, אויטאָנאָמיזם, וועלטלעכקייט און אַנטירעוואָלוציאָניזם געבוירן גע־וואָרן דער פאָלקיזם (1906).

די גערדאַנקען פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע האָט דובנאָוו פאָרמולירט אין זיינע „בריוו וועגן אַלטער און נייער יידישקייט", וועלכע ער האָט גענומען שרייבן אין יאָר 1897.

דאָס דאָזיקע יאָר איז באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע ווי די דאַטע פון אַנטשטיין פון צוויי גרויסע קעגנזעצלעכע באַוועגונגען: אין יאָר 1897 איז גע־גרינדעט געוואָרן דער „בונד", און אין זעלבן יאָר איז אַנטשטאַנען דער פּאָליטישער ציוניזם, אויפן גרינדונגס־קאָנגרעס פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע אין באַזעל.

און אין דעם דאָזיקן יאָר האָט דובנאָוו אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן בריוו פון זיין אויבן־דערמאָנטער סעריע (געשריבן אין רוסיש *). אַזוי אַרום איז דאָס יאָר 1897 אויך די דאַטע פון אַנטשטיין פון דעם פאָלקיזם, וועלכער האָט אין די ערשטע יאָרן פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט (נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה) געהאַט אַ גאַנץ גרויסע השפּעה צווישן יידישן קלייגבירגערטום (נח פּרילוצקי, הערש־דוד נאָמבערג, שמואל הירשהאָרן, פּסח קאַפּלאַן, די ווילנער דעמאָקראַטן־גרופּע בראש מיט ד״ר צמח שאַבאַד, י. טשערניכאָוו א.אַ.).

אין די „בריוו וועגן אַלטער און נייער יידישקייט״ זיינען פאַראַן געדאַנקען, וועלכע זיינען אַנגעמבאַר אויך פאַר אונדזער דור. למשל, די צעשמעטערנדיקע קריטיק פון אַסימילאַציע ווי אַ דערשיינונג רעאַל אַן אוממעגלעכע און מאָראַליש אַ דעזערטירישע, אָדער די ראָל פון יידיש אין לעבן פון פאָלק. איינציייטיק זיינען אין די „בריוו״ פאַראַן טעאָריעס, וואָס אַ טייל פון זיי האָט אָפּגעלייקנט דאָס לעבן גופא און אַ טייל איז ניט פאַר אַלעמען אַנגעמבאַר. און איז אַזוי אַרום דיסקוטאַבל. דאָס זיינען קודם כל: דובנאָווס קאָנצעפּציע וועגן מהות און פאָרם פון דער יידישער נאַציע, זיין טעאָריע פון יידישן אויטאָנאָמיזם און זיין מיינונג וועגן דעם אַבסאָלוטן באַטייט פון סוביעקטיוון פאַקטאָר אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

דובנאָוו האָט געשאַפן די טעאָריע, אַז יידן זיינען אַ גייסטיקע נאַציע. ער אַנערקענט דריי טיפּן פון אַ נאַציע: אַ ראַסן־טיפּ, אַ טעריטאָריעלן טיפּ און אַ קולטור־היסטאָרישן אָדער גייסטיקן טיפּ. אַלס אידעאַליסט — אין פילאָזאָפישן זין פון וואָרט — האַלט דובנאָוו די גייסטיקע נאַציע פאַר דער העכסטער מדרגה. ווי אַזוי קאָן אָבער עקזיסטירן אַ גייסטיקע נאַציע? — פרעגט דובנאָוו און ער ענטפערט: אַ דאַנק דעם נאַציאָנאַלן ווילן.

עס איז קלאָר, אַז דער נאַציאָנאַלער ווילן קאָן אָפּשפּילן אַ וויכטיקע קיום־ראָל אין פרייהייטלעכע באַדינגונגען. אָבער אין מיטלאַלטער, ווען דער פעאָדאַל, אין הסכם מיטן לאָזונג „וועמענס מלוכה דעמס רעליגיע״, האָט געקאָנט די יידן אויסראָטן אָדער אַרויסטרייבן, איז דער נאַציאָנאַלער ווילן געווען אַ סעקונדאַרער פאַקטאָר. אין די קרייץ־צוגן אָדער בעת די גזירות ת״ח ות״ט איז די יידן גע־שטעלט געוואָרן די אַלטערנאַטיוו: שמד אָדער טויט. פון דער צווייטער זייט זיינען די פעאָדאַלן לחלוטין נישט געווען פאַראינטערעסירט אין אַ מאַסן־שמד פון די יידן. פאַרקערט, די פראַנצויזישע פעאָדאַלן, למשל, איז דווקא געווען באַקוועם צו האָבן די יידן אין דער ראָל פון וואוכערער, וועלכע מען האָט דערנאָך געקאָנט אַלס „פרעמדע״ אָדער „אומגלויביקע״ באַרויבן און אַרויסטרייבן, כדי זיי שפּעטער ווידער איינצולאַדן און אַרויפצווינגען די זעלבע ראָל. נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אויספירלעך אָפּשטעלן אויפן דאָזיקן פּראָבלעם. אַלנפאַלס קאָן מען בדרך כלל פעסטשטעלן, אַז די יידן האָבן אויסגעדויערט דעם מיטלאַלטער דאַנק, ווי זייער ספּעציפישע פונקציע איז געווען נייטיק. ווען די יידן וואָלטן געוואָרן אויסגעראָטן,

---

*) דערשינען אין יידיש אין מעקסיקע. ליידער פאַרמאָגן מיר נישט דאָס בוך.

וואָלט דאָך נישט געהאָלפן קיין שום נאַציאָנאַלער ווילן. דער נאַציאָנאַלער ווילן (די רעליגיעזע דיסציפּלין, דער רעליגיעזער שטייגער) האָט געשפּילט אַ ראָל, ווען די דראָאונג פון שמד האָט נישט באַדייט טויט, נאָר בלויז גירוש (למשל שפּאַניע). אָבער ער איז, נאַטירלעך און ביים העכסטן קידוש השם, געבליבן בלויז מאַרטי־ראָלאָגיש און אָן קיום־פּערספּעקטיוו אין אַזעלכע פאַלן, וואו דער אָפּזאָג פון שמד האָט באַטייט אַ באַלדיקן טויט.

אַזוי אַרום ווייזט זיך אַרויס, אַז דובנאָווס טעאָריע וועגן נאַציאָנאַלן ווילן איז אַ רעלאַטיווע און אַ שטאַרק באַדינגלעכע. און זיין טעאָריע וועגן יידן ווי אַ גייסטיקע נאַציע איז, ווי דאָס האָבן שוין פון לאַנג פעסטגעשטעלט מבינים, די צווייטע זייט פון דער מטבע פון אחד העמס טעאָריע וועגן ארץ ישראל ווי אַ גייסטיקן צענטער און נישט ווי אַ טעריטאָריעלע מלוכה אונטערוועגנס.

דובנאָוו האָט משמעות אַליין געפילט, אַז אין זיין טעאָריע פעלט עפּעס, דהיינו — זיין גייסטיקע נאַציע איז באַרויבט פון איין וועזנטלעכן עלעמענט, פון מלוכהש־קייט. דעם דאָזיקן עלעמענט פאַרטרעט דובנאָוו, ווי ער דריקט זיך אַליין אויס אין די „בריוו״, מיט אַ סוראָגאַט, וועלכער באַשטייט אין דער אויטאָנאָמיע, וואָס די יידן האָבן באַקומען און אויסגעבויט אין אַלע וויכטיקע צענטערס פון זייער היסטאָרישן וואַנדער: אין בבל, שפּאַניע, פּוילן. לאָמיר אָבער באַמערקן, אַז די אויטאָנאָמיע, וועלכע איז, פאַרשטייט זיך, אין די דאָזיקע לענדער געווען אַ פאַקט, האָט אָבער פאַרמאָגט נישט בלויז אַ נאַציאָנאַלן, נאָר אויך אַ קלאַסן־אינהאַלט. עס איז באַוואוסט, אַז דער קראַיזם אין בבל איז אַנטשטאַנען צום טייל ווי אַן אָפּאָזיציע קעגן דער פּלוטאָקראַטיש־טעאָקראַטישן תוך פון דער אויטאָנאָמיע, אַז אין שפּאַניע זיינען אויפן באָדן פון די סאָציאַלע קאַמפן אין די ד׳ אמות פון דער אויטאָנאָמיע פאָרגעקומען אפילו אַטענטאַטן פון דער פאָלקס־אָפּאָזיציע קעגן אירע אָנפירער. עס איז אויך באַוואוסט די עפּעמערישקייט פון דער אויטאָנאָמיע, איר אָפּהענגיקייט פון אויסערלעכע פאַקטאָרן. און לאָמיר נישט שטעלן קיין גלייך־צייכן צווישן דעם יידישן דראַנג צו אָרגאַניזירן זיך מיט אויטאָנאָמיזם. דאָס גרעסטע אין צאָל היינצייטיקע יידנטום, דאָס אַמעריקאַנישע, ווייזט אַרויס אַ גרויסן דראַנג צו זיין אָרגאַניזירט, אָבער בשום אופן נישט צו שאַפן אַ פאָרם פון אויטאָנאָמיע. דאָס הייסט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז די אויטאָנאָמיעס אין דער תקופה פון פעאָ־דאַליזם האָבן נישט אָפּגעשפּילט קיין וויכטיקע ראָל אויפן געביט פון עקאָנאָמישן, געזעלשאַפטלעכן און רעליגיעז־קולטורעלן זעלבשוץ פון די יידן. אַ ראיה: דער „ועד ארבע ארצות״ אין פּוילן־ליטע. אָבער דער אויטאָנאָמיסטישער סוראָגאַט איז נישט ביכולת צו פאַרטרעטן מלוכהשקייט אין אַ פריייהייטלעכן לאַנד־רעזשים.

ווען דובנאָוו האָט פאָרמולירט זיין טעאָריע וועגן אַ וועלטלעכער, אויף יידיש באַזירטער, נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, האָט ער נישט געוואוסט, אַז אין דער זעלביקער צייט האָבן די טעאָרעטיקער פונעם אויסטראָ־מאַרקסיזם, רענער און בליער, פאָרמולירט אַן ענלעכע טעאָריע לגבי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע. אַ טעאָריע, אין וועלכער עס איז געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם לגבי איין נאַציאָנאַליטעט: לגבי די יידן, וועלכע די

אויסטראָ־מאַרקסיסטן האָבן פאַרמשפּט אויף אַסימילאַציע. אין אָט דעם קאָנטעקסט דאַרף מען לכל הפּחות אונטערשטרייכן דאָס פּאָזיטיווע אין דובנאָווס טעאָריע, זיין קאַמף קעגן אַסימילאַציע. כידוע, האָט דער „בונד" איבערגענומען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פון ביידע קוואַלן: פון אויסטראָ־מאַרקסיסטישן און פון דובנאָווישן, צוגעבנדיק צו זיי אַ סך אייגנס. פון דובנאָווס טעאָריע האָבן אויך געגנאָסן די סיימיסטן און אַנדערע שפּעטערדיקע אויטאָנאָמיסטן. אַזוי אַרום, ווי מען זאָל זיך נישט באַציען צו אַ ריי געדאַנקען און קאָנצעפּציעס פון דובנאָווס טעאָריעס אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע, דאַרף מען אָבער זאָגן, אַז אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט דער דובנאָוויזם אויסגעאיבט אַ בולטע השפּעה אויפן יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק און געשטויסן צו אַ ריי רעאַליזירטע פאָרמען, וועלכע געהערן אָבער היינט צו דער געשיכטע.

ווי געזאָגט, האָט דובנאָוו געהאַלטן יידיש און די יידישע קולטור פאַר איינע פון די יסודותדיקע עלעמענטן פון יידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. פון זיינע ערשטע טריט אַלס פּובליציסט האָט ער זיך אינטערעסירט מיט דער יונגער ליטעראַרישער שאַפונג אין יידיש. ער האָט געשריבן און פּאָפּולאַריזירט די ווערק פון מענדעלע מו"ס, מיט וועלכן עס האָבן אים געבונדן פעדים פון האַרציקער פריינדשאַפט. ער האָט סטימולירט און דערמוטיקט שלום־עליכמען. דובנאָוו איז געווען אַ טאַ־לאַנטפולער ליטעראַטור־קריטיקער, אַ טיפער קענער פון דער וועלט־ליטעראַטור און — הגם אַ היסטאָריקער, וואָס איז אַריינגעטאָן אין „טרוקענע" דאָקומענטן — אַ מענטש מיט אַ פּאָעטישער נאַטור. אין זיינע ליטעראַטור־קריטישע אָפּהאַנדלונגען איז ער געווען זייער שטרענג, געפאָדערט אַ הויכן ניוואָ און אַ סאָציאַלן אינהאַלט, ביטער געביטשט גראַפאָמאַנען און מאַניערירטע דיכטער. ער איז געווען אַ פּאָזיטיוויסט און ווי אַזאַ האָט אים נישט געקאָנט געפעלן ווערן י. ל. פרץ. ווען עס איז דערשינען שלום־עליכמס „מעסערל", איז דובנאָוו אַנטציקט געוואָרן און האָט פאָראויסגעזאָגט שלום ראַבינאָוויטשן אַ גלענצנדיקע שרייבערישע צוקונפט, וועלכע איז טאַקע מקוים געוואָרן. אָבער ווען עס איז געדרוקט געווען „מאָניש", האָט דובנאָוו דער פּאָזיטיוויסט, ראַציאָנאַליסט און רעאַליסט, נישט געקאָנט תופס זיין פרצעס נאָוואַטאָרישקייט. אָט די איינשטעלונג איז געבליבן ביי אים ביזן סוף.

דובנאָוו איז געווען אַ קעגנער פון שטאַרקע ווערטער און פון סימבאָליק. זיין „אני מאמין" וועגן שרייבערישער שליחות און סטיל קאָן מען אַרויסדרינגען פון זיין פאָרמולירונג וועגן דעם אופן פון שרייבן געשיכטע. אָט ווי דובנאָוו האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דעם פּראָבלעם: „געשיכטע איז אַ וויסנשאַפט וועגן פאָלק און פ אַ ר ן פאָלק". מיט אַנדערע ווערטער: אַזוי דאַרף אויך זיין די ליטעראַטור: וועגן פאָלק און פאַרן פאָלק. דעריבער זיינען שמעון דובנאָוון געווען אַזוי נאָענט מענדעלע, שלום־עליכם, ביאַליק, פרוג, ספּעקטאָר און אפילו דינעזאָן. „מאָנישן", דעם מאָדערניזם, דעם סימבאָליזם האָט דובנאָוו נישט סובל געווען. שפּעטער האָט געדאַרפט ווערן אַנדערש. דובנאָווס אַרט אויפפאַסן דעם חסידיזם האָט פאַרמאָגט אַ סך ענלעכס צו דער אידייע פון פרצעס חסידישע מאָטיוון.

און זאָל געזאָגט ווערן נאָך עפּעס: דובנאָוו האָט אינעם בין השמשות פון זיין

לעבן רעווידירט געוויסע איינשטעלונגען. מיר האָבן שוין באַמערקט וועגן זיין באַציאונג צום ענין פאָלקס־פּראַנט אין יאָר 1938. אין יענער צייט האָט ער אויך וועגן דעם נייעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל געהעדט מיט גרויס אָנערקענונג. אין דעם פאָלקס־פּראַנט, וועגן וועלכן ער האָט געשריבן, האָט ער געזען אַן אָרט אויך פאַר די ציוניסטן, און אויך פאַרן „בונד".

3. די היסטאָרישע ווערק

דאָס שאַפן פון שמעון דובנאָוון דעם היסטאָריקער קאָן מען אַריינגעמען אין פיר טיילן:

א. היסטאָרישע פּובליציסטיק,
ב. זאַמלונגען און דאָקומענטן,
ג. מאָנאָגראַפיעס,
ד. סינטעטישע אַרבעט.

אָנגעהויבן האָט דובנאָוו מיט דרוקן היסטאָריש־פּובליציסטישע אָדער היס־טאָריאָזאָפישע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען. דאָס איז געווען אינעם ערשטן פּעריאָד פון זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין דער רוסיש־יידישער פּרעסע און פּעריאָדיק. אין דער נשמה פון מחבר האָט זיך דעמאָלט געראַנגט דער פּובליציסט, דער פּאָליטיקער, דער קעמפער פאַר רעהאַביליטירן און שיצן די יידן — מיטן היסטאָריקער, וועלכער שטרעבט צו פאָרשערישקייט און וויסנשאַפטלעכקייט. אַלס היסטאָריקער געפינט ער זיך נאָך אונטערן איינפלוס פון גרעצן, אָבער זיין אַנטיטעאָלאָגישקייט דיקטירט אים שוין דעמאָלט אויפצופאַסן געוויסע דערשיינונגען אַנדערש ווי דער באַוואוסטער אויטאָר פון דער „געשיכטע דער יודען". דובנאָווס גאַנצע היסטאָרישע פּובליציס־טיק האָט תמיד אַ קאָנקרעטן אַקטועלן ציל. די געשיכטלעכע באַטראַכטענישן דינען אים ווי אַ מיטל צו אַ קעגנוואַרטיקן צוועק.

דובנאָווס ערשטע היסטאָריש־פּובליציסטישע אַרבעטן זיינען פאַרבונדן מיט די אינערלעכע איבערלעבענישן און שטימונגען פון דער יידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד תחילת די 80ער יאָרן, ווען עס זיינען אויסגעבראָכן די ערשטע פּאָ־גראָמען און עס איז געקומען דער רוף פון ד״ר פּינסקער אין זיין בראָשור „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע". דובנאָוו האָט דעמאָלט אָנגעשריבן אַ ריי אַרטיקלען, אין וועלכע ער אַקצענטירט צוויי גרונט־שטראָמען אין דער יידישער געשיכטע: דעם אָרטאָ־דאָקסישן שטראָם פון ר׳ עקיבא און דעם פריידענקערישן שטראָם פון אלישע אחר, אוריאל אַקאָסטאַ און ברוך שפּינאָזאַ. דובנאָווס ציל איז צו אָנטפּלעקן פאַר דער צעמישטער אינטעליגענץ די וועלטלעכע און פּראָגרעסיווע ווערטן אין דער יידישער קולטור־געשיכטע וועלכע זיינען ביז איצט פאַרשאָטנט געוואָרן דורך די תנאים, אמוראים, גאונים און רבנים. עלעהיי ער וואָלט געזאָגט צו דער אינטעליגענץ: איר קאָנט בלייבן שטאָלצע יידן, נישט מוזנדיק לייגן קיין תפילין און אָנערקענען דעם אויסשליסלעכן אויטאָריטעט פון די רבנים; איר קאָנט וויזן די „גוים", אַז יידישע קולטור איז נישט בלויז רעליגיע, נאָר אויך פרייער געדאַנק, אוריאל אַקאָסטאַ איז נישט קלענער פון דזשאָרדאַנאָ ברונאָ און גאַלילייִ. דובנאָוו וועט דעם דאָזיקן

געדאַנק איבערחזרן אין זיין עסיי וועגן דער יידישער רעליגיע און אין זיין אָפּ־האַנדלונג וועגן עמנואל הרומי, וואו ער וועט נאָכאַמאָל אַנטפּלעקן דעם גרעסטן יידישן רענעסאַנס־דיכטער, דעם וועלטלעכן פּאָעט פון פרייען געדאַנק, פיזישער ליבע און לעבנס־חכמה ווי אַ קעגנזאַץ צו די מחברים פון רעליגיעזער ליטעראַטור.

ווען עס איז געקומען דער ביילים־פּראָצעס (1913) האָט דובנאָוו אָנגעשריבן אַ ריי אַרטיקלען וועגן עלילת־דם אין אַמאָליקן פּוילן און רוסלאַנד. אויך די ערשטע אַרבעטן זיינע וועגן דעם „ועד ארבע ארצות" האָבן אומדירעקט געדאַרפט זיין אַ באַשטעטיקונג פאַר זיין אויטאָנאָמיסטישער טעאָריע, אויך זיינע אַרטיקלען וועגן שבתאי־צבי און יעקב פראַנק האָבן פאַרמאָגט אַ רמז פון אַקטועלער טענדענץ.

אָבער די אַלע אַרטיקלען, וואָס אַ ריי פון זיי זיינען געווען נייטיק אין זייער צייט, זיינען נאָך ניט קיין היסטאָרישע אין ריכטיקן זין פון וואָרט. דאָ און דאָרט קומט אפילו צום אויסדרוק אַ געוויסע אַפּריאָרישקייט און טענדענץ. ערשט דאָס יאָר 1892, ווען דובנאָוו לאָזט אַרויס זיין רוסישע בראָשור „וועגן לערגען געשיכטע" און אין העברייאיש אירס אַ קיצור א. נ. „נחפשה ונחקורה" (לאָמיר זוכן און פאָרשן), קאָן מיט רעכט געהאַלטן ווערן פאַר דער איבערברוך־דאַטע אין דובנאָווס אַנט־וויקלונג אַלס היסטאָריקער.

די דאָזיקע בראָשור איז געווען אַ רעוואָלוציע אין די קרייזן פון די יידישע הומאַניסטישע אינטעלעקטואַלן אין רוסלאַנד. דובנאָוו האָט גערופן צו נעמען פאָרשן די געשיכטע פון יידן אין מזרח־אייראָפּע, צו זאַמלען דאָקומענטן און פנקסים, זיך צו אינטערעסירן מיט דער יידישער געשיכטע. ער האָט אויפגעוועקט דעם היסטאָרישן באַוואוסטזיין פון די יידן. אונטערן איינפלוס פון אָט דעם רוף איז אַנטשטאַנען אין פעטערבורג די יידישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט אין די יאָרן 1897־1910 אַרויסגעגעבן דריי בענדער „רעגעסטי אי נאַדפּיסי" צו דער געשיכטע פון די יידן אין רוסלאַנד און פּוילן. אין יאָר 1901 האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט אַרויסגעגעבן די ערשטע זאַמלונג פון יידישע פאָלקס־לידער אין מזרח־אייראָפּע און אין יאָר 1908 געגרינדעט דעם ערשטן אַלרוס־לענדישן יידישן היסטאָרישן זשורנאַל "יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", וואו דובנאָוו איז געווען שעף־רעדאַקטאָר און וואו עס האָבן זייערע ערשטע אַרבעטן געדרוקט באַלאַבאַן, שאָר און שיפּער פון פּוילן (גאַליציע) און יולי העסען, מ. ווישניצער און ש. אַנסקי פון רוסלאַנד.

דובנאָוו איז געווען נישט בלויז אַ וועקער און מאָנער, נאָר אויך אַ זאַמלער. איינס פון זיינע וויכטיקסטע ווערק איז געווען די פּובליקאַציע פון די פּראָטאָקאָלן און תקנות פון ועד מדינת ליטע. דאָס בוך „פּנקס מדינת ליטא", וואָס איז אַרויס אין בערלין אין 1925, איז אַ גרונטיקער קוואַל פאַר אַלע וויטערדיקע פאָרשער פון דער עקאָנאָמיק, געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, שטייגער און שפּראַך פון די יידן אין דער אַמאָליקער ליטע, וועלכע איז געווען אַ טייל פון דער „זשעטשפּאָס־פּאָליטאַ" (דעם „פּנקס מדינת פּולין" האָט אַרויסגעגעבן אַ סך שפּעטער דער ירושלימער פּראָפעסאָר ישראל היילפּערין).

אַלס היסטאָריקער־מאָנאָגראַפיסט איז דובנאָוו באַרימט געוואָרן מיט זיין

ווערק וועגן לעבן־שטייגער פון די יידן אין פוילן אין 16טן י״ה און בעיקר מיט זיין גרונטיקער אַרבעט „די געשיכטע פון חסידיזם״. צו שרייבן די מאָנאָגראַפיע פונעם חסידיזם האָט זיך דובנאָוו געגרייט אין משך פון לאַנגע יאָרן. ער האָט געגנוי אויסשטודירט די גאַנצע חסידישע ליטעראַטור, געמאַכט שטודיום־רייזעס קיין וואַרשע און גאַליציע, זיך באַקענט מיט דער עפּאָכע. אין רעזולטאַט איז אַרויס־געקומען אַן ערשטקלאַסיקע מאָנאָגראַפיע, וועלכע האָט נישט איר גלייכנס ביזן היינטיקן טאָג.

אין דער „געשיכטע פון חסידיזם״ דערשיינט דובנאָוו ווי אַן עכטער נאָוואַטאָר. ער שטעלט זיך אַקעגןביידע עקסטרעמע טענדענצן לגבי דעם חסידיזם: די חסידיש־אַפּאָלאָגעטיקער און מאַרטין בובערס סטיליזאַציע פון איין זייט און דעם דעמאַסקירערישן טאָן פון משכילישן און נאָך־משכילישן דור (גרעץ) — פון דער צווייטער. ש. דובנאָוו גייט צו צום חסידיזם נישט ווי צו אַ רעליגיעזער סעקטע, נאָר ווי צו אַ געזעלשאַפטלעכער דערשיינונג און נעמט אים אונטער אַ פּראָזשעקטאָר פון זיין וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז. ער דערשפּירט דעם לעגענדאַרן מאַטעריאַל און קאָנפראָנטירט אים מיטן פאַקטישן. ער זעט דעם חסידיזם דינאַמיש, אין זיין אַנטוויקלונג, אין זיין אויפקום ווי אַ קעגנשטעלונג פון אַ רעליגיע פון האַרץ צו דער מתנגדישער רעליגיע פון טרוקענעם בלאַט, דערנאָך אין זיין וואוקס און אין דער שאַפונג פון צדיקישע דינאַסטיעס, און צום סוף אין זיין ירידה, וועלכע איז געוואָרן אַרויסגערופן צוליבן אויפקום פון פּראַקטישן צדיקיזם. ער אַנאַליזירט די סאָציאַלע לאַגע פון די יידן, די אַנטאַגאָניזמען, די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען. גיט אַ ברייטן אַנאַליז פון דער אורשפּרינגלעך־חסידישער אידעאָלאָגיע. און אויב אפילו דובנאָווס סאָציאַלער אַנאַליז איז נאָך נישט פולקום, בלייבט אָבער דאָך זיין „געשיכטע פון חסידיזם״ די בעסטע און אויסשעפּלעכסטע מאָנאָגראַפיע פון אָט דער גרויסער באַוועגונג ביי יידן אין 18טן און 19טן י״ה.

די העכסטע מדרגה האָט אָבער דובנאָוו דערגרייכט מיט זיין מאָנומענטאַלן ווערק, מיט דער צענבענדיקער „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק״, וועלכע ער האָט געשריבן אין משך פון קנאַפּע צען יאָר אין בדרך כלל זייער שווערע באַ־דינגונגען און וועלכע איז דערשינען בענדערווייז (אין אַ דייטשישער איבערזעצונג פון אהרן שטיינבערג) אין די יאָרן 1925־1929 אין בערלין. *).

שרייבן אַ פולע און אַלגעמיינע געשיכטע פון יידישן פאָלק איז איינע פון די שווערסטע אויפגאַבעס. די יידישע געשיכטע איז איינע פון די גרעסטע אין צייט (נאָך דער כינעזישער, אינדישער וכדומה), וואָרעם פון אַלע אַנטיקע פעלקער פון באַנטן מזרח האָט בלויז דאָס יידישע אויסגעדויערט ביזן היינטיקן טאָג. זי נעמט אַרום קרוב פיר טויזנט יאָר און גייט אַדורך אַלע פאָרמאַציעס. אָבער חוץ דעם האָט זי דעם ברייטסטן געאָגראַפישן פאַרנעם, זי האָט זיך אַנטוויקלט אין אַלע לענדער, וואו עס האָט זיך געשטעלט דער פוס פונעם יידישן שקלאַף, וואַנדערער

*) עטלעכע בענדער זיינען פאַר דער מלחמה אַרויס אין יידיש אין פאַרלאַג „קולטור־ליגע״. אַלע בענדער זיינען אַרויס אין יידיש נאָך דער מלחמה אין אַרגענטינע.

און קאָלאָניזאַטאָר. די יידישע געשיכטע איז אַ וועלט־געשיכטע הן אין צייט־פאַרנעם, הן אין טעריטאָריע־פאַרנעם. אַזוי אַרום פאָדערט זיך פון אַן אַלגעמיינעם יידישן היסטאָריקער נישט בלויז די קענטעניש פון די באַדינגונגען פון דעם רוב לענדער פון דער וועלט, נאָר אויך באַזונדערע פייאיקייטן פון קאָנסטרוקציע. די חכמה פון סינכראָניזירן אַלע תקופות אין אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע ישובים איז די גרונט־גאַראַנטיע פאַר אויסבויען אַ וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק.

און די חכמה האָט פאַרמאָגט דובנאָוו. ער האָט אין צען בענדער קאָנסטרואירט אַ ריזיק בילד פון דער פיר־טויזנט־יעריקער יידישער געשיכטע אין אַלע לענדער וואו יידן האָבן געשאַפן ישובים. די וויכטיקסטע יידישע היסטאָריקער פון זיין דור ווי יצחק בער, עלבאָגען א. א., האָבן טאַקע אונטערגעשטראָכן דובנאָווס קאָנ־סטרוקציע־טאַלענט. ביי אים וועט זיך דער לייענער נישט פאַרפּלאָנטערן אינעם לאַבירינט פון די קרוב 6000 זייטן.

דובנאָוו טיילט איין די גאַנצע יידישע געשיכטע אין צווי גרויסע פּעריאָדן: דער מזרחדיקער און דער מערבדיקער. גייענדיק מיט זיין אָריגינעלן וועג פון העגעמאָנישע צענטערס, זעט דובנאָוו דעם פּעריאָד פון דער העגעמאָניע פון מזרח (דער מלוכהשער צענטער אין יודעאַ און דער צענטער אין בבל), דערנאָך פירט ער דעם לייענער פאַר דער האַנט דורך דער העגעמאָנישער תקופה פון ספרדישן יידנטום, פון אשכנזישן יידנטום, פון פּוילישן יידנטום, וואָס איז אַ קינד פון אשכנזישן. מיטן אויספאָרמירן זיך פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט טרעט אָפּ די קריטעריע פון העגעמאָנישן צענטער און עס קומען אויף תקופות מיט צענטראַלע פּראָבלעמען: דער צייטאַלטער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דער עמאַנציפּאַציע פון יידן (די טעזע), דער צייטאַלטער פון דער ערשטער רעאַקציע פון 1815 — 1848 (די אַנטיטעזע) און דער צייטאַלטער פון דער צווייטער עמאַנציפּאַציע פון 1848 — 1881 (אַ מין סינטעז) און דערנאָך קומט אַ פּרישער טריאַדע־ציקל: די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אין די 80ער און 90ער יאָרן, דער אָנהויב פון דער מאַסן־עמיגראַציע־באַוועגונג ביי יידן און דער לעצטער סינטעז ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה: די נאַציאָנאַלע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ביי יידן.

דובנאָוו האָט באַזירט זיין „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" אויף די נייסטע פאָרשונגען פון זיין צייט. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז שוין געווען כמעט אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט עס איז אַרויס גרעצס פילבענדיקע „געשיכטע דער יודען". אין משך פון דער צייט זיינען געקומען רעוואָלירנדיקע נייעסן אַדאַנק די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין פּאַלעסטינע, עגיפּטן, טראַנסיאָרדאַניע. עס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָקומענטן־זאַמלונגען פון דער געשיכטע פון יידן אין שפּאַניע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, פּוילן, ליטע, אונגאַרן, בעמען און מערן. עס זיינען אַרויס מאָנאָגראַפיעס פון קהילות. און דובנאָוו אַליין האָט אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט ביז איצט אומבאַקאַנטע פּנקסים, החלטות, דאָקומענטן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון די יידן אין רוסלאַנד. דובנאָווס געשיכטע איז געווען בשעתו דאָס סאַמע מאָדערנסטע ווערק פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע.

ער איז אָבער געווען אַ באַנייער אויך אין דער מעטאָדאָלאָגיע און אין דער אַלגעמיינער קאָנצעפּציע פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

ווי איז געווען די לאַגע אין דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין דער צייט, ווען דובנאָוו האָט גענומען שרייבן זיין „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק?"

קיין היסטאָריאָגראַפיע פון רוסלענדישן יידנטום איז נאָך נישט געווען. אין דעם געביט איז דובנאָוו דער אָנהייבער און גרונטשטיין־לייגער. ער איז דער קלאַסיקער פון דער יידיש־רוסלענדישער געשיכטע־שרייבונג

אין מערב־אייראָפּע, בפרט אין דייטשלאַנד, איז שוין דעמאָלט יאָ געווען אַ יידישע היסטאָריאָגראַפיע, וועלכע איז אַרויס און געבליבן פאַרבונדן מיט חכמת ישראל. אָבער דאָס איז געווען אַ געשיכטע פון יודאַאיזם און נישט פון יידישן פאָלק. די אָנהייבער פון דער יידיש־דייטשישער היסטאָריאָגראַפיע — צונץ, יאָסט, גייגער, — האָבן אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט געזען בלויז אַ גייסט און ליידן־געשיכטע. ביי זיי איז נישט בלויז נישט געווען קיין יידיש פאָלק, נאָר אפילו נישט קיין יידן, נאָר איזראַעליטן, ד. ה. מיטגלידער פון אַ רעליגיעזער געמיינשאַפט. גייגער האָט פון די תפילות אַרויסגעוואָרפן יעדע דערמאָנונג פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און פון נאַציאָנאַלער בענקעניש. גרעץ האָט געמאַכט אַ גרויסן שריט פאָראויס, זיין ווערק איז שוין אַ געשיכטע פון יידן, זיין סימפּאַטיע איז דורכאויס אויף דער זייט פון די קנאים, ער איז געגנוג פּראָגרעסיוו פאַר זיין צייט, און דאָך גייט זיין פּעריאָדיזאַציע לויט ליטעראַטור־סימנים און נישט לויט נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע. ביי אים איז פאַראַן אַ תקופה פון ביבל, פון תלמוד, פון די גאונים, פון די רבנים, פון רמבם, פון משה מענדעלסאָן. אַזוי אַרום איז נאָך אויך גרעצס געשיכטע אין אַ גרויסער מאָס די געשיכטע פון יודאַאיזם. אָבער דער יודאַאיזם — זאָגט דובנאָוו — איז אַ פּראָדוקט פון יידישן פאָלק און נישט פאַרקערט. דובנאָווס באַטייט באַשטייט אין דעם וואָס ער האָט באַפרייט די יידישע היסטאָריאָגראַפיע פון טעאָלאָגיע, וואָס ער האָט זי סעקולעריזירט, פאַרוועלטלעכט, וואָס ער האָט אויפן אָרט פון אַ געשיכטע פון אַ רעליגיע געשאַפן אַ געשיכטע פון אַ נאַציע, וואָס ער האָט די יידן נישט בלויז ווי אַן אָביעקט, נאָר אויך ווי אַ סוביעקט, ווי אַ מיטשעפער פון היסטאָרישן פּראָצעס. דובנאָוו איז צוגעגאַנגען צו די דערשיינונגען פון דער יידישער געשיכטע מיט אַ ראַציאָנאַליסטיש־קריטישן אַנאַליז, באַפרייט איר פאָרשונג פון אַפּאָלאָגעטיק, אָנגעווענדט אַ סאָציאָלאָגישן מעטאָד, שילדערנדיק אַזוי אַרום אויך די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און פּראָצעסן. אוודאי דערבליקט ער נישט דעם קלאַסן־פאַקטאָר און דעקלאַרירט זיך אַלס קעגנער פון דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, אָבער די מעטאָדאָלאָגישע און מעריטאָרישע ענדערונגען, וואָס ער האָט אַריינגעפירט, האָבן אַ שטויס געטאָן די יידישע היסטאָריאָגראַפיע פאָראויס. דובנאָוו איז דער שעפער פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאָלאָגישער אויפפאַסונג פון דער יידישער געשיכטע.

אין דובנאָווס קרוין־ווערק שפּיגלט זיך נאָך אָפּ אַ געוויסע געשיכטע פון העגעליזם, דאָס איז דאָס אָננעמען פאַר שכלדיק אַלץ, וואָס געשעט אינעם געשיכטלעכן

פּראָצעס. דובנאָוו נעמט, למשל, אַן פּאָר גלייכע און פּאָר גלייכבאַרעכטיקטעביידע קעגנזעצלעכע שטראָמען, וואָס האָבן געהערשט אין אַנטיקן יהודה אין דער צייט פון באַפרייערישן געראַנגל קעגן רוים: סיי די קעמפערישע און קאָמפּראָמיסלאָזע קנאים, סיי דער שלום־רודפדיקער און צופּאַסלערישער טייל פון די פּרושים, ביידע ווערן היסטאָריש באַרעכטיקט. עס זיינען פאַראַן צייטן, זאָגט דובנאָוו — ווען דאָס פאָלק רוקט אַרויס אויפן אויבערפלאַך די קעמפער, און פאַראַן צייטן, ווען דאָס פאָלק שטעלט אַוועק אין זיין שפּיץ די צופּאַסלער. אין דער היינטיקער איז דובנאָוו געווען הינטערשטעליק לגבי דעם „פאַרעלטערטן" גרעץ. די געשיכטע לערנט, אַז די צוויי שיטות זיינען קעגנזעצלעך און נישט דערגאַנצנדיק. ביי דובנאָוון, און ביי אַלע, וואָס גייען אין זיינע שפּורן, איז דאָס יידישע פאָלק און זיין רעליגיע אַ קאָנטינואַציע פון די פּרושים, וועלכע האָבן געלייגט דעם טראָפּ אויפן גייסט, אויף דער קולטור, בעת די קנאים האָבן געזען אין אידעאַל: נאַציאָנאַלע און אויך סאָציאַלע פרייהייט און אָן איר האָבן זיי נישט געזען קיין זין און טעם אין לעבן. דער סימבאָלישער שטרייט צווישן יבנה און מסדה אין משך פון דורות איז דאָך איינער פון די קען־צייכנס פון דער יידישער געשיכטע. דובנאָוו איז געווען פאַר יבנה, דאָס איז אַרויסגעדרונגען פון זיין טעאָריע פון אַ גייסטיקער נאַציע, וועלכע קען עקזיסטירן אפילו אָן אַ מאַטעריעלן באָדן. אָבער טראָץ דעם איז דובנאָוו דער היסטאָריקער אָביעקטיוו לגבי אַנדערע טענדענצן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיין „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" איז ממש אַן ענציקלאָפּעדיע פון וויסן וועגן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט.

עס וועט שוין באַלד ווערן אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט דובנאָוו האָט געענדיקט שרייבן זיין לעבנס־ווערק און עס איז שוין מער ווי דרייסיק יאָר, זינט די „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" איז אַרויס אין פולן קאָמפּלעט. אין משך פון דער צייט האָט די יידישע היסטאָריאָגראַפיע אַ שפּריין געטאָן מיט מייל־טריט פאָרויס. עס זיינען שוין אַ ביסל פאַרעלטערט געוואָרן דובנאָווס בענדער, וועלכע דערציילן וועגן אונדזערע אבות אין ארץ־ישראל פון אַלטערטום. די ישראלדיקע אַרכעאָלאָגן און פאָרשער יגאל ידין, אביגדור מזר האָבן קאָלאָסאַל באַרייכערט אונדזער וויסן, דער פאַרשטאָרבענער פּראָפ. יוסף קלויזנער האָט געגעבן אין זיין פיינפבענדיקער מאָנאָגראַפיע „היסטוריה של הבית השני" אַן אויסשעפּנדיק און וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט בילד פון דער תקופה פון אויפשטאַנד קעגן רוים, פּראָפ. יצחק בער און זיין סעמינאַר האָבן אַ סך געענדערט די פאָרשטעלונג וועגן די שפּאַנישע יידן און פּראָפ. שלום באַראָן פון אַמעריקע — וועגן יידישן קבלה־לעבן אין מיטלאַלטער. עס איז געוואַלדיק באַרייכערט געוואָרן די געשיכטע פון פּוילישן יידנטום (שאַצקי, פרידמאַן, געלבער, רינגעלבלום, מאהלער, היילפּערין, טרונק) און פון רוסישן יידנטום (די סאָוועטיש־יידישע היסטאָריקער הייליקמאַן, סאָסיס, מאַרגאָליס, יודיצקי, בראַכמאַן). עס איז אויפגעקומען אַ יידיש־אַמעריקאַנישע היסטאָריאָגראַפיע (שאַפּעס, בלאָך). מען האָט גענומען פאָרשן און אין אַ נייער ליכט אַוועקגעשטעלט די געשיכטע פון די מאַראַנען (פּראָפ. סעסיל ראָט פון ענגלאַנד, דר׳ באָלעסלאַוו לעווין פון אַרגענטינע) עס זיינען אויפגעקומען

היסטאָריקער פון רומענישן יידנטום (דר׳ הלוי), פון אונגאַרישן יידנטום (פּראָפ׳ שייבלער), פון בולגאַרישן יידנטום (דר׳ חנניאל און אשכנזי), פון יוגאָסלאַווישן יידנטום (די גרופּע פון „יעווריעיסקי אַלמאַנאַך״). עס איז צוגעקומען די גע־שיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין רעזולטאַט פון דעם נאַצישן פעלקער־מאָרד ווערט צוגעשריבן אַ ניי טראַגיש קאַפּיטל, די געשיכטע פון חורבן און ווידערשטאַנד, אין וועלכער עס ספּעציאַליזירט זיך צווישן אַנדערן, דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט.

אָבער די אַלע גרויסע דערגרייכונגען און נייקייטן זיינען נישט מסוגל צו פאַרשטעלן די גרויסע געשטאַלט פון שמעון דובנאָוו און זיין ווערק. עס דאַרפן קומען מילואים און הוספות, עס קאָנען קומען אויסבעסערונגען פון קאָנצעפּציע און מעטאָדאָלאָגיע־כאַראַקטער. אָבער דאָס, וואָס איז פאַראַן אין ש. דובנאָווס געשיכטע־ווערק, בלייבט אייביק, בלייבט אַן אייגנטום פון פאָלק. און חוץ זיינע ווערק האָט ער אונדז געלאָזט בירושה דעם גרונט־פאַקטאָר, וואָס האָט געקערע־וועט מיט זיין האַרץ, מוח און פען: די ברעגלאָזע ליבשאַפט צו זיין פאָלק. אַן דעם וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט אויפקומען אַזאַ „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק״ און אַזאַ „געשיכטע פון חסידיזם״. און אויב די קרובים, פריינט און תלמידים האָבן געהאַלטן פאַר ריכטיק אויסצוקריצן אויף גרעצס מצבה די ווערטער: „די ליבע צו זיין פאָלק האָט געפירט מיט זיין פעדער״, איז דאָס אין דער פולער מאָס ריכטיק לגבי דובנאָוון. צו אונדזער טיפן צער איז נאָך דעם גרעסטן יידישן היס־טאָריקער פון אונדזער דור נישט געבליבן נישט קיין קבר, נישט קיין מצבה, נישט קיין שפור פון זיין אומקום. עס איז געבליבן נאָכן גרויסן קדוש די טיפע דאַנק־באַרקייט אין האַרץ פון פאָלק. טאָ זאָל דאָס האַרץ פון אונדזער פאָלק טראָגן אין זיך די אייביקע אָנערקענונג פאַר שמעון דובנאָוו, וואָס די ליבע צו זיין פאָלק האָט געפירט מיט זיין פען.

1960

נחמן מייזיל

שמעון דובנאָוו און די יידישע שפּראַך

1.

שמעון דובנאָוו — דער פּראָפעסאָר פון דער גרויסער „וועלט־געשיכטע פונעם יידישן פאָלק”, דער לאַנגיאָריקער פאָרשער פון דער חסידישער באַוועגונג ביי יידן, און אין צייט אַ באַדייטנדיקער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער, — ש. דובנאָוו איז אויך געוועזן איינער פון די וויכטיקסטע טעאָרעטיקער פון אויטאָנאָמיזם און גייסטיקן נאַציאָנאַליזם, דער שטענדיקער „באַיאָער” פונעם גלות און דער אויס־געהאַלטענער טעאָרעטיקער־קעמפער פאַר יידישע נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר די רעכט פון דער יידישער שפּראַך אין די לענדער, וואו יידן וואוינען.

ש. דובנאָוו האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט אַרויסבאַפרייען פון דעם שפּראַכן־געראַנגל, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביי אים גופא אַלע יאָרן. רוסיש, העב־רייאיש, יידיש האָבן, פון סאַמע אָנהויב פון זיין געזעלשאַפטלעך־פאָרשערישער טע־טיקייט ביזן סוף פון זיין לעבן, געקעמפט אין אים און נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זייערע רעכט. אין אָט דעם העפטיקן שפּראַכן־געראַנגל, נישט געקוקט אויף ש. דובנאָווס טעאָרעטישע באַגרינדונגען, איז די יידישע שפּראַך אַרויס ביי אים נישט די זיגערין, נאָר די באַזיגטע: די אַנדערע צוויי שפּראַכן, רוסיש אָדער העב־רייאיש, האָבן ביי אים אָפּט באַהערשט דאָס יידישע מאַמע־לשון.

ווייזט אויס, אַז דער כוח פון דער סביבה, וואו ש. דובנאָוו איז געוואַקסן, די השפּעה פון זיינע נאָענטע פריינט, די אָנהענגער און פאַנאַטיקער פון רוסיש און העברייאיש, זיינען געווען שטאַרקער פון זיין אידייאישער איינשטעלונג, און יידיש איז אין ש. דובנאָווס פאָרשערישער און ליטעראַרישער טעטיקייט פאַרבליבן אַ ביי־זאַך. דער פּרינציפּיעל־אויסגעהאַלטענער ש. דובנאָוו, דער לאָגישער סיסטעמ־טיקער, דער פריידיקער פון גאַנצקייט, האָט נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון דעם שפּראַכן־ווידערשפּרוך, פונעם אייגענעם שפּראַכן־„ויתרוצצו”.

אין אָנהויב פון זיין פאָרשעריש־ליטעראַרישער קאַריערע איז ש. דובנאָוו — דאַן אַ מיטאַרבעטער פונעם רוסיש־יידישן „וואָסכאָד” אונטערן נאָמען קריטיקוס — געווען, ווי דאָס רוב יידיש־רוסישע אינטעליגענטן, אַ שאַרפער קעגנער פון יידיש. אין 1886, אין סאַמע ברען פון די הייסע שלאַכטן פאַר און קעגן דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט נאָך דאַן געטראָגן דעם נאָמען „זשאַרגאָן”, אין יענער צייט האָט דער יינגער 26־יאָריקער דובנאָוו, אַן אויטאָריטעטער און פיל־צוזאָגנדיקער פאָרשער, ווי געשריבן וועגן יידיש אין זיין אָפּרוף וועגן יהודה לייב גאָרדאָנס (יל״ג —

דער באַרימטער העברייאישער דיכטער) ביכל אין דער יידישער שפּראַך, „שיחת חולין”: „איך בין זיך מודה, אַז נישט אָן אַ געוויסן פּאַראורטייל זיינען מיר צוגעטראָטן צו לייענען אָט דאָס קליינע ביכל, וואָס איז אָנגעשריבן דורך אַזאַ אָנגעזעענעם שריפטשטעלער פון דער יידישער (געמיינט העברייאישער—נ. מ.) ליטעראַטור. אונדזער פּאַראורטייל האָט זיך בעיקר באַצויגן צו דער פאָרם פונעם נייעם ווערק פון דעם דיכטער, אָדער ריכטיקער געזאָגט — צו זיין שפּראַך”. און דובנאָוו באַטאָנט: „די רעכט פונעם יידישן זשאַרגאָן אויף ליטעראַטור און בפרט אויף דיכטונג האָבן פון אַלע מאָל אויסגעזען אין אונדזערע אויגן צווייפלדיק. כדי צו ווערן אַ ליטעראַרישע שפּראַך, דאַרף זשאַרגאָן פריער פון אַלץ פּשוט זיין אַ שפּראַך, דאָס מיינט — האָבן אַ פעסטגעשטעלטע גראַמאַטיק און פּראַזעאָלאָגיע, וועלכע זאָל נישט דערוועקן קיין שום חילוקי־דעות. זשאַרגאָן באַפרידיקט נישט אָט די פאָדערונגען. די זשאַרגאָנישע שפּראַך פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אומגעלומפּערטס (אין רוסישן — „ניעסאָאָבראַזנאָיע”—נ. מ.) און לעכערלעכס, די שפּראַך איז צוגעפּאַסט צו זייער אַ באַגרענעצטן קרייז באַגריפן”.

אין דעמזעלבן גייסט האָט ש. דובנאָוו אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט דאַן געהאַט אויסצושטיין פון פאַרשיידענע זייטן שטאַרקע פאַרפאָלגונגען און שאַרפע אָנפאַלן.

2.

אין יענער צייט, אונטערן דרוק פון די אויפגעוואַכטע כוחות אינעם יידישן פאָלק, וועלכע האָבן זיך גענומען אַרויסבאַפרייען פון דעם מיטלאַלטערלעכן רעליגיעזן יאָך און אַרויסבאַוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס און נייגיר צו דער ברייטער וועלט און צו אירע שאַפונגען, אין יענער צייט האָבן זיך באַוויזן יידישע שרייבער, וואָס האָבן מיט פלייס גענומען צעאַקערן דעם פאַרוואַרלאָזטן יידישן שאַפונגס־באָדן. א. ב. גאָטלאָבער, מענדעלע מוכר־ספרים, יצחק יואל לינעצקי, אברהם גאָלדפאַדען, יעקב דינעזאָן און די יונגע — מרדכי ספּעקטאָר און שלום־עליכם און י. ל. פּרץ. ווי פרילינג נאָך אַ וואַרעמען רעגן האָבן זיך גענומען ווייזן פון דער זאַפטיקער שוואַרצערד שפּראָצונגען, און אַ מענטש אָן עמפּינדלעכער און אויפריכטיקער, מיט אַ געזונטן חוש פאַר אמתדיקע ווערק, ווי ש. דובנאָוו, האָט עס גלייך דערשפּירט. און עס האָט זיך שנעל געביטן זיין באַציאונג צו יידיש און צום יידישן שאַפן. מ. ספּעקטאָר האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זיינע זאַמל־ביכער „הויז־פריינד” און שלום־עליכם האָט גענומען גרייטן זיין „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק” און פאַרבעטן אין דעם זאַמלבוך די אָנגעזעענע העברייאישע און רוסיש־יידישע שרייבער, וואָס האָבן געקוקט אויף יידיש פון אויבן־אַראָפּ, מיט אַ פאַראַכטונג אָדער, אין בעסטן פאַל, מיט מיטלייד־געפילן.

און דער זעלבער דובנאָוו־קריטיקוס, וואָס מיט אַ צוויי יאָר צוריק, אין 1886, האָט ער געשריבן וועגן יידיש מיט ביטול און גרינגשעצונג, האָט שוין איצט גאָר אַנדערע ווערטער פאַר דער יידישער שפּראַך.

מיר ברענגען פונעם אַרטיקל (אינעם זעלבן „וואָסכאָד", 1888, ב' 10), וואו ש. דובנאָוו באַגרינדעט זיין נייע באַציאונג צו יידיש, גרעסערע אויסצוגן. אַט ווי עס פאָרמולירט ש. דובנאָוו זיין נייע אויפפאַסונג פון דער ראָלע פון יידיש: „אין אונדזער ליטעראַטור — זאָגט דובנאָוו־קריטיקוס — באַמערקט זיך זינט אַ קורצער צייט איינע זייער אַ מערקווירדיקע דערשיינונג. אַט די דערשיינונג קאָן מען בשום אופן נישט האַלטן פאַר אַ גיך־דורכגייענדיקע, צייטווייליקע; אדרבא, אורטיילנדיק לויט די אַלע סימנים, קאָנען מיר מיט זיכערקייט זאָגן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ נייע גייסטיקע באַוועגונג, וואָס איז פול מיט גאַנץ־וויכטיקע פאָלגן פאַר דער נאָענטער צוקונפט און וואָס קאָן אַרויסרופן אויף דער ליטעראַטור־אַרענע פיל נייע כוחות צו פאַרגרעסערן די לייענער־מאַסע מיט אַ נייעם פיל־צאָליקן קאָנטינגענט".

ש. דובנאָוו שרייבט ווייטער: „מיר רעדן איצט וועגן דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, וועגן דער באַשטרעבונג פון דער פאָלקס־שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן — דעם אַזוי־גערופענעם זשאַרגאָן — צו ווערן אַ ליטעראַרישע שפּראַך און צו באַשאַפן איר אייגענע ליטעראַטור, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו די גייסטיקע באַדערפעענישן פון דער מאַסע, ווי די שוין־עקזיסטירנדיקע ליטעראַטורן אויף העברייאישער און רוסישער שפּראַכן. אַט די באַשטרעבונג האָט זיך אַרויסבאַוויזן מיט באַזונדערער קראַפט אין די סאַמע לעצטע יאָרן. פאַר אונדזערע אויגן קומט פאָר אַ דערפרייענדיקער איבערגאַנג אינעם זשאַרגאָן פון לייכטע 'לובאָק'־ווערק (פּרימיטיווע—נ. מ.), מיט וועלכע ס'האָט זיך באַזן ברירה געשפּייזט די מאַסע, צו ערנסטע ווערק, צו ווערק, וואָס וועקן דעם געדאַנק, ווערק, וואָס ברענגען אַריין אַ פּראָטעסט, דערפרישנדיקן שטראָם אין דעם פאָלקס־אינטעלעקט. מיר זעען אין דער יונגער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור פיל־צוזאָגנדיקע אָנהייבן פון אַן ערנסטער שטייגער־בעלעטריסטיק, מיר זעען טאַלענטירטע שרייבער, וואָס טרעטן מונטער אַרויס, מיר באַמערקן דעם אויפקום פון אַ פּעריאָדישער פּרעסע, וואָס באַפרידיקט די אינטערעסן פון אַ געוויסן טייל פונעם לייענער־עולם — בקיצור, מיר זיינען עדות פון אַ פאָלקס־ליטעראַטור, וואָס הויבט זיך אָן צו אָרגאַניזירן, פון אַ פאָלקס־ליטעראַטור, וואָס איז אַדורכגעדרונגען מיט פאַרשיידנאַרטיקע אויפריכטיקע שטרעבונגען, און וואָס פאַרשטייט גוט די אויפגאַבן און פאָדערונגען פון דער היינטיקער צייט".

און ש. דובנאָוו פרעגט: „איז נאָרמאַל אַט די דערשיינונג? זיינען געזעצלעך אַט די באַשטרעבונגען? מיר ווילן שטעלן די פראַגע פינקטלעכער: דאַרף מען רעכענען אַט די דערשיינונג פאַר אַ נאַטירלעכע, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער רוסיש־יידישע מאַסע, מיט אירע טעגלעכע באַדערפעענישן, אָדער עס קומט פון אַ צופעליקן צונויפטרעף פון אומשטענדן, אַ קאַפּריז פון אונדזער קרענקלעכער עפּאָכע?"

ש. דובנאָוו שטעלט זיך אָפּ אויף די קולטור־געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען אינעם יידישן לעבן, אויף די ליטעראַטורן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך יידן

אין העברייאיש און רוסיש, און ער גייט אַריבער צו יידיש. ער באַהאַנדלט די פאַרשיידענע פאָרמען פונעם פאָלקס־שאַפן אין יידיש און ער זאָגט: „די ערשטע ערנסטע ביכלעך אויף זשאַרגאָן זיינען אויפגענומען געוואָרן דורך דעם רוב אויפגעקלערטע מענטשן מיט אומצוטרוי און אפילו פיינטלעך". און ש. דובנאָוו פרעגט: „איז עס יושרדיק? איז עס קלוג? דאַרף דען אַן אָרעמאַן, וואָס פאַרמאָגט בלויז הילצערנע לעפל, לחלוטין נישט עסן קיין געקעכץ און ער מוז הונגערן בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט נישט קיין זילבערן לעפל? איז עס יושרדיק אָפּצוזאָגן אַ דורשטיקן אין אַ ביסל וואַסער בלויז דערפאַר, ווייל ער קאָן עס טרינקען נישט פון אַ זילבערנעם, נאָר פון אַ ליימענעם קווערטל?"

און ש. דובנאָוו גייט ווייטער: „מיט וואָס איז די יידישע שפּראַך ערגער פון דער בולגאַרישער שפּראַך אָדער בכלל פון די קליינע סלאַווישע, גערמאַנישע און ראָמאַנישע דיאַלעקטן, וואָס זיי זאָגט קיינער נישט אָפּ די רעכט צו האָבן ליטעראַטורן אויף זייערע אייגענע שפּראַכן? איז דען די צאָל יידן, וואָס רעדט זשאַרגאָן, ווייניקער פון דער צאָל טשעכן, בולגאַרן, וואָס האָבן זייערע זעלבסטשטענדיקע ליטעראַטורן (טשעכן זיינען דאָ עפּעס מער ווי דריי מיליאָן, בולגאַרן — ביי צוויי מיליאָן)?" און דערביי קומט דובנאָוו צו אַ וויכטיקן געדאַנק, וואָס האָט געוויס אין יענע צייטן אויסגעזען נאָך גאָר ניי (אגב, — צו אָט דעם געדאַנקענגאַנג איז אויך ש. י. אַבראַמאָוויטש געקומען, ווען ער איז אַריבער פון העברייאיש צו יידיש). ש. דובנאָוו דערקלערט: „ווייל משפּט נאָר אַליין: אַ ראָמאַניסט, אַ דערציילער, וואָס באַשרייבט דאָס שטייגערישע מאַסן־לעבן אויף רוסיש אָדער אין העברייאיש, איז געצוואונגען איבערצוזעצן די שמועסן און געדאַנקען פון די מענטשן, וואָס פיגורירן אין ווערק, פון זשאַרגאָן, אויף דער שפּראַך, וועלכע ער שרייבט, ווייל אָט די העלדן רעדן און דענקען אין זשאַרגאָן. דער זשאַרגאָנישער שרייבער אָבער דאַרף נישט אָנקומען צו אַזעלכע אומפּינקטלעכע און נישט־געטרייע באַשרייבונגען, ער קאָן איבערגעבן די רייד און די געדאַנקען פון די טיפן ווי עס איז אין דערווירקלעכקייט. הייסט עס, אַז ביים שילדערן דאָס יידישע לעבן איז זשאַרגאָן גאָר מער צוגעפּאַסט ווי די רוסישע און העברייאישע שפּראַכן".

„צו אָט דער אויפריכטיקער איבערצייגונג" — גיט צו ש. דובנאָוו — איז ער געקומען „נאָך פיל נאָכטראַכטענישן און וואַקלענישן", און די איבערצייגונג איז: „די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור קאָן און דאַרף עקזיסטירן באַגלייך מיט דער העברייאישער און רוסישער (געמיינט רוסיש־יידישער—נ. מ.) ליטעראַטורן".

3.

וואָס־ווייטער ווערט ש. דובנאָוו אַלץ־נעענטער צו דער יידישער ליטעראַטור, ער ווערט אפילו מיטגעריסן מיטן יידישן שאַפן.

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1889, אין אַן אַרטיקל „די נייע ביכער אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור" („וואָסכאָד", בוך 7), קאָנסטאַטירט שמעון דובנאָוו (קריטיקוס) מיט פרייד דעם ווייטערדיקן פּאַנאַדערוואוקס פון דער יידישער

ליטעראַטור. ער שרייבט צווישן אַנדערן: „דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט אָפּצושטעלן זיך אין אונדזער באַריכט אויף דעם מערק־ווירדיקן און באַזונדערס־דערפרייענדיקן פאַקט אין אונדזער ליטעראַריש־אומ־גליקלעכער צייט. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דעם ווידערגעבורט און באַנייאונג פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור אויף דער יידישער שפּראַך (אין רוסישן — „ראַזגאָוואָרני", — אגב, שוין מער נישט „זשאַרגאָן"—נ. מ.), וואָס קומט פאַר די לעצטע צייט; מיר האָבן אָנגעוויזן אויף איר קאָנטיקן איבערגאַנג פון ביליקע „מאַכערייקעס", צוגעפּאַסט צום גראָבן געשמאַק פון דער מאַסע, צו ערנסטע און נוצלעכע ווערק, וואָס זיינען מסוגל אויסצואיידלען דעם געשמאַק און צו ברענגען דער מאַסע מער־דערהויבענע גייסטיקע שפּייז. איצט קאָנען מיר מיט צופרידנ־קייט קאָנסטאַטירן, אַז אָט די נוצלעכע, וואוילטעטיקע באַוועגונג ווערט נישט נאָר ניט שוואַכער, נאָר אדרבא, זי שטאַרקט זיך אַלץ־מער, און אַז אונדזער באַנייטע פאָלקס־ליטעראַטור זעצט־פאָר איר אַנטוויקלונג אין דער פריער־אָנגעצייכנטער און אין אַ געוויסער מאָס פאַראויסגעזאָגטער פּראָגרעסיווער ריכטונג". און ש. דובנאָוו גיט צו: „כדי צו דערגרייכן נאָך גרעסערע רעזולטאַטן, איז נייטיק נאָך אַ לאַנגע, עקשנותדיקע און באַוואוסטזיניקע אַרבעט. מען דאַרף טאַקע שטרעבן דערצו, מ'זאָל אין דער צוקונפט פאַרזיכערן דעם נאָרמאַלן וואוקס פון אָט דעם יונגן, נאָך נישט־געענוג־באַפעסטיקטן צווייג פון דער יידישער ליטעראַטור".

ס'איז גרינג צו פאַרשטיין דעם גרויסן באַטייט פון אַזעלכע מיני ווערטער, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוועזן אין דעם מיוחסדיקן, אין יענער צייט נאָך גאַנץ אַסימילירטן פּעטערבורגער רוסיש־יידישן „וואָסכאָד". די אַרטיקלען פון דעם אויטאָריטעטן שרייבער קריטיקוס־דובנאָוו האָבן צוגעגעבן קוראַזש און מוט די יידישע שרייבער, די קעמפער פאַר יידיש.

אין די בריוו פון שלום־עליכם צו ש. דובנאָוון פון יענער צייט (די יאָרן 1887־1889) זעען מיר, וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע ווירקונג דובנאָווס איינשטעלן זיך פאַר יידיש האָט געהאַט אויף דער יידישער וועלט. און מ'דאַרף צוגעבן, אַז אין „וואָסכאָד" (ווי אויך אין דער דעמאָלסטיקער העברייאישער פּרעסע) איז ש. דובנאָוו געווען אַן אויסנאַם מיט זיין פּאָזיטיווער באַציאונג צו יידיש. „דער צו־פעליקער פעליעטאָניסט" (פּסיידאָנים פונעם דיכטער ש. פרוג) האָט אין אַ בייסיקן פעליעטאָן אפילו אָפּגעחוזקט פון יידיש, באַצייכנט די שפּראַך ווי אַ „צייטווייליקע און אומפאַרמיידלעכע צרה" און גלייכצייטיק אויך אָנגעגריפן שלום־עליכמען. אַדאַנק די באַמיאונגען פון ש. דובנאָוו, איז אין „וואָסכאָד" אָפּגעדרוקט געוואָרן שלום־עליכמס „אַ בריוו אין רעדאַקציע" — אַן ענטפער דעם „צופעליקן פעליע־טאָניסט". שלום־עליכם איז געווען שטאַרק דאַנקבאַר ש. דובנאָוון פאַר אָט דער טובה.

אין אַ בריוו פון 2טן סעפּטעמבער, 1887, שרייבט שלום־עליכם צו דובנאָוון: „... איך ווייס נישט, מיט וואָס איך קאָן אייך אָפּדינען פאַר דער גרויסער טובה, וואָס איר האָט מיר געטאָן. איך בין פולשטענדיק זיכער, אַז אָן אייער מיטוויר־

קונג, וואָלט דער בריוו נישט געדרוקט געוואָרן. — — — איך האָב בלויז געוואָלט פאַר די „וואָסכאָד"־לייענער, וואָס דאָס רוב קוקן זיי אויף זשאַרגאָן מיט די אויגן פונעם „צופעליקן פעליעטאָניסט", אַוועקשטעלן מיין געליבטן יידיש אין אַ שענערן ליכט, אַזוי ווי עס (דאָס יידישע לשון) פאַרדינט, מיט וואָס איר, ווי איך זע, זייט אויך מסכים. צום באַדויערן, טיילן נישט קיין סך אונדזער מיינונג. אַנדערע קוקן באמת אויף אונדז ווי אויף קליינע מענטשעלעך, ווי אויף פּימפּערלעך; אַנדערע הויבן מיט די אַקסלען פון פאַרוואונדערונג; אַנדערע ווידער, וואָס קוקן אויף אָט דער נייער ליטעראַטור דורך די געלע אויגן פון שנאה, ווערן פאַרברענט פון כעס. אין אָט אַזעלכע באַדינגונגען קומט אונדז אויס צו אַרבעטן... דאַרף איך אייך דעריבער דאַנקען פאַר אייער מיטהילף..." (ש. דובנאָוו — "פון זשאַרגאָן צו יידיש", פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע, 1929, ז' 71).

אין אַ צווייטן בריוו צו ש. דובנאָוון שרייבט שלום־עליכם: „איך וויל האָפן, אַז נאָך אייער קומען קיין מסטיסלאַוו, וועט איר נישט פאַרגעסן זיך צוריק אומ־קערן צו אונדזער זשאַרגאָן, וועלכער פאַררעכנט אייך פאַר זיין הויכן קרוב נאָך דעם, ווי גאַנצע צען יאָר און אפשר מער, האָט אונדזער עמאַנציפּירטע שוועסטער, די רוסיש־יידישע ליטעראַטור, אינגאַנצן איגנאָרירט איר באַגאַבטע ייִנגערע שוועס־טער — יידיש".

אין אַ וויטערדיקן בריוו (אויגוסט 1889) שרייבט שלום־עליכם צו ש. דובנאָוון: „...אייער רעצענזיע איבערגעלייענט. איר זיינט דער איינציקער שרייבער, וועל־כער באַציט זיך מיט געפיל און הומאַניטאַריש צום אָרעמען זשאַרגאָן... ס'איז מיר שווער אויסצודריקן אייך די וואַרעמע דאַנקבאַרקייט, וועלכע כ'וואָלט אייך געדאַרפט אויסדריקן..."

געמיינט דעם אַרטיקל פון ש. דובנאָוו „די נייסן פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור" (וועגן שע"ס זאַמלבוך „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק")) וואָס איז געדרוקט געוועזן אין „וואָסכאָד"־ביכער יולי 1899.

4.

דאָס איז די מעטאַמאָרפאָזע, די איבערוואַנדלונג, וואָס שמעון דובנאָוו האָט אין יענע יאָרן אַדורכגעמאַכט אין זיין באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך און צו דער יידישער ליטעראַטור. אָבער אין דער צייט, וואָס אַ י. ל. פּרץ איז דאַן פון העברייאיש אַריבער צו יידיש, וואָס אַ דר' חיים זשיטלאָווסקי האָט זיך דעמאָלט פאַרבונדן מיט יידיש אויף שטענדיק, נישט צום אָפּטיילן, — איז שמעון דובנאָוו אַלץ פאַרבליבן בלויז אַ סימפּאַטיקער, אַ ליבהאָבער, אַ פאַרטיידיקער פון יידיש, אָבער זיין ווייַ־טערדיקע פאַרצווייגטע פאָרשעריש־ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אַלץ גע־פירט אין רוסיש און דערנאָך אויך אין העברייאיש.

אין זיין קורצן אַריינפיר צו דער סעריע אַרטיקלען (געשריבן אין 1925, טייל־ווייז אין יידיש) „פון זשאַרגאָן צו יידיש", זאָגט ש. דובנאָוו: „מיר איז באַשערט געווען אין די יונגע יאָרן צו שטיין ביי דער וויג פון אונדזער ליטעראַטור אין דער

פאָלקס־שפּראַך און שפּעטער צוקוקן זיך, ווי דאָס קליינע קינד, וואָס האָט אין יענער צייט געהייסן „זשאַרגאָן", איז אויסגעוואַקסן און האָט געקראָגן דעם ריכטיקן נאָמען יידיש".

ש. דובנאָוו, ווי מיר האָבן געזען, האָט נישט בלויז „זיך צוגעקוקט" צו דער ראַשיקער ענדערונג, נאָר ער האָט אויך שטאַרק מיטגעהאָלפן דעם „וואוקס" פונעם „קינד" און פאַרגיכערט דעם איבערוואַנדלונג־פּראָצעס פון זשאַרגאָן צו יידיש. אָבער ער אַליין איז, ווייזט אויס, צופיל געווען פּסיכאָלאָגיש און פּראַקטיש פאַר־בונדן מיט דער רוסישער שפּראַך, ער זאָל אײַנגאַנצן אַריבער, ווי זיינע נאָענטע פריינט מענדעלע און שלום־עליכם, צום יידישן שאַפן אין דער יידישער שפּראַך, וואָס „ביים שילדערן דאָס יידישע לעבן איז זשאַרגאָן מער צוגעפּאַסט ווי די רוסישע און העברייאישע שפּראַכן". ער אָבער האָט געהאַט צו טאָן מיט מער „אַבסטראַקטע" וועלטן און פּאַסירונגען, האָט ער נישט געהאַלטן פאַר נויטיק און פאַר מעגלעך אַריבערצוגיין צו דעם יידישן מאַמע־לשון. און ס'איז טאַקע געווען קשה, וואָס צווישן דער גרויסער רשימה פון ש. דובנאָווס 637 ווערק, פאָרשונגען, אָפּהאַנדלונגען, אַרטיקלען (זע דר' יוסף מייזעל — ש. דובנאָווס אָפּהאַנדלונגען, אין בערלינער „סאָצינאַ־בלעטער", 1926) זיינען דאָ אַרבעטן אין דער יידישער שפּראַך, געשריבן דורך דובנאָוון גופא אין יידיש, בלויז געציילטע נומערן *). און אויך אין די ווײַ־טערדיקע יאָרן האָט ש. דובנאָוו די „געשיכטע פון חסידות", אָט די באַוועגונג, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט יידיש, געשריבן גאָר אין העברייאיש, און זיין לעבנס־געשיכטע „קניגאַ זשיזני", אויף וועלכער ער האָט געאַרבעט די לעצטע יאָרן, האָט ער געשריבן ווידער אין רוסיש — הגם קיין רוסישע צייטשריפטן און פאַרלאַגן זיינען אין די לענדער, וואו ער האָט דאַן געוואוינט, נישט געווען.

דאָס איז געווען ביי ש. דובנאָוון אַ שוואַכקייט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט גובר זיין אין זיך. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פונעם שפּראַך־דואַליזם, און נאָך מער — אָפטמאָל איז ער דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט אָפּט באַרעכ־טיקט, אַז יידן זאָלן זיך באַנוצן מיט פאַרשיידענע שפּראַכן, וואָס „קאָנען און דאַרפן" עקזיסטירן אין און פאַר דעם יידישן פאָלק. און ש. דובנאָוו, דער הייסער קעמפער

*) אין 1940 האָט ש. דובנאָוו גופא צונויפגעשטעלט אַ גאַנץ־גענויע „אויטאָ־ביבליאָגראַפיע" (אַ כראָנאָלאָגישע רשימה פון זיינע ביכער און אַרטיקלען אין רוסיש און אין אַנדערע שפּראַכן), וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זיין 3טן באַנד „קניגאַ זשיזני" (ז"ז 163־189). אויף רוסיש זיינען אָנגעגעבן 275 פּאָזיציעס (פון יאָר 1881 ביזן יאָר 1939), וואו ס'קומען אַריין אויך פיל דיקע, וואָגיקע בענד, אַלע געשריבן דורך ש. דובנאָוון. אין העברייאישן — 45 פּאָזיציעס (פון 1892 ביז 1936) — דאָס רוב אַליין געשריבן אין העברייאיש. אין יידיש — 58 פּאָזיציעס (פון 1907 ביז 1939), פון זיי — פיל וויכטיקע ווערק איבערזעצט אויף יידיש דורך אַנדערע. זיין ערשטן אַרטיקל אין יידיש האָט ש. דובנאָוו געשריבן ערשט אין 1907, — 27 יאָר נאָך דעם ווי ער האָט דעביוטירט אין רוסיש (1881) און 15 יאָר, ווי ער האָט גענומען שרייבן העברייאיש. ש. דובנאָוו האָט דאָך געשריבן אַ פּרעכטיקן קערנדיקן יידיש.

פּאַר יידיש ביי יעדער געפּאַר, וואָס האָט געדראָט דער שפּראַך פון אינעווייניק אָדער פון דרויסן, האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז מיט זיינע וואַקלענישן אין דער שפּראַכן־פראַגע האָט ער אָפּגעשוואַכט די פּאָליטישע און קולטורעלע פּאָזיציעס פון דער יידישער שפּראַך אין פאַרשיידענע לענדער.

אין פאַרשיידענע צייטן, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן איז ש. דובנאָוון, אין זיינע וויכוחים מיט יידישע דענקער־סאָציאָלאָגן, אויסגעקומען זיך אַרויסצוזאָגן וועגן דער יידישער שפּראַך, וועגן איר באַטייט אינעם יידישן לעבן, אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער געגנוואַרט, ווי אויך — וועגן אירע אויסזיכטן אין דער צוקונפט.

אָט איז ער אַ הייסער, שאַרפער פאַרטיידיקער, ווען ער האָט פאַר זיך אַ קעג־נער פון יידיש, און אָט פרעגט ער אָפּ איר אַבסאָלוטע רעכט ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, ווען ער האָט צו טאָן מיט אַן עקסטרעמען יידישיסט. דאָס זעען מיר באַשיינפערלעך אין זיינע וויכוחים מיט אחד־העם און מיט דר׳ ח. זשיטלאָווסקי.

מען דאַרף זיך באַקענען מיט אַלע דובנאָווס בריוו צו אחד־העמען, כדי צו האָבן אַ פולן באַגריף וועגן זיין, דובנאָווס, שטעלונג צו יידיש אין די אַלע יאָרן פון זיינע שריפטלעכע וויכוחים מיט זיין נאָענטן פריינט אחד־העם. צווישן די 24 בריוו פון ש. דובנאָוו, געשיקט צו אחד־העם, וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט אין „ספר שמעון דובנאָוו" (תל־אביב, 1954, דאָרט זיינען געבראַכט 254 דובנאָוו־בריוו), זיינען נישטאָ די בריוו פון ש. דובנאָוו פון 1909־1910, אויף וועלכע אחד־העם פאַררופט זיך אין זיינע תשובות. מוזן מיר זיך דערוויל באַגנוגענען בלויז מיט אחד־העמס ענטפערס.

אין אַ בריוו פון 27טן סעפּטעמבער 1909 שרייבט אחד־העם צו ש. דובנאָוון: „... איר זיינט גערעכט, ווען איר זאָגט, אַז ׳די פראַגע פון זשאַרגאָן וועט שטיין ווי אַ וואַנט צווישן אונדז׳. די דאָזיקע פראַגע ווערט אין אַ געוויסן זינען די ׳שבלת׳ פון ׳יידנטום׳"... און אחד־העם גיט צו: „בקיצור, פריינט מיינער, מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען אויפן שלאַכט־פעלד אין דער דאָזיקער מלחמה, און איך האָב נאָך נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז איר וועט זיך צוריקציען, ווען איר וועט זיך אַריינטראַכטן אין דעם ענין..." (זע, ז. זילבערצוויַיג — „אחד־העם און זיין באַציאונג צו יידיש", לאָס־אַנדזשעלעס, 1956, ז"ז 32־33).

און אין אַ צווייטן בריוו (פון 24טן פעברואַר 1910), אין ענטפער אויף דוב־נאָווס אַ בריוו, שרייבט אחד־העם: „... ווי איך האָב אייך שוין געשריבן דעם פאָריקן זומער, האָב איך געהאַט בדעה צו שרייבן וועגן דער זשאַרגאָן־פראַגע צוזאַמען מיט אַ תשובה אויף אייער ענטפער וועגן דער אויטאָנאָמיע־פראַגע. אָבער אין די לעצטע חדשים איז פאַרשאַרפט געוואָרן די זשאַרגאָן־פראַגע... — — — — אונדזער קריג (אַרום אויטאָנאָמיע—נ. מ.) האָב איך איבערגעלאָזט אויף אַן אַנ־דער צייט". און נאָך דעם ווי אחד־העם באַרירט אייניקע פונקטן וועגן דער ראָלע פון יידיש, גיט ער צו אין זיין בריוו: „... איך האָף, אַז איצט, נאָך דעם ווי איר האָט פאַרלאָזט די טריבונע פון פאַרטיי־וויכוחים, און איר זונדערט זיך אָפּ אין די ד׳ אמות פון וויסנשאַפט, וועט איר ווידער זיך אַריינטראַכטן אין דעם ענין,

און איר וועט מודה זיין, אַז פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז עס אוממעגלעך, אַז דער זשאַרגאָן זאָל באַליבט ווערן ביי אונדזער פאָלק אַלס 'נאַציאָנאַלע שפּראַך'..."

און ווידעראַמאָל קערט זיך אחד־העם אום צו דער פראַגע וועגן יידישן לשון. און אין זיין בריוו פונעם 26טן יאַנואַר 1911 שרייבט ער צו ש. דובנאָוון: "... עס איז מיר אומאַנגענעם צו באַרירן (ווידער) אונדזער אַלטע מחלוקת — וועגן זשאַר־גאָן. אָבער איך קאָן זיך נישט איינהאַלטן פון זאָגן אייך, אַז אויב איר האָט גע־לייענט וול. מעדעמס אַרטיקל אין זאַמלבוך 'יעווּרעיסקי מיר', איז אוממעגלעך, אַז איר זאָלט נישט זען, וואוהין די דאָזיקע באַוועגונג וועט אונדז פירן..." (ז' 50).

און אָט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין לאָנדאָנער "דזשואיש רעוויו" (אַן איבערזעצונג אויף ענגליש פון "גייסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק") ש. דובנאָווס אַן אָפּהאַנדלונג "די הויפּט־מאָטיוון פון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע", און אחד־העם ווערט אַלאַרמירט און ער שרייבט אַן אַ בריוו (פונעם 28טן פעברואַר 1911) צו ש. דובנאָוו און מאַכט אים אויפמערקזאַם: "...איין אָרט איז דאָרט פאַראַן, וואָס איר האָט, לויט מיין מיינונג, נישט באַדאַרפט ברענגען, ווייל דערפון זעט זיך דייטלעך אַרויס אייער 'זשאַרגאָנישע' טענדענץ פון דער לעצטער צייט. וואַרשיינלעך פאַרשטייט איר, אַז איך מיין אייערע ווערטער וועגן פאַרלאָזן דעם 'ספּעציעלן דיאַלעקט', אין וואָס איר זעט אַ נייגונג צו אַסימילאַציע, פּונקט ווי די גאַנצע צייט פון גלות ביז דעמאָלט וואָלטן די יידן שטענדיק גערעדט דעם ספּע־ציעלן דיאַלעקט, וואָס האָט זיי פאַרהיט פון אַסימילאַציע..." (ז' 57). *)

און אינטערעסאַנט: די גאַנץ־גרינטלעכע טענות און אַרגומענטן, וואָס אחד־העם שטעלט אַרויס קעגן ש. דובנאָוון אין זיין שטרייט אין דער שפּראַך־פראַגע, ברענגט ש. דובנאָוו אין זיין קאַמף קעגן דר' ח. זשיטלאָווסקין, ווען ער טרעט אַרויס קעגן אים, ווען ער, זשיטלאָווסקי, רוקט אַרויס אין פאָדערגרונט די גרויסע באַדייטונג פון יידיש.

אין זיין אַרטיקל וועגן דר' זשיטלאָווסקי (צו זיין 60טן געבוירנטאָג, פאַר־עפנטלעכט אין "זשיטלאָווסקי־זאַמלבוך" 1929, איבערגעדרוקט ווייטער אין דער זאַמלונג ז' 65) האָט ער צו אים טענות, וואָס "דער אויטאָנאָמיסטישער עלעמענט איז דאָ פאַרקירצט ביז צום לעצטן גראַד"... און וואָס ער שרייבט, אַז "די יידישע שפּראַך איז דאָ דאָס איינציקע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערט, וואָס אונדזער פאָלק האָט אַרויסגעטראָגן פון זיין געשיכטע און וואָס קאָן אים פאַרהיטן אויף להבא..." (ז' 69).

און ש. דובנאָוו חזרט איבער, מיט אַנדערע ווערטער, די אַרגומענטן פון אחד־העם: "... אָבער דאָס (די יידישע שפּראַך) איז דאָך נאָר אַ ירושה פון עטלעכע הונדערט יאָר. און וואָס מאַכט מען מיט אונדזער ירושה פון טויזנטער יאָרן? לערך אַ דריטל פון יידישן פאָלק רעדט נישט יידיש ביים היינטיקן טאָג און אין אַ פּאָר דורות אַרום קאָן נאָך אַ דריטל אָפּפאַלן פון דער פאָלקס־שפּראַך (באַזונדערס אין אַמעריקע) — דאַרפן מיר זיי מפקיר זיין אויף פולשטענדיקער אַסימילאַציע?"

*) מער וועגן דעם בריוו־אויסטויש פון אחד־העם און ש. דובנאָוו — אין מיין אָפּהאַנדלונג "אחד־העם און ש. דובנאָוו", "יידישע קולטור" נומ' 2, 1961.

און ער זאָגט ווייטער: „... יידיש איז אונדז טייער, און מיר מוזן דאָס באַ־נוצן ווי אַ פּאַראײיניקנדיקע קראַפט פאַר דער גרעסערער העלפט פון אונדזער פאָלק אין די נאָענטסטע דורות. אָבער בויען אויפן 'יידישיזם' די גאַנצע נאַציאָ־נאַלע קולטור — הייסט דאָס מפקיר זיין תיכף מיליאָנען יידן, וואָס רעדן נישט אין דער שפּראַך, און גרייטן צום באַנקראָט שפּעטער נאָך מיליאָנען".

און פּונקט ווי אחד־העם האָט מיט יאָרן פריער געהאָפט, אַז ש. דובנאָוו וועט אַרויף אויפן ריכטיקן וועג, אַזוי אויך האָפט ש. דובנאָוו, אַז דר' ח. זשיטלאָווסקי וועט אַרויף אויפן דרך־הישר: „... מיר ווילן גלויבן, אַז דער וואָס האָט אין די פינצטערסטע יאָרן פון אַסימילאַציע אַרויסגעשטעלט אונדזער נאַציאָנאַלע פאָן, וועט זי ברייטער פאַנאַנדערוויקלען נאָך דעם זיג פון דעם גרויסן וועלט־פּרינציפּ: רעכט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן" *).

5.

ש. דובנאָוו קאָן זיך נישט אַרויסרייסן פון די סתירות אַרום דער שפּראַכן־פראַגע ביי יידן.

אין דער הקדמה צו זיין בוך „פון זשאַרגאָן צו יידיש" (געשריבן מאַי 1929) רעדט ש. דובנאָוו וועגן די צוויי וואונדער, וואָס אונדזער דור האָט דערלעבט: „די אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך, וואָס איז שוין העכער צוויי טויזנט יאָר געווען נישט מער ווי אַ תפילה־ און בוך־שפּראַך, ווערט אין ארץ־ישראל אַ לעבעדיקע שפּראַך אין הויז, שול און גאַס; און די לעבעדיקע פאָלקס־שפּראַך פון מיליאָנען יידן, וואָס מען האָט נאָך נישט לאַנג באַהאַנדלט ווי אַ שטיפקינד אין דער ליטע־ראַטור, ווערט אַ רייכע ליטעראַטור־שפּראַך און דרינגט אַריין פון איר בעלע־טריסטישן תחום אין פּובליציסטיק און וויסנשאַפט". ש. דובנאָוו באַרעכטיקט דעם שפּראַכן־דואַליזם און זאָגט ווייטער אין דער הקדמה: „פאַרשטייט זיך, אַז די 'פרעמדע שפּראַכן' אין פאַרשיידענע לענדער וועלן נאָך ווייטער שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין אונדזער קולטור, פּשוט דערפאַר, וואָס פאַר גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק זיינען זיי געוואָרן אייגענע, מוטער־שפּראַכן, און מען מוז אַריינגיסן דעם אינהאַלט פון דער יידישער קולטור אין די דאָזיקע שפּראַך־כלים, ווי דאָס יידישע פאָלק האָט שטענדיק געטאָן אויף זיין לאַנגן וועג צווישן פעלקער און לענדער".

אָבער, שרייבט ש. דובנאָוו: „דער נייער דור מוז וויסן, אַז מיט פערציק־פופציק יאָר צוריק האָט זיך אפילו מענדעלען, שלום־עליכמען און אַנדערע 'זשאַר־גאָנישע' שרייבער נישט געחלומט, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען יידיש וועט קאָנען קאָנקורירן מיט העברייאיש אָדער נאָך מער מיט די 'געהויבענע' אייראָ־פּעאישע שפּראַכן אין דער מאָדערנער שול און ליטעראַטור, אין דער פּרעסע און אין וויסנשאַפט; אַז זי וועט אַזוי גיך פון אַ 'המון־שפּראַך' אויסוואַקסן צו אַן

*) זע מיין אַרטיקל: „פּראָפ. ש. דובנאָוו און דר' ח. זשיטלאָווסקי", „יידישע קולטור", נומ' 10, 1960.

אמתער פאָלקס־שפּראַך. אַ יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט מיט גרויסע אַקאַדעמישע בענדער, פול מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אין געשיכטע, עקאָנאָמיק, פילאָלאָגיע, עטנאָגראַפיע, פאָלקלאָר. פאַר אַ ווילדן פאַנטאַסט וואָלטן מיר געהאַלטן יענעם, וואָס וואָלט אונדז אַמאָל נביאות געזאָגט וועגן אַזאַ מעגלעכקייט. און דאָס ווערט דאָך געשאַפן פאַר אונדזערע אויגן, און דאָס איז נאָר אַ קליינע התחלה (הקדמה צו „פון זשאַרגאָן צו יידיש״, 1929)״.

וואָס־זשע פאַר אַן אויספיר האָט מען באַדאַרפט מאַכן פון דעם אַלעמען? וואָס פאַר אַ קאָנקרעטע פאָדערונגען דאַרף מען שטעלן זיך און אַנדערע? וואָס פאַר אַ מיסיע דאַרף איבערנעמען דער נייער דור?

ש. דובנאָוו מאַכט אַזאַ צוריקקער: „מען דאַרף נישט — שרייבט ער — פאַרקריכן אין שפּראַך־שאָוויניזם און מיינען, אַז נאָר דערמיט וועלן מיר ראַטעווען די יידישע קולטור. מען דאַרף נישט מבטל זיין אויך די אייביקע ראָלע פון אונדזער אַלט־נייער נאַציאָנאַלער שפּראַך און דעם גרויסן ווערט פון די אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישע שפּראַכן, וואָס זיינען פאַקטיש געוואָרן קולטור־שפּראַכן פאַר פאַרשיידענע טיילן פון אונדזער פאָלק״.

מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז צו יענער צייט, אין 1929, האָבן יידן אין די פאַרשיידענע „אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישע״ לענדער, אויסער אויף דייטש, רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש, — גענומען אויך שרייבן און שאַפן אין פויליש, שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, אוקראַיניש, ווייסרוסיש, לעטיש, ליטוויש, עסטאָניש, אונגאַריש, רומעניש, פיניש, האָלענדיש, שוועדיש, נאָרוועגיש, דעניש, — און ס׳איז לייכט זיך פאָרצושטעלן צו וואָס פאַר אַ בלבול־הלשונות (שפּראַך־צעמישונג) מיר וואָלטן געקומען, ווען מיר וואָלטן נישט געוואָרן קיין „שפּראַך־שאָוויניסטן״ און וואָלטן אָנגענומען די אַלע פרעמד־שפּראַכן ווי „קולטור־שפּראַכן״ פון אונדזער פאָלק און זיין קולטור.

דאָס איז אַ פּראָבלעם, אַ האַרבע פּראָבלעם, וואָס איז געוואָרן אַלץ שווערער און שאַרפער אין די לעצטע צענדליקער יאָרן. און ס׳איז דעריבער געווען זייער שווער צו לייזן דאָס פּראָבלעם, און אָנצייכענען אַ קלאָרן אויסוועג.

6.

דער שפּראַכן־גערעַנגל שטילט זיך אין ביי ש. דובנאָוון און ביי יעדער געלעגנהייט צעפלאַקערט ער זיך ווידער.

אין אַן אַרטיקל „די היסטאָרישע באַדייטונג פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט״ — צו דער ערשטער קאָנפערענץ פונעם אינסטיטוט (אָקטאָבער 1929, „ליטעראַרישע בלעטער״, ז׳ 43), שטעלט זיך דובנאָוו אָפּ אויף דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך — דעם „קולטור־אינסטרומענט פאַר דער גרעסטער העלפט פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע און אַמעריקע. גראַד נאָך דעם צעפאַל פון דעם גרעסטן יידישן צענטער אין רוסלאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע פאַראייניקונגס־קראַפט ליגט אין דעם דאָזיקן אינסטרומענט


בערלין 18/I 928

הערן נ. מייזיל, פארלאג קלעצקין
ווארשע

ליבער פריינד!

מיט פריינדלעכן גרוס ש. דובנאוו

פאַקסימיליע פון ש. דובנאָווס בריוו צו נחמן מייזיל, ווען דער קלעצקין־פאַרלאַג האָט געדרוקט ש. דובנאָווס בוך „פון זשאַרגאָן צו יידיש״.

פון אונדזער נאַציאָנאַלן אויפבוי... יידיש איז גראַד איצט אויסגעוואַקסן צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער, אָדער ריכטיקער — אינטערטעריטאָריעלער שפּראַך פונעם צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק. ווילנע, ריגע און קאָוונע, יאַס און טשערנאָוויץ רעדן זיך צונויף אויף דער דאָזיקער שפּראַך מיט ווין, בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן, מיט ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס און ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, מיט אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, וואו עס איז נאָר פאַרוואָרפן אַ הייפל יידן. הונדערטער טויזנטער נומערן פון טאָגבלעטער טראָגן פאַנאַנדער איןביידע וועלט־טיילן די דינאַמיק פונעם יידישן לעבן אינעם אַלטן מאַמע־לשון, וואָס ווערט אַלץ יינגער, שענער און רייכער..."

ש. דובנאָוו באַגרייפט איצט דעם קאָלאָסאַלן פּאָליטישן און קולטורעלן באַטייט פון יידיש. „ס'איז נאַטירלעך — זאָגט ער — וואָס אין דער לעצטער צייט האָט מען אָנגעהויבן אויסנוצן מער ווי אַמאָל די גרויסע קולטור־קראַפט פון יידיש אין לענדער מיט יידישע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס קעמפן פאַר קולטור־אויטאָנאָמיע. עס ווערט אַלץ ברייטער די נעץ פון שולן מיט דער יידישער לער־שפּראַך אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, אַלץ־רייכער די ליטעראַטור אויף דער שפּראַך, אַלץ־מער ווערט אַריינגעצויגן די אייראָפּעאיש־געבילדעטע אינטע־ליגענץ אין דער אַרבעט מיט און פאַר דעם פאָלק. און ס'איז נישט קיין וואונדער, וואָס אין די לעצטע יאָרן האָט מען אָנגעהויבן שאַפן אין דער פאָלקס־שפּראַך אויך אַ צענטער פאַר יידישער וויסנשאַפט, וואָס איז פריער געווען אַ מאָנאָפּאָל פון העברייאיש אָדער פון פרעמדע שפּראַכן".

אָבער אויך איצט כאַפּט זיך ש. דובנאָוו און באַוואָרנט זיך: „איך זאָג אָפן: דאָס איז אַ טייל פון אונדזער רענעסאַנס. די פירער פון דער נייער אַקאַדעמישער אָרגאַניזאַציע דאַרפן בשום אופן נישט זיין קעגן אַלע אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס סיי אין העברייאיש, סיי אין די לענדער־שפּראַכן. אין קיין לאַגער דאַרף נישט הערשן קיין שפּראַך־שאָוויניזם, קיין מאָנאָפּאָל פון דער אָדער יענער שפּראַך אַלס קולטור־אינסטרומענט. דאָס לעבן אַליין שאַפט אַזעלכע אינסטרו־מענטן... ווען אין אייראָפּע און אַמעריקע עקזיסטירן סעמינאַרן און אינסטיטוטן פאַר יידישער וויסנשאַפט אין דייטשער, ענגלישער און אַנדערע שפּראַכן, איז דאָס אַ לעבנס־נויטווענדיקייט. ווען עס ווערט איצט געשאַפן אין וואַרשע אַ יודאַאיס־טישער אינסטיטוט מיט דער פּוילישער לערן־שפּראַך, איז דאָס אויך אַ נויטיקע זאַך פאַר יענער (יידישער—נ. מ.) יוגנט, וואָס רעדט פּויליש..."

אָבער צי איז עס געווען ראַציאָנאַל, ריכטיק און נאַטירלעך פאַר אַ פאָלק אין דער זעלבער צייט צו שאַפן קולטור־אינסטרומענטן, אַרויסרוקן קולטור־פאַק־טאָרן און בויען ליטעראַריש־קינסטלערישע און קולטור־וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף אַ צוויי צענדליק שפּראַכן פון די אַלע לענדער, וואו מען איז צעזייט און צעשפּרייט? ווען מיר מיט אונדזער ביסל שווער־פאַרהאַרעוועטן ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכן האָב און גוטס נישט צעברעקלט און צעשטויבט ווערן אונטער די שווערע מיל־שטיינער פון דעם לעבן אין גאַר דער וועלט, ווען מיר וועלן זיך

לאָזן אויפן וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד ? קאָן מען אָננעמען די אומנאַרמאַלע לאַגע ווי זי איז און נישט האַלטן שטענדיק און עקשנותדיק אין זינען די יידישע שפּראַך, וואָס פּאַראייניקט גרויסע צאָלן יידן, ווי ש. דובנאָוו האָט פּריער אַליין באַטאָנט און פּאַרמערן און פּאַרשטאַרקן אירע אוצרות, וועלכע קאָנען דינען אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע יידישע ישובים ?

און ווי ש. דובנאָוו האָט דאַן געזען אין דער יידישער שפּראַך אַ גרויסן כוח און פּאַקטאָר, וואָס קאָן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אינעם קיום פונעם יידישן פאָלק, זעען מיר פון זיינער אַ באַגריסונג, וואָס ער האָט פּאַרעפנטלעכט (אין „ליטעראַרישע בלעטער" מערץ 1930) צום 5טן יאָרטאָג פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. ער האָט אָנגעהויבן זיין באַגריסונג מיט די ווערטער : „עס איז דאָ אַ שטאַרקער קולטור־אינסטרומענט ביים יידישן פאָלק — די שפּראַך פון מיליאָנען, וואָס פּאַראייניקט צעזייטע און צעשפּרייטע אין צענדליקער לענדער. וואָלט אַזאַ מעכטיקער אינסטרומענט געווען אויסגענוצט ווי געהעריק, וואָלטן מיר שוין לאַנג געקאָנט צוגעבן צו אונדזער אַלטער קולטור־טעריטאָריע אַ שטיק ניילאַנד, אַריינטראָגן פרישע כוחות פון פאָלקסמאַסן אין אונדזער גייסטיקן לעבן. עטלעכע דורות פון דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ האָבן די דאָזיקע גרויסע אויפגאַבע פּאַרנאַכלעסיקט, און ערשט אין אונדזערע צייט האָבן זיך באַוויזן הייסע, איבערגעגעבענע אַרבעטער אין דער נייער קולטור־באַוועגונג". און ש. דובנאָוו האָט פּאַרענדיקט די באַגריסונג : „... די נייע באַוועגונג זאָל זיין נישט אָן אָפּגעזונדערט רינגל, נאָר זי זאָל זיך אָרגאַניש איינגלידערן אין דער לאַנגער טויזנטיעריקער קייט פון אונדזער לעבן און שאַפן".

7.

אין 1931, אין דער צייט, וואָס ער האָט פּאַרענדיקט זיין לעבנס־ווערק אין צען בענדער, די „וועלט־געשיכטע פונעם יידישן פאָלק", געשריבן אין רוסיש און איבערזעצט פון מאַנוסקריפּט אונטער דער אויפזיכט פונעם מחבר אין דייטש, האָט שמעון דובנאָוו פּאַרפאַסט אַ קיצור פון זיין יידישער געשיכטע פאַר קינדער, אין יידיש (בערלין, 1932, 288 ז"ז). ש. דובנאָוו דערציילט, אַז „אַרום דרייסיק יאָר צוריק האָב איך געגעבן דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד אַ 'לערנבוך פאַר יידישער געשיכטע' אין דריי טיילן ... אַ גאַנצער דור האָט זיך דערצויגן אויף דעם דאָזיקן בוך, וואָס האָט אין רוסישן אָריגינאַל אויסגעהאַלטן 18 אויסגאַבן. חוץ דעם האָט זיך דאָס לערנבוך פּאַרשפּרייט אין איבערזעצונגען אויף העברייאיש, יידיש און ענגליש ... איצט וויל איך געבן פאַר יידישע קינדער פון אָנהויב־שולן אַ קליין ביכל, וואָס זאָל אין אַ קירצערער פאָרם פאַרשטעלן די לאַנגע געשיכטע פון אונדזער פאָלק ..." „דאָס מאָל — זאָגט ש. דובנאָוו — האָב איך געשריבן דאָס ביכל אין יידיש, וואָס איז אין דער לעצטער צייט געוואָרן די נאַטירלעכע לערנשפּראַך אין אונדזערע פאָלק־שולן ..."

ווענן דעם באַשלוס צוצוטרעטן אָנשרייבן דאָס געשיכטע־בוך פאַר יידישע קינ־

דער, האָבן מיר אַן אינטערעסאַנטע פאַרצייכענונג אין זיין טאָגבוך פונעם 28טן מערץ 1931 (ש. דובנאָוו איז דאַן אַלט געווען 71 יאָר.—נ. מ.): „... איך האָב באַשלאָסן אין דער ערשטער ריי זיך נעמען פאַר אַ קינדער־בוך, וואָס מ׳קאָן אָנשרייבן אין אַ האַלב יאָר. דאָס וועט זיין אַ באַנד פון 20 דרוק־בויגן (אַ 320 זייטן—נ. מ.) „יידישע געשיכטע, דערציילט פאַר יידישע קינדער" — די געשיכטע פון איין פאָלקס־משפחה אין לויף פון יאָרטויזנטער. איך וויל איבערלאָזן די קומענדיקע קינדער־דורות אַ בוך, וואָס זאָל זיי באַצווינגען ליב צו האָבן זייער פאָלק און, גלייכצייטיק, אַריינברענגען זיי די אידעאַלן פון מענטשלעכקייט. אָן דעם וואָלט איך געפילט, אַז כ׳האָב נישט אָפּגעצאָלט דעם פאָלק מיין חוב (ז׳ 101).

און אָט אַ צווייטע פאַרצייכענונג אינעם טאָגבוך פון 15טן אָקטאָבער 1931: „איך האָבן נעכטן פאַרענדיקט די קורצע „יידישע געשיכטע פאַר קינדער", וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן אין אַפּריל. 4000 יאָר געשיכטע אין אַ קליין ביכל — איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט. איך ווייס נישט, צי איך האָב געפונען דעם וועג צו דעם קינדס קאָפּ און האַרץ. אַמאָל האָב איך געהאַט אַן אַנדערן פּלאַן — אָנשרייבן אַ ביכל אין פאָרם פון האַרציקע שמועסן פון אַ זיידן מיט זיין אייניקל, און דערנאָך — אין דער פאָרם פון ביאָגראַפישע עפּיזאָדן אָדער געשיכטעס פון העלדן. אָבער עס איז אַרויס נישט דאָס נישט יענס, נאָר אַ קורצער לערבוך. דער העלד פון דער געשיכטע איז געבליבן דאָס גאַנצע פאָלק, די היסטאָרישע עפּאָכע שלאָגט זיך אָדורך דורך דער עלעמענטאַרער פאָרם פון דערציילונג. איצט באַדאַרף מען צוקלייבן פּאַסיקע אילוסטראַציעס און זוכן אַרויסגעבער אין אייראָפּע און אַמעריקע, וואָס ס׳איז נישט לייכט אין דער איצטיקער קריזיס־צייט" (ז׳ 103).

ש. דובנאָוו האָט דערפירט די וועלט־געשיכטע פונעם יידישן פאָלק ביז דער לעצטער צייט. אויף די לעצטע פאַר זייטלעך שילדערט ער בקיצור דאָס יידישע לעבן אין פאַרשיידענע לענדער. ער רעדט דאַן וועגן פּאַלעסטינע, ער שטעלט זיך אָפּ אויף די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פונעם דאָרטיקן לעבן אין פאַרבינדונג מיט די נישט־דערפילטע גרויסע האָפענונגען פון אַ נאַציאָנאַלער היים און ער פירט דאָך אויס: „אַלץ קלאָרער ווערט די איבערצייגונג, אַז אין ארץ־ישראל קאָן און מוז געשאַפן ווערן אַ גרעסערער ישוב, געבויט אויף אַ געזונטן עקאָנאָמישן גרונט און אַ נאַציאָנאַלער קולטור־צענטער, וואָס וועט זיין טייער דעם גאַנצן פאָלק". אָבער — גיט צו שמעון דובנאָוו — „די אויפבוי־אַרבעט אין ׳גלות׳, וואו עס וואוינען איבער 15 מיליאָן יידן, וועט דאָך בלייבן די גרעסטע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע".

ש. דובנאָוו דערפילט אַלצמער דעם גרויסן כוח פון די מיליאָנען יידן, וועמען מיר זיינען שולדיק גרויסע חובות און פאַר וועמען מיר זיינען פאַרפליכטעט צו שאַפן גרויסע ווערטן אין דער יידישער שפּראַך, וואָס איז זיי מער ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן, נאָענט און פאַרשטענדלעך און קאָן זיי ווערן נאָענטער און וויכטיקער.

אָבער דאָך...

אין 1930 שרייבט דובנאָוו די „געשיכטע פון חסידיזם" אין העברייאיש. „עס איז מיר באַשערט — שרייבט ער אין זיין הקדמה צום בוך — מיין גרעסטע יוגנט־

אַרבעט, די ׳געשיכטע פון חסידיזם׳, אויף דער עלטער איבערצואַרבעטן און צוצו־טראָגן זי אַ נייעם דור אין אַ נייער פאָרם״. וואָלט דאָך געווען מער ווי רעכט דאָס־אַ ווערק צוטראָגן אין יידישן לשון, דעם „קולטור־אינסטרומענט פאַר דער גרעס־טער העלפט פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע און אַמעריקע״. אָבער דאָס בוך האָט ש. דובנאָוו געשריבן אין העברייאיש, און ווי ער ווייזט אָן: „מחמת צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל דער גאַנצער מאַטעריאַל איז גענומען פון העברייאישע קוועלן — חסידישע און מתנגדישע, און עס איז וויכטיק, אַז די איבערזעצער אין אַנדערע שפּראַכן זאָלן נעמען די ציטאַטן פון ערשטן מקור; צווייטנס, ווייל איך האָב שוין לאַנג געוואָלט שרייבן ווייניקסטנס איין גאַנץ ווערק אין אונדזער אַלטער נאַציאָ־נאַלער שפּראַך, וואָס איך האָב זי נאָר זעלטן באַנוצט אין מיין ליטעראַרישער טע־טיקייט, נישט חלילה פון גרינגשאַצונג צו איר, נאָר ווייל ביי מיין פיל־יעריקער היס־טאָרישער אַרבעט וואָלט איך געדאַרפט האָבן נאָך אַזוי פיל יאָרן, כדי צו בילדן די אַלטע שפּראַך און צופּאַסן זי צו די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע באַגריפן...״

פאַרוואָס אָבער איז נישט געווען ביי ש. דובנאָוון אַלע יאָרן אַ ווילן „ווײ־ניקסטנס איין גאַנץ ווערק״ צו שרייבן אין דער יידישער שפּראַך?

ש. דובנאָוו פילט, ווייזט אויס, אַז די בײדע טעמים זיינען נאָך נישט קיין פולע פאַרענטפערונג, הלמאי ער האָט זיך פּלוצים גענומען צו העברייאיש, ווען ער האָלט אַליין אין פריידיקן יידיש, און ער גיט צו אַ דריטן טעם: „מיין פריינט אחד־העם, עליו השלום, פלעגט מיר אָפט פירהאַלטן פאַר דער ׳גויאישער׳ פאָרם פון מיינע ווערק און האָט איין מאָל גענומען ביי מיר אַ וואָרט, אַז איך וועל לכל־הפּחות מיין ׳חסידיזם׳ שרייבן העברייאיש אין דער נייער אויסגאַבע. דאָ בין איך מקיים דעם נדר, וואָס איז געווען אויך מיין אינעווייניקסטער וואונטש״.

א. טשעריקאָווער, דער תלמיד און נאָענטער פריינט פון ש. דובנאָוו, דערציילט אין זיין יובל־אַרטיקל וועגן ש. דובנאָוו („ליטעראַרישע בלעטער״, 1930, נומ׳ 34), אַז ש. דובנאָוו האָט אים דערקלערט, הלמאי ער שרייבט דאָס ווערק איבער חסידיזם אין העברייאיש אָט ווי אַזוי: „... איך ווייס גוט, אַז די שפּראַך פון די קוועלן צו דער אַרבעט איז אייגנטלעך גאָר קיין העברייאיש נישט אינעם מאָדערנעם זין, ס׳איז אַ מין העברייאיזירטער יידיש; די באַוועגונג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין יידיש, די חסידישע ׳תורות׳, ווי אויך פיל אַנטי־חסידישע ׳כרוזים׳ זיינען אין יידיש; עס לאָזט זיך אַזוי לייכט שרייבן אין יידיש וועגן חסידיזם — אָבער אַ וואָרט איז אַ וואָרט (אַ וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן אחד־העמען—נ. מ.).״

8.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָט שמעון דובנאָוו אַרויסגעגעבן אַ בוך דערינערונגען „קניגאַ זשיזני״ — „בוך פון לעבן, זכרונות און מחשבות, מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון מיין צייט״. דער ערשטער באַנד נעמט אַרום די צייט פון ערב די זעכציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט (ש. דובנאָוו, ווי באַקאַנט, איז געבוירן 1860) ביזן קעשענעווער פּאָגראָם (1903). אין זיין פאָררעדע צום בוך דערקלערט ער,

פאַרוואָס דאָס דאָזיקע ווערק גיט ער אַרויס אין רוסיש: „ס׳קאָן אויסקומען מאָדנע, וואָס איך שרייב און איך דרוק איצט מיינע זכרונות אויף רוסיש, נאָך דעם, ווי די יידישע ליטעראַטור אויף דער שפּראַך האָט שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירן, און מיינע ווערק פון דער לעצטער צייט האָבן זיך געדאַרפט דרוקן אויף דער יידישער („יעווריעסקאָם״) און אַנדערע שפּראַכן.״

פאַר דעם מחבר גופא איז געווען אַ פראַגע, פאַרוואָס ער שרייבט דאָס בוך אויף רוסיש, ווי ס׳איז ביי אים גופא געווען פריער מיט עטלעכע יאָר אָפּגעפרעגט, פאַרוואָס ער שרייבט וועגן חסידיזם אין העברייאיש. ש. דובנאָוו באַמיט זיך צו פאַרענטפערן די האַרבע קשיא: „איך האָב דאָס געטאָן צוליב פאַלגנדיקע מאָטיוון: ערשטנס, קומט מיר דאָ אויס, כדי צו דאָקומענטירן די דערציילונג, צו ברענגען אַ סך רוסישע ציטאַטן, וואָס איך האַלט פאַר נויטיק איבערצולאָזן אין אָריגינאַל. צווייטנס, — און דאָס איז דער עיקר, — האָב איך געוואָלט מיין לעצט בוך אָנשרייבן אויף דער שפּראַך, וועלכע האָט מיר געדינט פאַרן וויכטיקסטן ליטעראַרישן געווער אין משך פון פערציק יאָר. אַמאָל האָט מיך באַגייסטערט די שטימונג אויפצו־הויבן די רוסיש־יידישע ליטעראַטור, אַלס דעם וויכטיקסטן טייל פון דער אוני־ווערסאַלער ליטעראַטור פון יידן אין פאַרשיידענע לענדער („דיאַספּאָראַ״ — גלות) אויף דער הויך פון דעם מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק. נאָכן פאַנאַנדערפאַלן פון גרויסן יידישן צענטער אין רוסלאַנד, איז מיר באַשערט געווען צו באַגראָבן די דאָזיקע האָפענונג און, פאַרן פאַרלאָזן דאָס פאָטערלאַנד, צו האַלטן אַ הספד איבער דער פרייצייטיק־אונטערגעגאַנגענער ליטעראַטור פאַר די פאַרשטייער פון צוויי דורות אונדזער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אויף איר דערצויגן. און איצט, נאָך מיין אומקערן זיך צו די צוויי שפּראַכן פון אונדזער פאָלק, וויל איך אָפּגעבן דעם לעצטן חוב דער פאַרשטאָרבענער, שטעלנדיק איר אַ דענקמאָל אויף איר שפּראַך.״

די פאַרענטפערונג, פאַרוואָס ער שרייבט זיינע זכרונות דווקא אין רוסיש, איז נישט גענוג קלאָר באַגרינדעט, זי שטרייכט אָבער אונטער דובנאָווס ניט־שטאַנדהאַפ־טיקייט בנוגע צו יידיש.

9.

שמעון דובנאָוו גופא האָט אין זיין זכרונות־בוך, „קניגאַ זשיזני״ באַרירט איינציקע מאָל די שפּראַכן־פראַגע, די שטרייטן אַרום איר ראָלע און באַטייט אינעם יידישן לעבן. ער האָט אַנאַליזירט זיין איינשטעל און שטעלונג צו די קאַמפן און געראַנגלענישן, אין וועלכע ער איז אָפטמאָל, קעגן זיין ווילן אַריינגעצויגן געוואָרן.

אינעם דריטן באַנד פון זיינע זכרונות, דערציילט ער, ווי ער האָט זיך אין יאָר 1925 באַמיט אָװעקצוגיין פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, כדי צו קענען פאָרזעצן אומגעשטערט זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. און ער זאָגט: „נאָך איין מאָל אין יענער צייט האָט מען מיך אַריינגעצויגן אין פּאָלעמיק. אין פּוילן, אין דעם דעמאָלסטיקן קעסל פון די פּאַרטייאישעליידנשאַפטן, האָט זיך פאַרשאַרפט דער קאַמף צווישן די העברייאיסטן און יידישיסטן. די יידישע פּראַקציע אין

(פּוילישן) סיים, (די „קאָלאָ") דורכאויס אַ ציוניסטישע, האָט געשטימט קעגן דער רעגירונגס־סובסידיע פאַר די שולן מיט דער אונטעריכט־שפּראַך פון יידיש, נאָך דעם ווי דער סיים האָט אָפּגעוואָרפן די צוויי־שפּראַכיקע שול אויף יידיש און העב־רייאיש. קעגן אָט דער אָפּשטימונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ פּראָטעסט, אויף וועלכן איך האָב צוגעגעבן אויך מיין אונטערשריפט, ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז צוליב פּאַרטיי־אויסרעכענונגען טאָר מען נישט שעדיקן די פאָלק־שול, וואו מ׳לערנט אויף דער מוטער־שפּראַך פון די קינדער. דאַן האָבן מיך באַפאַלן די העברייאישע פאַנאַטיקער, און איינער *) פון זיי האָט מיך אין די ציוניסטישע אָפיציעלע צייטשריפטן „העולם" און „יידישע רונדשוי", באַשולדיקט, אַז איך סאָלידאַריזיר זיך מיט די עקסטרעמע יידישיסטן, די שונאים פון דער העברייאישער שפּראַך. ער האָט עס געטאָן אין דער פאָרם פון אַן אָפענעם בריוו צו מיר אין דיביידע זשורנאַלן, און איך בין געצוואונגען געווען אים צו ענטפערן. אין מיין „ענטפער צו די פאַנאַטיקער", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דיביידע וואָכנשריפטן, האָב איך זיך אָפּגע־גרענעצט פון די פּאַרטייאישע העברייאיסטן און יידישיסטן, כ׳האָב זיי פאַרגעוואָרפן זייער עקסטרעמען פאַנאַטיזם, און פאַראַכטונג צו דער אַנדערער שפּראַך. און דערביי האָב איך אַרויסגערוקט מיין באַקאַנטן פּרינציפּ ,אַז אין די גלות־לענדער באַדאַרף די נאָרמאַלע שול געפירט ווערן אויף דער מוטער־שפּראַך פון די תלמידים, אויסער יענע שולן, וואָס די שילער גרייטן זיך צו עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע, און אין יעדן פאַל דאַרף העברייאיש זיין איינער פון די געגנשטאַנדן ביים לערנען די ביבל און ליטעראַטור". (ז׳ 50).

און ש. דובנאָוו גיט צו: „אין עטלעכע חדשים אַרום בין איך צוגעגאַנגען צום שפּראַכן־פּראָבלעם פון דער היסטאָריש־ליטעראַרישער זייט. לויטן פאָרשלאָג פון דער גרויסער אַמעריקאַנער צייטונג „טאָג", האָב איך אָנגעהויבן שרייבן אַ סעריע אַרטיקלען פון „זשאַרגאָן צו יידיש" [די אַרטיקלען זיינען געדרוקט געווען אין די חדשים יוני־אויגוסט 1925 — נ. מ.] — זכרונות וועגן מיינע באַגעגענישן מיט די שאַפער פון דער „זשאַרגאָנישער ליטעראַטור (ספּעקטאָר, דינעזאָן, שלום־עליכם, מענדעלע) און וועגן מיינע אַמאָליקע באַציאונגען צו איר אין דער ראָלע פון „קריטיקוס". אין מיינע פאַרצייכענונגען איז דאָ אַזאַ באַמערקונג (פונעם 17טן מאַי): „אַן אינערלעכן שטויס צו שרייבן האָט מיר געגעבן איין מאָדנער צופאַל: אין

*) דער „איינער פון זיי" איז געווען צבי וויסלאַווסקי, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט אַ לאַנגן, זייער שאַרפן „מכתב גלוי לר׳ שמעון דובנוב" (אָפענער בריוו צו ש. דובנאָוו) אין לאָנ־דאָנער „העולם" נ׳ 3 פונעם 16טן יאַנואַר 1925, וואו ער האָט פאַרגעוואָרפן ש. דובנאָוון, הלמאי ער האָט געגעבן זיין אונטערשריפט אויפן פּראָטעסט קעגן די יידישע דעפּוטאַטן פונעם פּוילישן סיים. אויף דעם „בריוו" (אַ לאַנגער אַרטיקל) האָט ש. דובנאָוו פאַרעפנטלעכט אין „העולם" פון 6טן פעברואַר 1925 אַן ענטפער „תשובה לקנאים", וואָס איז ווערט מ׳זאָל אים ביי אַ געלעגנהייט אינגאַנצן איבערדרוקן. — נ. מ.

נ׳ 35 „ראַזסוועט״ פון 1881* האָבן זיך גלייכצייטיק באַוויזן דער סוף פון מיין קעמ־פערישן אַרטיקל לטובת דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע און מיין אַנאָנימער אַרטיקל „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט״, וואו איך האָב דערוויזן די נויטיקייט אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט אויף יידיש...״ און ש. דובנאָוו פאַרענדיקט: „עפּעס סימבאָליש האָט זיך מיר באַוויזן אין דעם, וואָס אַ יונגערמאַנטשיק, וועלכער האָט מיט 44 יאָר צוריק געשריבן פאַר אַמעריקע און פאַר יידיש, שרייבט איצט אַליין אין אַן אַמע־ריקאַנער צייטונג אויף יידיש, נאָך דעם ווי אין לויף פון אַט דעם האַלבן יאָר־הונדערט זיינען אויסגעוואַקסן סיי אַן אַמעריקאַנער צענטער און סיי אַ זשאַרגאָנישע ליטעראַטור״... (ז״ז 50־51).

אַט אַזוי האַלט אַן ביי דעם שטרענגן, קאָנסעקווענטן ש. דובנאָוו דאָס וואַקלען זיך אין דער שפּראַכן־פראַגע, אַט אַהער און אַט אַהין.

און ס׳איז אינטערעסאַנט, ווי ער גופא באַמיט זיך צו פאַרענטפערן אַט די וואַק־לעניש, אַט די נישט־שטאַנדהאַפטיקייט.

אין זיין רעדע ביי דער פייערלעכער עפענונג פונעם 10־יאָריקן צוזאַמענפאַר פונעם ייוואָ אין ווילנע (אויגוסט 1935) האָט ש. דובנאָוו געזאָגט: „כמעט גלייכ־צייטיק האָט געפייערט זיין 10־יאָריקן יובל אויך דער ירושלימער אוניווערזיטעט... אפשר איז עס נישט אַ צופאַל, נאָר אַ טיפער סימבאָל, וואָס אין ירושלים פון ארץ־ישראל און אין ירושלים פון גלות זיינען אין איין און דעמזעלבן יאָר געשאַפן געוואָרן ענלעכע אינסטיטוציעס. האָבן מיר דען נישט געהאַט אין גאָר אַלטע צייטן דעם זעלבן קולטור־דואַליזם? יענע, וואָס פירן איצט דורך אַ שאַרפן קעגנזאַץ צווישן ארץ־ישראל און גלות, צווישן העברייאיש און יידיש — מוז מען דערמאָנען, אַז אַזאַ דואַליזם האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער קלאַסישער צייט, ווען ס׳האָט נאָך עקזיסטירט די מלכות־יהודה אָדער די אויטאָנאָמע פאַלעסטינע אונטער דער רוימישער הערשאַפט האָבן מיר אַלע מאָל נישט געהאַט (קיין) גרויסע קולטור־צענ־טערס גלייכצייטיק אין ירושלים און אין דער יידיש־גריכישער אַלעקסאַנדריע, אָדער גרויסע אַקאַדעמיעס־ישיבות אין טבריה און אין די באַבילאָנישע סורא און פומ־בודיתא? איז דער תלמוד־בבלי נישט געוואָרן מער אָנגענומען אין אונדזער גע־זעצגעבונג און דערציאונג ווי דער תלמוד־ירושלמי, און נאָך מער: זיינען נישט ביידע גמרות געשריבן אין דעם דעמאָלטיקן „זשאַרגאָן״ — דער אַראַמישער שפּראַך? ניין, די ביידע אינסטיטוציעס — אין ירושלים פון ארץ־ישראל און אין ירושלים פון גלות — זיינען נישט קיין קאָנקורענטן, נאָר זיי דערגאַנצן זיך איינע די אַנדערע...״

*) אינעם ערשטן אַרטיקל (נ״נ 34־35) אונטערן נאָמען „טאָג־פראַגן״, האָט דובנאָוו באַ־האַנדלט די פראַגן וועגן די פּלענער צו עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע, שפּאַניע און פאַראייניקטע שטאַטן, ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. דער צווייטער אַרטיקל (אין נ׳ 35) אַן אַ נאָמען, — ווייל ס׳איז שוין געווען זיינער אַן אַרטיקל אין דעם נומער, — וועגן דער נויטיקייט אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אויף „זשאַרגאָן״. וועגן די ביידע אַרטיקלען וואָלט מען באַדאַרפט שרייבן באַריכותדיקער.—נ. מ.

*
**

אָבער צו וואָס אַרויסקומען מיט טענות און פראַגן צו ש. דובנאָוון? לאָמיר ביים 100־סטן געבוירנטאָג, געפינען אַ לימוד־זכות אויף דעם גרויסן היסטאָריקער, וואָס איז פון די יונגען יאָרן געווען געקניפט און געבונדן מיט העברייאיש און רוסיש, און דאָך אין פאַרשיידענע צייטן, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן איז ער אַרויסגעטראָטן שטאַרק און שאַרף פאַר יידיש און ליידנשאַפטלעך פאַרטיידיקט דאָס יידישע לשון.

און בכלל, איצט אין 1961, אין רעטראָספעקט, אין צוריקבליק אויף צענדליקער פאַרגאַנגענע יאָרן, קאָן מען אַנדערש פאַרשטיין און באַגרייפן דעם געדאַנקענגאַנג, די אידייאישע גראַנגלענישן און איבערוואַנדלונגען פון ש. דובנאָוו.

זינט זיין אַריינטרעטן אין דער יידישער עפנטלעכקייט ווי אַ פּובליציסט, קריטיקער, סאָציאָלאָג און געשיכטע־פאָרשער האָט זיך די יידישע וועלט און די לאַגע פונעם יידישן פאָלק אין דער וועלט שטאַרק און ראַדיקאַל געביטן. און גלייכצייטיק האָט זיך געענדערט ש. דובנאָווס וועלט־באַנעם און אויפפאַסונג פון דעם געשיכטלעכן גאַנג פונעם יידישן פאָלק. קאָנען מיר אין סך־הכל נישט שטעלן קיין קשיות און ניט וואונדערן זיך אויף די ווידערשפרוכן, אויף די ווידעראַנאַנדן, וועלכע מיר געפינען אין ש. דובנאָווס אויפפאַסונג פון דער האַרבער יידיש־פּראָבלעם אין פאַרשיידענע צייטן. די אַלע וואַקלענישן און די אַלע סתירות זיינען סוף כל סוף צייכנס פון דער צייט, רעזולטאַטן פון דער טראַגיק און פון דער אומנאָרמאַלקייט פון דער יידישער ווירקלעכקייט.

פאַר די איבער 60 יאָר פון זיין באַוואוסטזיניקן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן און דענקען, און אַזוי אויך אין זיין שרייבן, וואָס האָט זיך געצויגן פון 1880 ביז צו 1940 און וואָס איז געווען אַ דירעקטער אויסדרוק פון זיינע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע, אידייאישע און אידעאָלאָגישע טראַכטענישן, האָט ער זיך שטאַרק געביטן, און דאָס נעמלעכע האָט זיך אויך געענדערט זיין בליק אויף דער ראָלע און באַטייט פון דער יידישער שפראַך און קולטור. פון דאַנעט קומען די סתירות, ווידערשפרוכן, וואָס מיר געפינען ביי אים אין פאַרשיידענע צייטן, זיי זיינען סוף כל סוף צייכנס פון דער צייט, אין וועלכער ש. דובנאָוו האָט געלעבט און געקעמפט. מיט לייב און לעבן איז ער געווען אַריינגעצויגן אין די שטרייטן פון דער יידישער קולטור־שאַפערישער וועלט. ער איז געווען, ווי מיר זעען, נישט בלויז אַ היסטאָריקער, וועלכער האָט פאַרצייכנט און פאַרפיקסירט געשיכטלעכע פאַסירונגען און געשעענישן, נאָר ער גופא האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די קאַמפן און שטרייטן פון יידישן לעבן אין לויף פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט.

שמעון דובנאָוו און יידיש — איז אַ וויכטיקער און מערקווירדיקער קאַפּיטל אין דער לעבנס־געשיכטע פון דעם גרויסן יידישן היסטאָריקער. עס שפיגלען זיך אָפּ אין דעם די קאַמפן און גראַנגלענישן פון אונדזער יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַר די לעצטע דורות.

שאול גינזבורג

מסירת־נפש

פופציק יאָר אומאויפהערלעכע, פּרוכטבאַרע אַרבעט אויפן געביט פון יידישער וויסנשאַפט און ליטעראַטור — זעלטן־וועמען עס ווערט באַשערט אַזאַ מזל. און ווען מען מאַכט אפילו אַ סאַמע קורצן איבערזיכט פון דעם אַלעם, וואָס ש. דובנאָוו האָט אויפגעטאָן אין משך פון דעם האַלבן יאָרהונדערט, ווען מען באַנייט אין זכרון די אומצייליקע ביכער, מאָנאָגראַפיעס, אַרטיקלען, מיט וועלכע ער האָט באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור, שטעלט מען זיך נישט־ווילנדיק אָפּ מיט טיפער באַוואונדערונג און פאַרערונג פאַר אַזאַ אומגעוויינלעכער אַקטיוויטעט, אַרבעטס־פייאיקייט, פאַר אַזאַ זעלטענער טריישאַפט צו די וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישע אינטערעסן. וואָרום דאָס, וואָס ש. דובנאָוו האָט געשריבן אַליין, וואָלט זיכער געקלעקט אויף אַ האַלב מנין אייפעריקע אַרבעטער.

וועגן דער גרויסער אָביעקטיווער באַדייטונג פון זיינע לייסטונגען וועט אַ סך געשריבן און גערעדט ווערן, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג. איך וועל נישט איבערחזרן דאָס, וואָס אַנדערע וועלן געוויס מכוח דעם זאָגן. מיר ווילט זיך באַרירן בלויז איין וויכטיקן און זייער כאַראַקטעריסטישן סוביעקטיוון שטריך פון ש. דובנאָווס טעטיקייט. איך מיין: די אומגעוויינטלעכע מאָראַלישע הויך, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן.

מיט אַ יאָר פופציק צוריק איז ש. דובנאָוו אַרויסגעטראָטן (אין דער רוסיש־יידישער פּרעסע) גלייכצייטיק מיט היסטאָרישע, ליטעראַרישע און אויך פּובלי־ציסטישע אַרטיקלען. אַ לאַנגע צייט פירט ער באַשטענדיק אין „וואָסכאָד" די קריטישע אָפּטיילונג. אָבער עס ציט אים צו היסטאָריע, און פון סוף 80ער יאָרן קאָנצענטרירט ער זיך שוין כמעט אויסשליסלעך אויף געשיכטלעכער אַרבעט. און עס ווערט גלייך קלאָר, וואו עס ליגט נעמלעך דאָס הויפּטגעוויכט פון זיין וויסנשאַפטלעכן אינטערעס, וואָסער טייל פון דער גרענעצלאָזער יידישער פאַר־גאַנגענהייט ציט צו זיך זיין גרונט־אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז: די געשיכטע פונעם פּויליש־רוסישן יידנטום און באַזונדערס — די רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אין אים. דובנאָוו נעמט זיך אָרגאַניזירן דאָס סיסטעמאַטישע, ברייטע זאַמלען היסטאָרישע מאַטעריאַלן, פירט אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע צוגרייטונגס־אַרבעט; אין יאָר 1888 הייבט ער אָן צו פּובליקירן זיין „געשיכטע פון חסידיזם".

---

*) דער אַרטיקל פון שאול גינזבורג (1886־1940), אַ לאַנג־יאָריקער פריינט פון ש. דובנאָוו, איז אָנגעשריבן אין 1930, צו ש. דובנאָווס 70סטן געבוירנטאָג און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1930, נ' 39. — רעד.

שוין די ערשטע שריט באַווייזן זיין גרויסע געשיכטלעכע באַגאַבונג. ער טרעט גלייך אַרויס אַלס זעלבשטענדיקער היסטאָריקער, וואָס פאַרלאָזט זיך נישט אויף אַנדערע, ער זוכט און שטודירט קריטיש די ערשטע קוועלן און באַגרינדעט אויף זיי זיינע וויסנשאַפטלעכע אויספירונגען. זיין אַרבעט איז תיכף געוואָרן אַ פּאָר־שערישע, זי האָט גלייך געגומען יענע ריכטונג, וואו די היסטאָרישע וויסנשאַפט דערגרייכט איר גרעסטע ווערדע און העכסטע באַדייטונג. און ווען ער וואָלט פאַר־בליבן ביי יענער אַרבעט, צו וועלכער ער איז צוגעטראָטן סוף 80ער יאָרן, וואָלטן מיר שוין פאַרמאָגט יענע וויסנשאַפטלעכע היסטאָריע פונעם רוסישן יידנטום, וועלכע עס פעלט אונדז נאָך עד־היום. ש. דובנאָוו איז אָבער קיינמאָל נישט געווען פון יענע טרוקענע, איינגעמאַרינירטע געלערנטע, וואָס פאַרריגלען זיך אין די ד׳ אמות פון זייער וויסנשאַפטלעכן פאַך. דאָס לעבן מיט זיינע מאַנענדע נויטן און באַדערפענישן איז אים שטענדיק געווען נאָענט און טייער, ער פלעגט זיך צו אים תמיד צוקוקן אויפמערקזאַם. און ער האָט געזען אויף יעדן שריט און טריט, ווי גרויס עס איז ביי אונדז די אומוויסנקייט בנוגע צו אונדזער פאַרגאַנגענהייט; ער האָט באַמערקט, ווי ווייניק מיר, דאָס סאַמע היסטאָרישע פאָלק אויף דער וועלט, זיינען באַהאַוונט אין אונדזער היסטאָריע און ווי עס פעלט אונדז די מעגלעכקייט געהעריק מיט איר צו באַקענען זיך. וואָרום גרעצעס „יידישע געשיכטע״, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אינעם גאַנג פון אונדזער היסטאָריאָגראַפיע, איז צו יענער צייט, ווען וועלכער מיר רעדן דאָ, שוין זייער שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, זי איז ווייט אָפּגעשטאַנען פון די גרויסע פאָרשריטן און דעראָבערונגען, וועלכע עס האָט געמאַכט די יידישע היסטאָרישע וויסנשאַפט נאָך גרעצעס מאָנומענ־טאַלער לייסטונג. אין די 90ער יאָרן האָט מען שוין מיט דעם ווערק פונעם באַרימטן דייטש־יידישן היסטאָריקער נישט געקאָנט אויסקומען. אפילו קיין רעכטע שולביכער פון יידישער געשיכטע האָבן מיר דאַן נישט געהאַט. דובנאָוו, ביי זיין טיפער אויפמערקזאַמקייט צו די יידישע קולטורעלע באַדערפענישן, קאָן נישט פאַרבלייבן גלייכגילטיק צו אַזאַ אומנאָרמאַלער לאַגע. ער רייסט זיך אָפּ אויף אַ צייט פון זיין פאָרשערישער טעטיקייט און באַאַרבעט זיינע באַוואוסטע לערביכער פון היסטאָריע פאַר די יידישע שולן, מיט וועלכע ער האָט ממלא געווען דעם זייער וויכטיקן בלויז אין אונדזער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור.

מיט דעם האָט מען אָבער אויף קיין פאַל נישט געקאָנט יוצא זיין. עס האָט זיך געפילט אַ גרויס באַדערפעניש אין אַ נייער אַלגעמיינער געשיכטע פונעם יידנ־טום, וואָס זאָל קענען ווערן אַ פאָלקס־ווערק פאַר יונג און אַלט, באַדינען אַלע טיילן און שיכטן פונעם פאָלק, שטילן זיין דאָרשט בנוגע צו היסטאָרישע קענטעניש. ביי די אומות העולם ווערן אַזעלכע ווערק באַשאַפן נישט דורך אַ יחיד, נאָר דורך קאָלעקטיווער אַרבעט פון אַ גאַנצן קיבוץ היסטאָריקער. לאָמיר נעמען, למשל, די רוסישע געשיכטע. נאָך פּראָפ. קלוטשעווסקיס באַרימט ווערק האָט קיין איין רוסישער היסטאָריקער נישט געפּרוּווט געבן אַן אַלגעמיינע געשיכטע פון רוסלאַנד (מיר רעדן נישט פון יענע כלומרשט־היסטאָריקער, וואָס זיינען אייגנטלעך אויסן נאָר אַגיטאַטאָריש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע צילן). עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך: די

רוסישע היסטאָריאָגראַפיע האָט פאַר די לעצטע 30־40 יאָר באַקומען אַזאַ אינטענ־סיווע אַנטוויקלונג, זי איז אַזוי באַרייכערט געוואָרן אין פאַרשיידענע ריכטונגען, דאָס יעדער רוסישער היסטאָריקער מוז זיך היינטיקע צייט ספּעציאַליזירן אין אַ געוויסן צווייג פון דער רוסישער פאַרגאַנגענהייט, ער קאָן נישט זעלבשטענדיק באַאַרבעטן די רוסישע געשיכטע אין איר גאַנצן פאַרנעם. און אויב די זאַך באַשטייט אַזוי מיט דער רוסישער היסטאָריע, וואָס איז לפי־ערך ענג באַגרענעצט אין באַצוג אויף צייט און אָרט, איז עס על אחת כמה וכמה גילטיקער פאַר דער אַלגעמיין־יידישער געשיכטע, וועלכע האָט דאָך נישט איר גלייכן בנוגע צו דויער־קייט און טעריטאָריע, איז צונויפגעפלאָכטן מיט דער היסטאָריע פון כמעט אַלע פעלקער, לענדער און קולטורן. די אַלגעמיינע געשיכטע פון יידנטום האָט געזאָלט באַשאַפן ווערן דורך געזאַמט־אַרבעט פון אַ גאַנץ קאָלעקטיוו יידישע היסטאָריקער. דאָס איז אָבער נישט געשען. דער „קיבוץ־גלויות" פון אונדזערע היסטאָריקער. וואָס זיינען צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט, איז נישט מקוים געוואָרן. די נויט איז אָבער געווען אַזוי גרויס, זי האָט געמוזט באַפרידיקט ווערן. און דובנאָוו, וואָס האָט מער פון אַלעמען געפילט און פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר די זאַך נישט אָפּלייגן, ער האָט זיך אַליין גענומען די הערקולעס־אַרבעט און איז מיט דרייסיק יאָר צוריק צו איר צוגעטראָטן. וויניק ווער פון דער געלערנטער וועלט וואָלט געווען פייאיק אויף אַזאַ מסירת־נפש: אויף וויפל יאָרן זיך אָפּרייסן פון זיין פאַרשערישער טעטיקייט און זיך אָפּגעבן דער פּאָפּולאַריזאַטאָרישער אַרבעט. כדי אַרויסצואווייזן די העראָאישע מסירת־נפש, איז אומבאַדינגט נויטיק געווען יענער מין טיפע דורכגעדרונגענקייט מיטן געפיל פון פליכט צום פאָלק, טרייקייט צו זיינע קולטורעלע אינטערעסן, יענע מאָראַלישע הויך, וואָס ווערט נישט יעדערן געגעבן. ש. דובנאָוו פאַרמאָגט עס אין דער פולסטער מאָס. דריי צענדליק יאָר האָט ער אָן אויפהער געאַרבעט, כדי צו קענען באַשענקען דאָס יידישע פאָלק מיט זיין „אַלגעמיינע געשיכטע". איר אויסעראָרדנטלעכער דערפאָלג האָט קלאָר באַוויזן, ווי מוראדיק גרויס עס איז געווען איר נויטווענדיקייט. נאָך גרעצן האָט קיינער נישט אַזוי מיטגעווירקט דער ברייטער פאַרשפּרייטונג פון יידישע היסטאָרישע קענטענישן, ווי ש. דובנאָוו.

דערפירט ביזן גליקלעכן סוף זיין ריזן־ווערק, האָט זיך ש. דובנאָוו איצט ווידער צוריקגעקערט צו זיין פאָרשעריש־היסטאָרישער אַרבעט. וואָס אַנבאַלאַנגט מונטערקייט, טעטיקייטס־פייאיקייט און אַרבעטס־ווילן, מעגן אים יונגעלייט דערין מקנא זיין. ער פאַרענדיקט זיין „געשיכטע פון חסידיזם", אויף וועלכע אַלע ריכטן זיך מיט גרויס אומגעדולד, ער גרייט צו נייע זעלבשטענדיקע וויכטיקע ווערק. און צוגלייך מיט האַרציקסטע גראַטולירונגען, ווינטשט אים די יידישע וועלט פון אומעטום, ער זאָל נאָך לאַנגע יאָרן פרוכטבאַר אַרבעטן און באַרייכערן אונדזער היסטאָרישע ליטעראַטור.

וויכטיקע דאַטעס אין לעבן און שאַפן
פון שמעון דובנאָוו

1860 דעם 18טן סעפּטעמבער געבוירן געוואָרן אין מסטיסלאַוו, ווייסרוסלאַנד, ביי יעקב מאיר און שיינע דובנאָוו. דערצויגן געוואָרן ביי זיין זיידן ר׳ בן ציון, אַ למדן און מתנגד. געלערנט אין חדרים.

1869 צו 9 יאָר באַקאַנט ער זיך מיטן „יוסיפון״.

1873 הויבט אָן לייענען השכלה און חקירה־ספרים, אויך רוסישע ביכער.

1874 טרעט אַריין אין דער אָרטיקער רעגירונגס־שול.

1876 ענדיקט די שטאָטישע שול אין מסטיסלאַוו. האָט בדעה אַריינצוטרעטן אין ווילנער לערער־אינסטיטוט. שטודירט רוסיש, פראַנצויזיש. באַמיט זיך, ווי אַן עקסטערן, צו קריגן אַ גימנאַזיע־דיפּלאָם צו קאָנען אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט. אָבער אָן דערפאָלג. לעבט אין ווילנע, דווינסק, מאָהילעוו, סמאָלענסק.

1880 קומט קיין פּעטערבורג מיט אַ געפלאָכטן קוישל, עס וואַרט אים אָפּ זיין עלטערער ברודער וואָלף. זיי וואוינען זייער אָרעם אין אַ פאַרשטאָט, האָבן נישט קיין וואוינרעכט.

1881 באַמיט זיך צו קריגן לעקציעס צו פאַרדינען אויפן לעבן. באַזוכט די רייכע שטאָטישע ביבליאָטעק, וואו ער לייענט און שטודירט. „איך האָב ליידנשאַפטלעך ליב געשיכטע״, — פאַרצייכנט ש. דובנאָוו אין זיין טאָג־בוך. ער שרייבט אָן אַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „אויפן דערנער־וועג״ (פון די נאָטיצן פון מיינעם אַ פריינט — אַ סטודענט). דעם רעדאַקטאָר פון „רוסקי יעווריי״ איז עס נישט געפעלן און ער קערט עס אום צוריק, ווייל ס׳איז „נישט דרוק־פעאיק״.

פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע אָפּהאַנדלונג אין רוסיש „אייניקע מאָמענטן אין דער געשיכטע־אַנטוויקלונג פון יידישן געדאַנק״ (אין 8 נומערן), אין „רוסקי יעווריי״. עס דערשיינען זיינע אַרטיקלען אין „ראַזסוועט״ וועגן ר׳ יצחק בער לעווינזאָן (ריב״ל); וועגן דער „עמיגראַציע קיין אַמעריקע״; וועגן „אַ יידישן פאָלקסבלאַט״ און אַנדערע, וואָס רופן אַרויס אינטערעס.

1882 כדי צו קאָנען וואוינען אין פּעטערבורג, ווערט ער צוגעשריבן אַלס הויז־דינער ביי אַ פּעטערבורגער יידישן אַדוואָקאַט. האָט חתונה מיט אידע פריידלין, אַ טאָכטער פון אַ מסטיסלאַווער גבירישער משפחה, וואָס וויל נישט דעם שידוך מיט דעם יידישן אָרעמען בחור.

אָנגעהויבן דרוקן אין די ביכער „וואָסכאָד״ היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען. „שבתי צבי און פסיידאָ־משיחיזם אינעם 17טן י״ה״. פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אונטערן נאָמען ס. מסטיסלאַווסקי, צווישן אַנדערע — וועגן די יידישע חורבנות אין אוקראַינע אין 1648־1652, וואָס רופן אים אַרויס ווי אַ פיל־צוזאָגנדיקן שרייבער און פאָרשער.

1883 און אין די ווייטערדיקע יאָרן. ס׳דערשיינען זיינע פיל אַרטיקלען אין „וואָסכאָד״,—היסטאָ־

רישע, פובליציסטישע ; אויך קריטיק־פּאַרשערישע וועגן שרייבער און ביכער פון פאַר־שיידענע שפּראַכן.

1888־1887 דרוקט היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען. בייגייסטערטער אַרטיקל וועגן שלום־עליכם (אונטערן פּסיידאָנים „קריטיקוס"). שאַרפער אַרטיקל וועגן דר' ה. זשיטלאָווסקיס ערשט ביכל (אין רוסיש). אַרטיקלען וועגן העברייאישע שרייבער און ביכער.

1890־1889 דרוקט פיל אַרטיקלען אויף פאַרשיידענע טעמעס. צווישן אַנדערע — וועגן ש"עס „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק".

1890 זיך באַזעצט מיט זיין פרוי און קינדער אין אָדעס, וואו געלעבט איבער צען יאָר. זיך באַפריינדט מיט מענדעלע, אחד־עם, י. ח. ראַבניצקי, ח. נ. ביאַליק א. אַנד.

1891 פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור (אין רוסיש) „וועגן דער געשיכטע־פאָרשונג פון די רוסישע יידן" (פריער געדרוקט געווען אין „וואָסכאָד"). לאָזט אַרויס אַ רוף צו זאַמלען מאַטערי־אַלן צו דער געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד. הויבט אָן באַקומען מאַטעריאַלן און דאָקו־מענטן, וואָס ער נוצט אויס פאַר זיין געשיכטע־פאָרשונג.

1892 פאַרעפנטלעכט אין העברייאיש אַ רוף „נחפשה ונחקורה" צו זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר דער געפּלאַנטער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין רוסלאַנד און פּוילן, אין זאַמלבוך „פּרדס" (אָדעס), וואָס דערשיינט אין אַ באַזונדערער בראָשור. דרוקט אָפּ אין „וואָסכאָד" אַן אָפּ־האַנדלונג וועגן גרעץ, זיין לעבן און זיינע ווערק. זעצט איבער קאַפּיטלען פון גרעצס בוך, וואָס ווערט קאָנפיסקירט דורך דער צענזור.

1896־1893 עס דערשיינען זיינע גרעסערע און קלענערע פאַרשיידענע אָפּהאַנדלונגען אין „וואָס־כאָד" און אין העברייאישע זאַמלביכער.

1897 פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום" אין „וואָסכאָד", די ווייטערדיקע בריוו — אויך אין אַנדערע זשורנאַלן אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

1898 עס דערשיינט אין רוסיש דער ערשטער באַנד פון זיין „לערבוך פון יידישער געשיכטע". דער צווייטער באַנד אין 1899, דער דריטער באַנד — אין 1901.

1901 עס גייט אַרויס אין רוסיש זיין „אַלגעמיינע געשיכטע פון יידן", באַנד 1. די ווייטערדיקע בענדער דערשיינען אין 1903, 1904, 1905 א.א.וו. טיילן פון זיי דרוקן זיך אין „וואָסכאָד" און אין אַנדערע צייטשריפטן.

1903 פאַרלאָזט אָדעס, לעבט אין ווילנע ביז 1906. באַטייליקט זיך אין פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכע טעטיקייטן.

1906 העלפט גרינדן די פאָלקס־פּאַרטיי.

1907 עס דערשיינט אין רוסיש „בריוו פון אַלטן און נייעם יידנטום" (סיסטעמאַטיש באַאַרבעט און דערגאַנצט, 378 ז"ז, וואָס רופט אַרויס גרויס פאַראינטערעסירונג און פיל אָפּרופן.

נייע דערגאַנצטע אויסגאַבע פון זיין „לערבוך פון יידישער געשיכטע" אין רוסיש.

פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן אַרטיקל אין יידיש „פריינד" 21־22סטן פעברואַר : „פריי־הייטס־באַוועגונג און עמיגראַציאָנס־באַוועגונג".

1908 מיטרעדאַקטאָר און מיטאַרבעטער אין דער „רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע", וואו ער פאַרעפנטלעכט וויכטיקע אַרבעטן.

פאַרזיצער פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, וויצע־פאַרזיצער פון דער היסטאָ־ריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט. גרינדעט די זאַמלביכער „יעווריעיסקאַיאַ סטארינא".

1909 און אין די ווייטערדיקע יאָרן דרוקט פאַרשיידענע אַרטיקלען אין „יעווריעיסקי מיר", „יעווריעיסקאַיאַ סטארינא", ווי אויך נייע אויפגאַבעס פון זיינע געשיכטע־ביכער, אין רו־סיש, אויך אין אַ יידישער איבערזעצונג.

גיט אַרויס דעם פּנקס פון „וועד ארבע ארצות" אין רוסיש און העברייאיש מיט אַריינפירן און דערקלערונגען.

1914 און אין די ווייטערדיקע יאָרן. עס דערשיינט אין רוסיש זיין „נייסטע געשיכטע פונעם יידישן פאָלק". דרוקט אָפּהאַנדלונגען אין „יעווריעסקאַיאַ סטארינא", „נאָווי וואָסכאָד", „יעווריעסקאַיאַ ניעדיעליא" א. א.

1917 אין די ווייטערדיקע יאָרן ביז 1922 לעבט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. הויבט אָן פאַרעפנטלעכן זכרונות וועגן שלום־עליכם, מענדעלע, פרוג, ספּעקטאָר א. אַנד.

1922 פאָרט אַריבער קיין בערלין, וואו ער אַרבעט פלייסיק אויף זיין „וועלט־געשיכטע פונעם יידישן פאָלק" וואָס הויבט אָן צו דערשיינען באַנד נאָך באַנד אויף רוסיש אין בערלין, און דערנאָך אין ריגע ביז 1939. עס דערשיינען אויך 10 בענד אויף דייטש פון זיין וועלט־געשיכטע, איבערזעצט פונעם רוסישן כתב־יד, אונטער דער אויפזיכט פון מחבר, דורך דר' א. שטיינבערג.

1929 עס דערשיינט זיין בוך אין יידיש „פון זשאַרגאָן צו יידיש" און אַנדערע אַרטיקלען (לי־טעראַרישע זכרונות) 178 ז"ז.

פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דר' חיים זשיטלאָווסקי.

באַטייליקט זיך מיט אַרטיקלען אין יידיש אין „ליטעראַרישע בלעטער".

ס'הויבט אָן צו דערשיינען זיין „וועלט־געשיכטע" אין העברייאיש, איבערזעצט ב. קרופּניק.

1930 „תולדות החסידות„ (די געשיכטע פון חסידות) אין 3 בענד, אין תל־אביב, אויך אין אַ יידישער איבערזעצונג פון ז. קאַלמאַנאָוויטש.

עס ווערט געפייערט אין בערלין זיין 70סטער געבוירנטאָג. עס ווערט געשאַפן דער „דובנאָוו־פאָנד".

1932 פאַרעפנטלעכט זיין „יידישע געשיכטע, דערציילט פאַר קינדער", געשריבן אין יידיש, 288 ז"ז, שפּעטער איבערגעדרוקט אין ריגע, און ניו־יאָרק. זי דערשיינט אין העברייאיש, איבערזעצט דורך י. ל. ברוך.

1933 פאַרלאָזט בערלין אין אַ שווערער אומרואיקער שטימונג, וואו געלעבט און פלייסיק גע־אַרבעט 11 יאָר, און איבערגעאַרבעט און פאַרענדיקט זיין לעבנס־ווערק. באַזעצט זיך אין ריגע.

עס שטאַרבט זיין טרייע לעבנס־באַגלייטערין, זיין פרוי אידע, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן נאָך פון די יוגנט־יאָרן. זיין ערשטן באַנד „דאָס בוך פון לעבן" ווידמעט ער:

„אידען, מיין לעבנס־באַגלייטערין במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט — אין אָנדענק".

1934 עס דערשיינט אין רוסיש זיין בוך זכרונות און באַטראַכטונגען „קניגאַ זשיזני" (דאָס בוך פון לעבן) אין ריגע, אין צוויי בענד (ביז יאָר 1922). דער ערשטער באַנד דערשיינט אין העברייאישער איבערזעצונג אין 1936. קאַפּיטלען ווערן געדרוקט אין „צוקונפט", „טאָג", „מאָמענט" א. אַנד.

1935 באַטייליקט זיך אינעם ייוואָ־צוזאַמענפאָר אין ווילנע, וואו ער האַלט אַ רעפעראַט: „דער איצטיקער צושטאַנד פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע".

שרייבט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" אַ צאָל אַרטיקלען.

1936 באַטייליקט זיך אין „צוקונפט", צווישן אַנדערן — אַן אַרטיקל וועגן א. ליעסין.

1938 פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „צוקונפט" וועגן דער איזאָלאַציע פון „בונד".

1939 דרוקט אָפּ אַן אַרטיקל (אַ בריוו צו דער רעדאַקציע „אויפן שיידוועג") „וואָס דאַרף מען טאָן אין המגס צייטן ?"

עס דערשיינען אין ווילנע באַנד 4 און 5 פון זיין „וועלט־געשיכטע פונעם יידישן פאָלק", איבערזעצט דורך ז. קאַלמאַנאָוויטש.

1940 אין חודש אַפּריל קומט ער קיין ווילנע צו באַטייליקן זיך אין די פייערונגען פון י. ל. פּרצעס 25סטן יאָרצייט. ער באַזוכט אויך קאָוונע און קערט זיך אום צוריק קיין ריגע.

1941 זיין לעצטער בריוו צו זיין טאָכטער, געשריבן דעם 12טן יוני, איז דורכגעדרונגען מיט טרויער און רעזיגנאַציע.

זונטיק דעם 30סטן נאָוועמבער אין דער „ערשטער אַקציע" איז דער גרויסער יידישער היסטאָריקער מערדערלעך אומגעבראַכט געוואָרן דורך אַ קויל פון אַ נאַצישן באַנדיט. ער איז באַהאַלטן געוואָרן אויפן אַלטן ריגער בית־עולם אין אַ מאַסן־קבר פון העכער 70 מאַן. ווי מ'גיט איבער האָט ש. דובנאָוו, אַ שוואַכער, אויסגעשעפּטער, אין זיינע לעצטע טראַגישע טעג, געזאָגט: „אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן ביז איצט, איז גאָרנישט... די יידישע געשיכטע הויבט זיך ערשט אָן".

1950 דערשינען אין רוסיש „דאָס לעבן און שאַפן פון שמעון דובנאָוו", געשריבן פון זיין טאָכטער סאָפיאַ דובנאָוו־ערליך. ניו־יאָרק, 295 ז"ז. דאָס בוך איז אויך געבויט אויף די 2 בענד פון ש. דובנאָוו „קניגאַ זשיזני". פאַרן שרייבן האָט זי דעם דריטן באַנד נאָך נישט געקראָגן. אַ יידישע איבערזעצונג פון משה פערדמאַן איז דערשינען אין מעקסיקע, אין 1952, 323 ז"ז מיט אייניקע צוגאָבן.

1959 דערשינען אין אַ יידישער איבערזעצונג (פון משה און שאול פערדמאַן) ש. דובנאָווס „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום", מיט צוגאָבן פון ח. ש. קאַזדאַן, מעקסיקע, 463 ז"ז.

1960 עס ווערט געפייערט אין גאָר דער וועלט זיין 100סטער געבוירנטאָג.

דאָס שטעטל מסטיסלאָוו (אמטשיסלאָוו), וואו שמעון דובנאָוו איז געבוירן און אויסגעוואַקסן.

שמעון דובנאָוו

אָפּהאַנדלונגען, אַרטיקלען און בריוו

די אויפפאַסונג פון דער יידישער געשיכטע

1. דער נייער סינטעטישער מעטאָד

„וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" — אַ ביסל אַן אויסטערלישער נאָמען, אָבער עס פּאַסט זיך פולקאָם צום אינהאַלט און פאַרנעם פון דאָזיקן אויסערגעוויינ־לעכן טייל פון דער געשיכטע. דער צונאָמען „וועלט" ווערט אָנגעווענדט בנוגע אַלגעמיינער געשיכטע פון די קולטור־פעלקער אין דער גאַרער וועלט, אין קעגנזאַץ צו דער געשיכטע פון איינצלנע פעלקער און לענדער. אָבער דער גורל פון יידישן פאָלק האָט זיך אַזוי צוזאַמענגעלייגט, אַז עס האָט אַליין זיין אייגענע אַלוועלטלעכע געשיכטע, אין בוכשעבלעכן זינען פון וואָרט: כמעט אויפן גאַנצן שטח פון דער קולטור־וועלט (אַ חוץ אינדיע און כינע) און אין גאַנצן משך פון היסטאָרישן לעבן פון דער מענטשהייט. דאָס יידנטום איז אַ מין היסטאָרישער מיקראָקאָסם. מיטן פולן רעכט קאָן מען דעריבער געברויכן דעם אויסדרוק: וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק.

ווי אין דער אַלוועלטלעכער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַזוי דאַרף אויך אין דער וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק אָנגעווענדט ווערן דער סינטעטישער מעטאָד. אויפדעקן די אַלגעמיינע וועגן און צילן פון היסטאָרישן לעבן אין דער וואַנדלונג פון יאָרהונדערטער און לענדער, און אַנטדעקן דעם אָרגאַנישן צוזאַמענ־האַנג צווישן די דאָזיקע ברוכטיילן פון צייט און רוים אין משך פון דער דריי־טויזנט־יאָריקער עוואָלוציע פון דער נאַציע — אָט דאָס איז די עיקר־אויפגאַבע, וועלכע שטייט דאָ פאַרן היסטאָריקער. אַ היסטאָריקער אַ סינטעטיקער, אויב ער האָט אפילו צו טאָן מיט אַ מאַטעריאַל, שוין אַ צונויפגעקליבענעם און — מער אָדער ווייניקער — אַ באַאַרבעטן, — איז פונדעסטוועגן מחויב זעלבשטענדיק צו אַנאַ־ליזירן און קריטיש באַטראַכטן די קוועלן און פאַקטן; ווייל די דאָזיקע קוועלן האָבן אויף זייער לאַנגן וועג געמוזט ליידן אין זייער פינקטלעכקייט און פולקייט, און אַן אַ שטרענגער קריטיק קאָנען זיי שאַפן אַ גרונט פאַר פאַלשע פאַראַלגעמיינערונגען. אָבער דער הויפּט־ציל פונעם היסטאָריקער איז אַרויסטיילן די אַלגעמיינע היס־טאָרישע פּראָצעסן, וואָס זיינען באַהאַלטן הינטער די הויפנס פאַקטן, אויפשטעלן אַ געניטעם אַרכיטעקטאָנישן פּלאַן, און לויט אים אויסבויען דעם פּילגאַרנדיקן בנין פון דער געשיכטע. די ערשטע הנחה פאַר אַזאַ סינטעטישער אַרבעט איז אַ קלאָרע קאָנצעפּציע פון דער יידישער געשיכטע, אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן איר טרעגער, — וועגן יידישן פאָלק, אַ פאָרשטעלונג, וואָס זאָל נישט זיין פאַרטונקלט דורך דאָג־

אַריינפיר פון ש. דובנאָוו צו זיין „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק".

מאַטישע אָדער סכאָלאַסטישע באַגריפן. און דאָס זאָל שוין פון פאַראויס באַשטימען אויך די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגס־מעטאָדן אויפן דאָזיקן געביט.

אַ ריכטיקע אויפפאַסונג פון דער געשיכטע פונעם „געשיכטלעכן פאָלק" פלעגט ביז גאָר נישט לאַנג אַנטרעפן אויף די גרעסטע שוועריקייטן. לגבי אירע עלטסטע טיילן, וואָס געניסן די פריווילעגיע פון „הייליקער געשיכטע" הערשט נאָך עד היום די טעאָלאָגישע קאָנצעפּציע, נישט נאָר ביי די אָרטאָדאָקסן, וועלכע נעמען אָן אין גאַנצן דעם רעליגיעזן פּראַגמאַטיזם פון די היסטאָרישע ביבל־ספרים, נאָר אויך ביי די אָנהענגער פון פרייער „ביבל־קריטיק", וועלכע האָבן פאַרביטן דעם ביבלישן פּראַגמאַטיזם אויף זייער אַן אייגענעם, וואָס איז אויך נישט ווינציקער טעאָלאָגיש. און אפילו אין דער מיטלאַלטערלעכער און נייער געשיכטע פונעם יידנטום הערשט אויך אַן איינזייטיקע ספּיריטואַליסטישע קאָנצעפּציע, וואָס גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז אַ מלוכהלאָזן פאָלק אָן אַ טעריטאָריע, קען זיין אַן אַקטיווער סוביעקט פון דער געשיכטע בלויז אין זיין גייסטיקן לעבן, אָבער אין סאָציאַלער הינזיכט איז אַזאַ פאָלק בלויז אַ פּאַסיווער געשיכטס־אָביעקט פון יענע פעלקער, צווישן וועלכע עס לעבט. אַט פאַר וואָס די היסטאָרישע שול פון צונץ און גרעץ האָט אָנגענומען די טעאָריע פון צוויי פאַקטאָרן אין דער גלות־געשיכטע: פון גייסטיקן שאַפן און העלדישן מאַרטירערטום („גייסטעס אונד ליידענס־געשיכטע"). דער הויפּט־אינהאַלט פונעם פאָלקס־לעבן ווערט רעדוצירט פון איין זייט צו אַ ליטעראַטור־געשיכטע, און פון דער צווייטער — צו אַ מאַרטיראָלאָגיע; דער היסטאָרישער האָריזאָנט איז אַרומגעצוימט מיט די דאָזיקע גרענעצן. און צו דער דאָזיקער איינזייטיקער אויפפאַסונג פון דער „נאָך־ביבלישער" געשיכטע איז צוגעפּאַסט אויך איר טיילונג אויף תקופות: די תקופה פון תלמוד, פון די גאונים, פון די רבנים, פון מיסטיק, פון השכלה, — אַ ריין היסטאָריש־ליטעראַרישע טיילונג, אָבער נישט קיין נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע אין ברייטן זינען פון דאָזיקן וואָרט.

ערשט די לעצטע צייט הויבט מען אָן איבערגיין צו אַ מער וויסנשאַפטלעכער קאָנצעפּציע פון דער יידישער געשיכטע — וועלכע מ'קען אָנרופן סאָציאָלאָגישע. אין גרונט פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע ליגט דער געדאַנק — ער פליסט אַרויס פון גאַנצן סכום פאַקטן פון אונדזער געשיכטע — אַז דאָס יידישע פאָלק איז תמיד און אומעטום געווען דער סוביעקט, דער שאַפער פון זיין געשיכטע, נישט נאָר אין גייסטיקן, נאָר אויך אין סאָציאַלן לעבן. סיי אינעם מלוכהשן, סיי אינעם גלותדיקן פעריאָד פון זיין געשיכטע, איז דאָס יידנטום אַ בוילעט־אויסגעדריקטער טיפ נאַציע, און נישט בלויז אַ רעליגיעזע גרופּע צווישן אַנדערע נאַציעס. די דאָזיקע אייביק־לעבעדיקע נאַציע האָט תמיד און אומעטום פאַרטיידיקט איר אויטאָנאָמע עקזיסטענץ, סיי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, סיי אויף אַלע געביטן פון קולטור־שאַפן. דער „גלות", וואָס איז שטאַרק אַנטוויקלט געווען נאָך אין דער צייט פון מלכות יהודה, האָט אומעטום געהאַט זיינע אויטאָנאָמע קהילות, און אין אַ סך ערטער אויך צענטראַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען, אייגענע געזעצגעבערישע און געריכט־לעכע אינסטיטוציעס (סנהדרין, אַקאַדעמיעס און פּאַטריאַרכן אין דער רוימיש־ביזאַנטישער פּאַלעסטינע, עקזילאַרכן, גאונים און געזעצגעבערישע אַקאַדעמיעס

אין בבל, אַליאַוואַ און קאָנגרעסן פון געמיינדע־דעלעגאַטן אין שפּאַניע, קהילות און וועדים, אָדער קהילה־סיימען אין פּוילן און ליטע און אַ סך אַנדערע). די גייסטע יידיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן דאָזיקן היסטאָרישן פּראָצעס, און האָט פאַראייניקט דעם אַלטן געבאָט פון אויטאָנאָמיזם מיטן היינט־צייטיקן פּרינציפּ פון „רעכט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן" זאָגט עדות דערויף, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַן אייביקער טרייב־קראַפט פון דער יידישער געשיכטע, וואָס איז ניט פאַרשוואונדן אפילו אין יאָרהונדערטער פון אַסימילאַציע און גרויסע אומענדערונגען אין לעבן פון פאָלק.

די סיבות פון דער איינזייטיקער אויפפאַסונג פון דער יידישער געשיכטע אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט זיינען קלאָר. אונדזער וויסנשאַפטלעכע היסטאָרי־אָגראַפיע איז אַנטשטאַנען אין מערב־אייראָפּע אין מיטן 19טן יאָרהונדערט, ווען ס'האָט דאָרט געהערשט די דאָגמע פון אַסימילאַציע: „דאָס יידנטום איז נישט קיין נאַציע, נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע". די היסטאָריאָגראַפיע איז אויך אַוועק מיטן אַלגעמיינעם שטראָם און האָט זיך מער פאַרנומען מיט יודאַאיזם, ווי מיט זיין לעבעדיקן שאַפער — מיטן יידישן פאָלק. שווימען קעגן שטראָם זיינען נישט געווען בכוח אפילו אַזעלכע אָפּווייכער פון דער אַלגעמיין־אָנגענומענער דאָגמע, ווי גרעץ. ערשט די טיפע איבערקערעניש אינעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין, וועלכע כאַראַקטעריזירט אונדזער תקופה, האָט אַרויסגערופן אַ געהעריקע ענדערונג אויך אין דער אויפפאַסונג פונעם היסטאָרישן פּראָצעס. נאָך דער סעקולאַריזאַציע פון דער היסטאָריאָגראַפיע, איר באַפרייאונג פון טעאָלאָגישע קייטן, און דערנאָך — אויך פון ספּיריטואַליזם און סכאָלאַסטיק. עס הויבט אָן רייף ווערן אַ נייע אויפפאַסונג פון יידישער געשיכטע, וואָס שטימט מער מיט איר אמתן אינהאַלט און פאַרנעם. עס ווערט קלאָר, אַז דאָס פאָלק האָט אין משך פון יאָרטויזנטער נישט נאָר „געדענקט און געליטן", נאָר עס האָט אויך, ביי די פאַרשיידנסטע באַדינגונגען, געבויט זיין לעבן ווי אַ באַזונדערער סאָציאַלער אָרגאַניזם, און אַז אויספאָרשן דעם דאָזיקן פּראָצעס פון זיין לעבן — דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון היסטאָריאָגראַפיע. אָביעקט פון וויסנשאַפטלעכער היסטאָריאָגראַפיע דאַרף זיין דאָס פאָלק, דער נאַציאָ־נאַלער אינדיווידואום, זיין אַנטשטייאונג, וואוקס און קאַמף פאַר עקזיסטענץ. דורך אַ לאַנגער ריי יאָרהונדערטן טיילט זיך אויס פון דער אַרומיקער פעלקער־סביבה פון אַלטן מזרח דער צוערשט פאַרמלאָזער פאָלקס־עמבריאָן, ער נעמט אָן אַ באַ־שטימטע נאַציאָנאַלע געשטאַלט, ער שאַפט און פאַרלירט אַ מלוכה, אַרבעט אייגנ־אַרטיק איבער די אויפגענומענע עלעמענטן פון דער אַלגעמיינער קולטור, און הויבט זיך אויף אין זיין גייסטיקן שאַפן צו נביאישע הויכן. דער מאָמענט, ווען דער נאַציאָ־נאַלער טיפּ נעמט אָן זיין ענדגילטיקע פאָרם, פאַלט צונויף מיטן מאָמענט פון ערשטן פּאָליטישן חורבן (גלות־בבל), און די ווייטערדיקע תקופות (פּערסישע, גריכישע, חשמונאישע און רוימישע) גייען דורך אונטערן צייכן פון קאַמף צווישן טעאָקראַטיע און וועלטלעכער מלוכהשאַפט. דער צווייטער פּאָליטישער חורבן, אונטער די קלעפּ פון רוים, רופט אַרויס ביים צעברעקלטן פאָלק נייע פאָרמען פון קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלער איינהייט: דער דראַנג צו אויטאָנאָמען לעבן, צו אַ מאַקסימום סאָציאַלער

און קולטורעלער אייגנאַרטיקייט נעמט אַן שוין נישט מלוכהשע, נאָר אַנדערע גע־זעלשאַפטלעכע פאָרמען. צום דאָזיקן ציל ווערט צוגעפּאַסט די גאַנצע גייסטיקע טעטיקייט פון דער נאַציע; דער יודאַאיזם ווערט געפורעמט לויט דער סאָציאַלער עקזיסטענץ פון פאָלק, אָבער נישט פאַרקערט...

ביי אַזאַ רעאַלער סאָציאָלאָגישער קאָנצעפּציע פון דער יידישער געשיכטע ווערט נויטיק איבערצושאַצן אַ סך פון אירע וויכטיקע דערשיינונגען, וועלכע זיינען פון טעאָלאָגישן אָדער סכאָלאַסטישן שטאַנדפּונקט פאַלש באַלויכטן געוואָרן. מיר וועלן דאָ ברענגען אַ פּאָר בוילעטע ביישפּילן וועגן חילוק צווישן דער נייער קאָנ־צעפּציע און די אַלטע ביי דער באַלייכטונג פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער יידישער געשיכטע.

די אַלטע היסטאָריאָגראַפיע האָט זיך האַפּענונגסלאָז פאַרפּלאָנטערט אין דער פראַגע וועגן די פרושים און צדוקים, וואָס זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען האָבן געשפּילט אַזאַ ראָלע אין פאָלקס־לעבן אין דער צייט פון די חשמונאים און אין דער רוימישער תקופה. אפילו היסטאָריקער, וואָס זיינען פריי געווען פון טעאָלאָגיע, האָבן דערקלערט די אַנטשטייאונג פון די צוויי פאַרטייען מיט רעליגיעז־ריטועלע און דאָגמאַטישע חילוקי־דעות. אויפן גרונט פון די העלעניסטיש־פילאָזאָפישע צוגעפּוצטע מעשיות פון יוסיפוס פלאַוויוס פון איין זייט, און פון דער צווייטער — אויפן גרונט פון די שפּעטערדיקע תלמודישע מסורות, פון וועלכע ס'האָט זיך אויסגעוועפּט יעדער פּאָליטישער עלעמענט, האָבן די היסטאָריקער פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמף פון „סעקטעס" אָדער „שולעס" דעם גרעסטן נאַציאָנאַלן שטרייט, אַ שטרייט וועגן עצם טיף פון דער נאַציע, וועגן דעם — צי זאָל דאָס יידנטום זיין אַ וועלטלעכע אָדער גייסטיקע נאַציע, אַ דורכשניטלעכער אָדער אַן אייגנאַרטיקער מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער משפּחה. דער שטרייט פון דיביידע פּאַרטייען האָט אויך געהאַט אַ סאָציאַלן הינטערגרונט: דאָ האָבן געקעמפט צווישן זיך די צדוקישע אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין דער מלוכה־מאַכט, און די פרושימדיקע דעמאָקראַטיע, וואָס האָט טייער געהאַלטן איר גייסטיקע מאַכט איבער די פאָלקס־מאַסן. אַזאַ סאָציאָלאָגישער קוק אויף דער אַנטשטייאונג און טעטיקייט פון די צוויי פאַרטייען — ווי דאָס ווערט דורכגעפירט אין אונדזער „געשיכטע" (באַנד 2), — פליסט אַרויס פון אַלע צוזאַמענשטויסן פון די פרושים מיט די צדוקים אויף דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרענע, פון זייער גאַנצער טעטיקייט, אָנהויבנדיק פון דער חשמונאים־תקופה ביזן פאַלן פון מלכות־יהודה. די רעליגיעזע און ריטועלע חילוקי־דעות זיינען בלויז געווען אַ צוגאָב צום עיקרדיקן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן שטרייט צווישן ביידע פּאַרטייען; זייער קעגנ־זעצלעכע באַציאונג צו „תורה שבעל פּה" האָט זיך גענומען פון דער וויכטיקער מיינונגס־פאַרשיידנהייט וועגן דעם, צי איז צוועקמעסיק קולטורעל זיך אָפּצוצוימען און לעבן אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער גריכיש־רוימישער וועלט.

אַ צווייטן ביישפּיל, ווי אַזוי די ריכטיקע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו פלעגט ווערן פאַרקריפּלט, קען מען זען אין דעם, ווי מ'שאַצט געוויינלעך אָפּ די באַדייטונג

פון יבנה׳ער סנהדרין. אין אַ מאָמענט פון גרעסטן איבערברוך אין דער יידישער געשיכטע, נאָך דעם ווי די רוימער האָבן צעשטערט דאָס מלכות־יהודה, ווערט גע־שאַפן אַ זעלבסטפאַרוואַלטונגס־צענטער אין אַ שטאָט, וואָס איז געלעגן נאָענט צום חרובן ירושלים. די היסטאָריקער האָבן זיך אָנגעטרויט דער נאַאיווער שיינער לעגענדע וועגן רבי יוחנן בן־זכאי, וואָס איז מיט דער דערלויבעניש פון די רוימער אַנטלאָפן פון באַלאַגערטן ירושלים און געגרינדעט אין יבנה אַ ישיבה, און זיי שאַצן דערביי פאַרשיידן אָפּ די באַדייטונג פון אָט דער ישיבה פאַרן קומענדיקן גורל פונעם יידנטום: איינע פאַרהערלעכן די העלדן־טאַט פון אויפהויבן די פאָן פון וויסנשאַפט איבער די חורבות פון מלוכהשאַפט, און אַנדערע, פאַרקערט, זעען דערין דעם אָנהויב פון נאַציאָנאַלן טויט, דעם ערשטן שריט צו פאַרוואַנדלען דעם יודאַאיזם אין אַ פאַרשטיינערטן געזעץ. אָבער סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האָבן אַ טעות; די מיינונג וועגן דער גרינדונג פון אַ ריין־אַקאַדעמישן צענטער אין יבנה איז פון גרונט אויס פאַלש. אין דער אמתן איז דאָ פאַרגעקומען איינער פון די גרעסטע אַקטן פון נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער רעאָרגאַניזאַציע. נישט קיין טעאָרעטישע שול איז געשאַפן געוואָרן אין יבנה, נאָר אַ נאָמאָקראַטיש־צענטער, אַ פאַרוואַלטונג, באַזירט אויף דער דיסציפּלין פון געזעץ. די ישיבה צו לערנען די תורה איז דאָ געווען פאַראייניקט מיט אַ געזעצגעבערישער אינסטיטוציע, מיטן סנהדרין, וועלכער האָט נאָכן חורבן באַדאַרפט צוזאַמענשמידן די צעפאַלענע טיילן פונעם פאָלק מיטן צעמענט פון גלייכע אַלגעמיינע געזעצן, וואָס זאָלן רעגולירן דאָס גאַנצע אינערלעכע לעבן אויף אויטאָנאָמע יסודות. פון דאַנען איז אַרויס דער לאָזונג צו רעאָרגאַניזירן די צעשלאָגענע נאַציאָנאַלע אַרמיי, צו שאַפן אַ נייע גע־זעלשאַפטלעכע דיסציפּלין, אויפן אָרט פון דער פאַרלאָרענער מלוכהשער. פריער פאַר אַלץ איז דאָס אַ קאַפּיטל געשיכטע, ווי דאָס לעבן פון פאָלק האָט זיך געבויט, און דערנאָך ערשט — געשיכטע פון רעליגיע, וויסנשאַפט און ליטעראַטור.

ביים ליכט פון דער סאָציאָלאָגישער אויפפאַסונג ווערן קלאָר אויך אַנדערע פאַרפּלאָנטערטע געשיכטס־פּראָבלעמען. ס׳ווערט פאַרשטענדלעך די אַנטינאָמיע פון נאַציאָנאַליזם און אוניווערסאַליזם, דער קאַמף צווישן פּאָליטישן און גייסטיקן מאָמענט אין דער טעטיקייט פון די ביבלישע נביאים. דער דאָזיקער קאַמף פון צוויי פּרינציפּן, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער לאַגע פונעם פאָלק ישראל צווישן די מלוכות פון אַלטן מזרח, ווערט פאַרענדיקט מיט גרויסן סינטעז פון די נביאים: די נאַציע איז דער קערן, און די מלוכה — דער שאָלעכץ; די שאָלעכץ ווערט צעבראָכן, אָבער דער קערן בלייבט; און אויב דער קערן איז געזונט, וועט די נאַציע תמיד קענען איינהיטן איר אויטאָנאָמיע קעגן דער העטעראָנאָמיע פון דער אַרומיקער סביבה און דינען אַלס „פאָן פאַר פעלקער״, אַלס מוסטער פון גייסטיקער שטאַנדהאַפטיקייט. ריכטיק דאָס קעגנזעצלעכע האָבן שפּעטער גע־פּריידיקט דער נביא און די אַפּאָסטאָלן פון קריסטנטום: אַ זעלבשטענדיקן ווערט האָט נאָר דער רעליגיעזער יחיד, אָבער נישט דער היסטאָרישער קאָלעקטיוו, וואָס איז געוואָרן נאַציע; די דאָזיקע נייע נביאים האָבן געשטויסן די יידישע נאַציע

אין תהום פון נישט־זיין גראָד אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט זיך פאַרצווייפלט געראַנגלט מיטן וועלט־רויבער — רוים, און דער געזונטער זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט דעם פאָלק, עס זאָל זיך אָפטרייסלען פון די פריידיקער פון נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד. פון דעם ווערט שוין אויך קלאָר אין דער ווייטערדיקער געשיכטע דער גאַנצער זינען פונעם תלמודיזם מיט זיין אייזערנער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין, אין אַ רעליגיעזן לבוש. דער תלמוד איז קודם־כל אַ גע־שריבענער דענקמאָל פון דער נאַציאָנאַלער העגעמאָניע פון די ייִדישע אויטאָנאָמע צענטרען אין דער רוימישער פּאַלעסטינע און אין פּערסישן בבל, אַ דענקמאָל פון דורותדיקע אָנשטרענגונגען פון די פאָלקס־פירער צו שאַפן אַ האַרטע שאָלעכץ פון געזעצן אַרום דעם צעברעקלטן נאַציאָנאַלן קערן. (באַנד 3).

אָט די דאָזיקע קאָנצעפּציע איז דער איינציק מעגלעכער יסוד פאַר אַ וויסנ־שאַפטלעך אָביעקטיוון מעטאָד ביים באַאַרבעטן די ייִדישע געשיכטע. זי פירט אַרויס אונדזער היסטאָריאָגראַפיע פונעם תהום טעאָלאָגישע און מעטאַפיזישע חקירות, און שטעלט זי אַוועק אויף אַ פעסטן ביאָ־סאָציאָלאָגישן פונדאַמענט. פאָר־שונגס־אָביעקט איז שוין נישט מער אַן אַבסטראַקציע, נאָר אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס האָט זיך פון אַ ביאָלאָגישן עמבריאָן („שבט") אַנטוויקלט צו אַ קאָמפּליצירטן קולטור־היסטאָרישן וועזן — צו אַ נאַציע. דער פאָרשונגס־מעטאָד באַזירט דאָ אויפן שטרענגן פּרינציפּ פון עוואָלוציע. צוערשט ווערט אויסגעפאָרשט דער אַנט־שטייאונגס־פּעריאָד פון דער נאַציע, און דערנאָך — דער קאַמפּס־פּעריאָד פון דער שוין געקריסטאַליזירטער נאַציע פאַר איר זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ, פאַר דער דערהאַלטונג און אַנטוויקלונג פון אירע נאַציאָנאַלע שטריכן און פון דער קולטור, וואָס זי האָט אין משך פון יאָרהונדערטער אָנגעזאַמלט. ביים שילדערן דעם דאָזיקן טאָפּלטן פּראָצעס — אינדיווידואַליזאַציע און קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אינדיווי־דואַליטעט, — גייען מיר אַרויס פון דער הנחה, אַז אַ ווידערשטאַנדספעאיקע און בוילעט־אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט איז, אַלס פּראָדוקט פון גע־שיכטלעכער אַנטוויקלונג, נישט נאָר אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, נאָר אַז זי פאַרמאָגט אויך אַ גרויסן קולטורעלן ווערט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז דער היסטאָריקער מוז האַלטן פאַר ווערטפול אַלע וועגן, די גלייכע און געדרייטע, וועלכע האָבן געפירט צו דער דערהאַלטונג פון דער דאָזיקער קאָלעקטיווער פּערזענלעכקייט. אויב דער היסטאָריקער האַלט, למשל, נאָרמאַלע אָפּזונדערונג פאַר אַ נויטיקן תנאי פון נאַציאָ־נאַלן לעבן, איז ער דאָך מחויב אָנווייזן אויך אויף די מאָמענטן, ווען די קולטורעלע אָפּזונדערונג האָט אָנגענומען — אָפּטמאָל על פּי נויט, צוליב זעלבסטדערהאַלטונג — טרויעריק גרויסע פאַרמען, ביז צו פולשטענדיקער פאַרפרעמדונג צו די בעסטע דעראָבערונגען פון דער אַלמענטשלעכער קולטור. ער דאַרף שילדערן דעם קאַמף, וואָס איז אומפאַרמיידלעך אין יעדן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, צווישן די צענטער־שטרעבנדיקע און צענטער־לויפנדיקע כוחות, און די טראַגישע צוזאַמענשטויסן, וועלכע ער רופט אַרויס אין די טיפענישן פונעם פאָלקס־לעבן. און זעלבסט־פאַר־שטענדלעך, אַז באַטראַכטנדיק די נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט אַלס קולטורעלן

זעלבסטוווערט, וועט דער היסטאָריקער גאַנץ פאַרשידן אָפּשאַצן די לויפנדיקע צעשטערערישע כוחות.

דער סאָציאָלאָגישער מעטאָד פאָדערט ווייטער פון דער היסטאָריאָגראַפיע, זי זאָל אָפּגעבן אַ געהעריק אָרט נישט נאָר פאַר געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן, נאָר אויך פאַר סאָציאַל־עקאָנאָמישע, וואָס די אַלטע היסטאָריאָגראַפיע פלעגט אַזוי פאַרנאַכלעסיקן. דאָס באַדייט אָבער בשום אופן נישט קיין אָפּנויג אין דער זייט פון „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם", פאַר וועלכן אַלע היסטאָרישע דערשיינונגען דערקלערן זיך מיט דער עוואָלוציע פון די ווירטשאַפטלעכע לעבנס־פאַרהעלטענישן. נישט צוליב דעם דאַרפן מיר זיך אָפּזאָגן פונעם פאַרעלטערטן היסטאָרישן ספּיריטואַליזם, כדי אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו דער קעגנזעצלעכער שיטה פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וועלכע איז נישט ווינציקער איינזייטיק, און פאַרקריפּלט אויך די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. די ווירטשאַפטלעכע אָרדענונג איז פּונקט אַזאַ עלעמענט פון די נאַטירלעכע און סאָציאַלע לעבנס־באַדינגונגען פון פאָלק, ווי די גייסטיקע קולטור. דער סך־הכל פון אַלע סאָציאַלע און גייסטיקע פאַקטאָרן, וועלכע די נאַציע שאַפט, — ער רעגולירט איר לעבן; צווישן די דאָזיקע פאַקטאָרן קומט פאָר אי קאַמף, אי קעגנזייטיקע באַווירקונג, אָבער די פאַרשיידנאַרטיקע פונקציעס פונעם פאָלקס־לעבן פאַלן קיין מאָל נישט אַרונטער אונטער דער הערשאַפט פון איינער פון זיי. 1)

בלויז דער, וואָס האָט אַמאָל אַליין, ווי דער מחבר פונעם דאָזיקן ווערק, געבלאָנדזשעט איבער די אַלטע, געדרייטע וועגן פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, וועט וויסן אָפּצושאַצן די גאַנצע באַדייטונג פון דער נייער קאָנצעפּציע. ס'איז געווען אַ צייט, ווען איך האָב אויך פעסט געגלויבט אין די אַלגעמיין־אָנגענומענע „אַקסיאָמעס". פון די ערשטע טריט פון מיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, האָב איך גענומען זוכן אַ סינטעז אין דער יידישער געשיכטע; און זוכנדיק דעם דאָזיקן סינטעז, בין איך דורכגעגאַנגען אַלע פריער־דערמאָנטע פאַזן פון היסטאָרישן געדאַנק. מיין אומרייפער יוגנטלעכער דעביוט 2), וואָס איז באַאַרבעט מיט אַ בוילעטער רעליגיעז־רעפאָרמיסטישער טענדענץ איז געווען אַ פּרואוו אָנצואווענדן דעם טעאָלאָגישן

1) דאָ מוז מען וואָרענען דעם לייענער, ער זאָל ניט פאַרמישן צוויי פאַרשיידענע באַגריפן: קאָנצעפּציע און אינהאַלט פון געשיכטע. פון געשיכטלעכן אינהאַלט שליסן מיר קיין זאַך ניט אויס: ניט דעם רעליגיעזן און ניט בכלל דעם אידעאָלאָגישן מאָמענט, וועלכן ס'ווערט געווידמעט אין דער „געשיכטע" אַ סך אויפמערקזאַמקייט; מיר באַשטייען אָבער דערויף, אַז ס'איז נויטיק ניט קיין דאָגמאַטישע, נאָר אַ וויסנשאַפטלעך־רעוואָלוציאָנערע קאָנצעפּציע פון דער געשיכטע; מיר האַלטן זיך ביי דעם פשוטן אמת, אַז דער גאַנצער אידייען־קאָמפּלעקס, וואָס רופט זיך יודאַיזם, איז אַ רעזולטאַט פון וואַקסן פון נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם און פון זיין צופּאַסן זיך צו ניט־געוויינטלעכע אויסנאַם־אַרטיקע היסטאָרישע באַדינגונגען.

2) „עטלעכע מאָמענטן אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון יידישן געדאַנק", רוסקי יעווריי, 1881, נומ' 16־36.

מעטאָד אויף דער לינקער זייט. אין אַ גאַנצער ריי ווייטערדיקע אַרבעטן, אין וועלכע ס'לאָזט זיך שוין מערקן דער פאַרלאַנג צו סעקולאַריזירן די יידישע היסטאָריאָגראַפיע [3], האָב איך זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַפרייען פון די אידעאָלאָגישע אָנשויאונגען פון צונצס און גרעצס שולע: מיין גאַנצער נאָוואַטאָרישער אויפטו איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס כ'האָב געפּרואווט אַריינצודריקן אַ נאַציאָנאַל-סאָציאַלע פּראָגראַם אין די פריערדיקע ראַמען פון דער אידייען-געשיכטע. ערשט נאָך אַ לאַנגיאָריקער אַרבעט איבער דער אַלגעמיינער יידישער געשיכטע, לויט די קוועלן, ווען מיר איז שוין אַליין אויסגעקומען זי צו שרייבן, ווי די געשיכטע פון אַ פאָלק, און ניט פון אַ ליטעראַטור, — ערשט דעמאָלט זיינען פאַר מיר אַלץ בוילעטער געוואָרן די חסרונות פון די אַלטע מעטאָדן. די ראַמען פון מיין פאָרשן און פאַראַלגעמיינערן האָבן זיך אַלץ מער פונאַנדערגערוקט, דער היסטאָרישער האָריזאָנט איז געוואָרן ברייטער, און אויפן ערשטן פּלאַן איז אַרויסגעטראָטן דאָס, וואָס איז פריער באַהאַלטן געווען הינטער אַ סכאָלאַסטישן נעפּל. די רעזולטאַטן, צו וועלכע כ'בין דערגאַנגען מיטן אינדוקטיוון וועג, האָב איך דערנאָך קאָנטראָלירט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, דעדוקטיוו, און מיינע אויספירן, וואָס זיינען איצט געוואָרן פאַר־הנחות, האָבן זיך באַשטעטיקט, בעת איך האָב זיי אָנגעווענדט צום היסטאָרישן מאַטעריאַל.

2. פּעריאָדיזאַציע און שטראָף־פּאַרטיילונג

אַ נייע קאָנצעפּציע פון דער יידישער געשיכטע פאָדערט אויך אַ גאַנץ אַנדערע פאַרטיילונג פונעם מאַטעריאַל און אַ נייע קלאַסיפיקאַציע פון תקופות, אָדער פּעריאָ־דיזאַציע. ביים איינטיילן די געשיכטע פון פאָלק אין פּעריאָדן און תקופות דאַרף מען זיך רעכענען מיט נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע סימנים, און נישט מיט קיין רעליגיעזע, אָדער ליטעראַרישע. די דאָזיקע סימנים ווערן באַשטימט דורך דער היסטאָרישער סביבה, אין וועלכער דאָס פאָלק האָט געלעבט אין דער געגעבענער צייט, און דורך דער העגעמאָניע פון דעם אָדער יענעם פאָלקס־טייל אין איינעם פון די יעדעס־מאָליקע נאַציאָנאַלע צענטרען. אינעם מלוכהשן פּעריאָד, וועלכער ווערט נאָך ביז היינט געטיילט אויף צוויי תקופות — „בית ראשון" און „בית שני", — דאַרף די טיילונג געמאַכט ווערן לויט פּאָליטישע סימנים, לויטן מצב פון פּאַלעסטינע צווישן די וועלט־מאָנאַרכיעס פון אַלטן מזרח: מצרים, אשור, בבל, פּערסיע, די העלעניסטישע מלוכות פון די פּטאָלאָמייער און סעלייקידן, און צולעצט, די רוימישע אימפּעריע. אין מלוכהלאָזן פּעריאָד, ווען דאָס פאָלק האָט נישט געהאַט קיין איינהייטלעכן צענטער, מוז שוין די טיילונג זיך האַלטן ביים געאָגראַפישן סימן, לויט ווי עס האָבן זיך געביטן די צענטרען פון העגעמאָניע אין יידנטום.

3. „וועגן שטודירן די געשיכטע פון די רוסישע יידן" (די ערשטע קאַפּיטלען), פּעטערבורג, 1891; „דער היסטאָריאָגראַף פון יידנטום: גרעץ, זיין לעבן און זיין ווערק" „וואָסכאָד", 1892, העפטן 2־9; „וואָס אַזוינס איז די יידישע געשיכטע?" („וואָסכאָד", 1893, העפטן 10־12).

דאָס צעזייטע פאָלק האָט אין יעדער עפּאָכע געהאַט איין, און אַמאָל צווי הויפּט־צענטרען, וואָס אַ דאַנק זייער ברייטער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און זייער הויכן קולטורעלן ניוואָ, פלעגן זיי איבערנעמען די העגעמאָניע איבער די אַנדערע טיילן פון דער דיאַספּאָרע.

אין דער וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק מערקן זיך קודם־כל אָן צווי גרויסע פּעריאָדן: א) מזרח־פּעריאָד, ווען די הויפּט־צענטרען פון דער נאַציע האָבן זיך געפונען אין פאָדער־אַזיע און צפון־אַפריקע: אין פאַלעסטינע, סיריע, מעסאָפּאָטאַמיע, עגיפּטן. ב) מערב־פּעריאָד, ווען די דאָזיקע צענטרען זיינען אַריבער קיין אייראָפּע, אין די יידישע ישובים, וואָס זיינען דאָרט בהדרגה אויסגעוואָקסן. אין די גרענעצן ווייטער פונעם מזרח־פּעריאָד גופא מוז מען אונטערשיידן, נעמענדיק אין באַטראַכט די פּאָליטישע און קולטורעלע סביבה, דריי עפּאָכעס: 1) די עפּאָכע פון ריין־אָריענטאַלישער סביבה, די צייט פון כנען־דעראָבערונג, פון די מלכי ישראל און יהודה און פון דער נאָכאַנאַנדיקער איבערהערשאַפט פון די דריי אוניווערסאַלע מאָנאַרכיעס — אשור, בבל און פּערסיע (אַרום 1200־332 פ"ק); 2)די עפּאָכע פון געמישטער מזרח־מערבדיקער סביבה און פון גריכיש־רוימישער הערשאַפט, מיט דעם צווישן־אָפּשניט פון אומאָפּהענגיקייט אונטער די חשמונאים, ביזן פאַלן פון מלכות יהודה (332 פ"ק — ביז 73 נאָך קריסטוסן); 3) די עפּאָכע פון צווי העגעמאָניעס — פון דער רוימיש־ביזאַנטישער פאַלעסטינע און פּערסיש־אַראַבישן בבל, — צווישן צווי נייע וועלטן: דער קריסטלעכער און דער מוסולמענישער. אין אָט דער לעצטער עפּאָכע, נאָכן פאַלן פון מלכות יהודה אין קאַמף מיט רוים, האָבן מיר פאַר זיך נאָכאַנאַנד די העגעמאָניע פון פאָלגנדיקע צענטרען: אַנשטאָט דער פאַלעסטינער העגעמאָניע פון די צייטן פון געצנדינערישן רוים (2טער און 3טער י"ה פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג) קומט תחילת די צווייאיקע פאַלעסטיניש־באַבילאָנישע העגעמאָניע, ביי דער גלייכצייטיקער הערשאַפט פון ביזאַנץ און ניי־פּערסיע אויפן מזרח (4טער ביז 5טן י"ה) און צום סוף די אויסשליסלעכע באַבילאָנישע העגעמאָניע — אינעם גרויסן אַראַבישן קאַליפאַט (7טער ביזן 11טן י"ה). אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דער בייט פון עפּאָכעס אינעם צווייטן יאָרטויזנט פון דער יידישער געשיכטע ווערט באַשטימט דורך די היסטאָרישע וועלט־קריזיסן פון יענער צייט, און נישט ווי דאָס איז געווען אין דער אַלטער היסטאָריאָגראַפיע, אַז דער גאַנצער יאָרטויזנט האָט פיגורירט אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „תלמודישער פּעריאָד", מיט דער סכאָלאַסטישער טיילונג אויף תקופות פון משנה, גמרא, תנאים, אמוראים, סבוראים און גאונים.

דער צווייטער יאָרטויזנט פונעם מזרח־פּעריאָד פון דער יידישער געשיכטע, וואָס איז גלייכצייטיק דער ערשטער יאָרטויזנט פון דער קריסטלעכער וועלט, איז געווען דער קאָלאָניזאַציע־פּעריאָד פון דער אייראָפּייאישער דיאַספּאָרע, און האָט צוגעגרייט דעם איבערגאַנג פון דער נאַציאָנאַלער העגעמאָניע פון מזרח צו מערב. דער 9טער י"ה איז די גרענעץ־ליניע צווישן די צווי גרויסע פּעריאָדן פון דער יידישער געשיכטע: דעם מזרחדיקן און דעם מערבדיקן. די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע

הויבט זיך אָן איבערדוקן איבער די צענטרען פון יידישן מאַסן־ישוב אין אייראָפּע. אין מיטלאַלטער גייט די העגעמאָניע איבער צום יידנטום פון אַראַבישן און דער־נאָך קריסטלעכן שפּאַניען (11־14 י״ה), צום יידנטום פון דרום־ און צפון־פראַנקרייך (11־13 י״ה) און פון דייטשלאַנד (13־15 י״ה). אין דער „נייער צייט״ (16־18 י״ה) ווערט די העגעמאָניע געטיילט צווישן יידנטום פון דייטשלאַנד און דעם אויטאָנאָמען יידישן צענטער אין פּוילן. צום 18טן י״ה, אונטער דער ווירקונג פון דער השכלה־באַוועגונג, ווערט די דאָזיקע העגעמאָניע צעפאַלן אויף צווייען: דאָס דייטשע יידנטום שטעלט זיך אין שפּיץ פון דער פּראָגרעסיווער מערב־באַוועגונג, און דאָס פּויליש־רוסישע יידנטום פאַרבלייבט נאָך אויף ווייטער די פעסטונג פון דער אַלטער אייגנטימלעך־יידישער קולטור, ביז דער העלפט פון 19טן י״ה, ווען דאָס פּוילישע יידנטום ווערט אויך אַריינגעצויגן אין שטראָם פון דער נייסטער געשיכטע.

די גאַנצע „נייסטע געשיכטע פונעם יידנטום״ (1789־1914) גייט דורך אין טיפע סאָציאַלע און קולטורעלע קריזיסן, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורך דעם כסדרדיקן בייט פון קורצע עפּאָכעס פון בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע און רעאַקציע, און דורכן פאַראַלעלן קאַמף פון אַסימילאַציע און נאַציאָנאַליזם אינעם אינערלעכן יידישן לעבן פון מערב־ און מזרח־אייראָפּע. אין דער סאַמע לעצטער עפּאָכע פון אָט דער נייער געשיכטע (1881־1914), ווען פון איין זייט איז געוואַקסן דער אַנטיסעמיטיזם און פון דער צווייטער — די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, קומט פאָר אַ טיפער איבערברוך אין לעבן פון פאָלק; ס׳הויבט זיך אָן אַ מין יציאת־אייראָפּע. איין טייל עמיגראַציע שאַפט אין משך פון דריי יאָר־צענדליקן אַ גרויסן צענטער אין אַמעריקע, און אַ צווייטער — אַ סך אַ קלענערער טייל לייגט אַ ווינקל־שטיין פאַרן באַנייטן נאַציאָנאַלן צענטער אין אַלטן היימלאַנד, אין פּאַלעסטינע. דער גרויזאַמער וועלט־קריג און די רוסישע רעוואָלוציע האָבן (1914־1920) געגעבן אַ שווערן קלאַפּ דעם גרעסטן פון די פריערדיקע יידישע צענטרען — אין רוסלאַנד, און איצט, אויפן נייעם גרענעץ־שוועל פון דער געשיכטע, שטייט דער צוויי־פּנימדיקער ספינקס פון קומענדיקן יידנטום, געווענדט מיט איין פּנים צום מערב, און מיטן צווייטן צום מזרח. נאָך די צוויי גרויסע פּעריאָדן פון דער יידישער געשיכטע — דעם אָריענ־טאַלישן און דעם מערבדיקן, איז אין דער צוקונפט מעגלעך, אויב נישט קיין פולער אומקער צום מזרח, אין געשטאַלט פון דער אויפגעלעבטער פּאַלעסטינע, איז אַ דואַליזם פון מזרח און מערב, אַ פאַרטיילונג פון העגעמאָניע צווישן פּאַלעסטינע און דער אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנישער דיאַספּאָרע. פאַר דער דאָזיקער גרענעץ־ליניע, וועלכע איז אויסגעגראָבן געוואָרן דורכן אַלוועלטלעכן בלוטיקן שטראָם פון 1914, מוז דער היינטצייטיקער היסטאָריקער בלייבן שטיין. — אונדזער „געשיכטע״ ווערט טאַקע דערפירט נאָר ביז דאָזיקער גורל־ליניע.

אויף גרויסע שוועריקייטן שטויסט מען זיך אָן ביים פונאַנדערטיילן דעם מאַטעריאַל אין דער יאָרטויזנטיקער געשיכטע פונעם וועלט־פאָלק. די דאָזיקע שוועריקייטן זיינען נאָך נישט איבעריק גרויס אין דער עלטערער געשיכטע, וואו מיר האָבן בלויז צו טאָן מיטן סינכראָניזם פון מלכות ישראל און מלכות יהודה אין דער צייט פון דער מלוכה־שפּאַלטונג און מיט אַ קליינער דיאַספּאָרע אין דער

עפּאָכע פון דער פּערסישער הערשאַפט, אָבער די שוועריקייטן ווערן אַלץ מער און גרעסער מיטן וואוקס פון דער דיאַספּאָרע, צוערשט אין מזרח, און דערנאָך אין מערב. שוין אין גריכיש־רוימישן פּעריאָד ווערט די אויפמערקזאַמקייט פונעם היסטאָריקער צעברעקלט צווישן מלכות יהודה און דער „גרויסער דיאַספּאָרע", און אין דעם רוימיש־ביזאַנטישן און דערנאָך פּערסיש־אַראַבישן פּעריאָד — צווישן די צוויי העגעמאָנישע צענטרען, פּאַלעסטינע און בבל, און דער וואַקסנדיקער אייראָפּעאישער דיאַספּאָרע. און אַז מען קומט צו צו דער געשיכטע פונעם מערב־פּעריאָד, האָט מען שוין צו טאָן מיט זייער אַ סך לענדער, אין וועלכע דער גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז פאַרבונדן מיט די פאַרשיידענע פּאָליטישע און קולטורעלע באַדינגונגען. דער היסטאָריקער האָט דאָ אויסצוקלייבן צווישן צוויי שילדערונגס־אופנים, וואָס קאָנען ביידע וויניק צופרידנשטעלן: אָדער שרייבן די געשיכטע פונעם פאָלק לויט די איינצלנע לענדער, און אַזוי אַרום זי פאַרוואַנדלען אין אַ מעכאַנישער פאַראייניקונג פון אַ ריי מאָנאָגראַפיעס; אָדער דערציילן גלייכ־צייטיק די געשיכטע פון די יידן אין אַלע לענדער, און — פאַרוואַנדלען די היס־טאָריאָגראַפיע אין כראָניק, אין אַ כראָנאָלאָגישער אויסרעכענונג פון געשעענישן, וואָס פאַלן צונויף אין דער צייט, און זיינען אָבער גרונטפאַרשיידן לויט די אָרטיקע באַדינגונגען. דער ערשטער אַרכיטעקט פון אונדזער היסטאָריאָגראַפיע, גרעץ, האָט געוויינטלעך זיך געהאַלטן ביים לעצטן אופן — פון סינכראָניזם. אין זיין גרויסן ווערק פאַרהידושן אָפט די אומגעריכטע שפּרונגען — קפיצת הדרך! — פון איין לאַנד צום צווייטן, אין די גרענעצן פון איין און דעם זעלבן קאַפּיטל. ביי אַזאַ געקינצלטער קאָמבינירונג פון פאַרשיידנאַרטיקסטע געשעענישן באַקומט זיך אפילו אַן אָנשוילעכקייט ווי פון סינאָפּטישע טאַבעלן, אָבער דערפאַר פעלט דאָ אַ זאַך, וואָס איז אומבאַדיגט נויטיק פאַר אַ וויסנשאַפטלעכן סינטעז — די פאַרבינדונג פון די געשעענישן מיט די אָרטיקע באַדינגונגען, וועלכע ווערן דאָ פאַררוקט אין שאָטן ביי אַ כראָניקאַלישער שילדערונג. ביי גרעצן ווערט נאָך דער פּלאַנטער פאַר־גרעסערט דורך דעם, וואָס אין איין און דעם זעלבן קאַפּיטל ווערן אָפט פאַקטן, פּאָליטישע און סאָציאַל־שטייגערישע צונויפגעמישט מיט ליטעראַטור־געשיכטלעכע אין ענגן זינען פונעם דאָזיקן וואָרט.

כדי אויסצומיידן די אַלע חסרונות, מוז דער מאַטעריאַל געטיילט ווערן לויט אַ דרייפאַכן פּרינציפּ: לויט דער צייט, לויטן אָרט און לויטן אינהאַלט. מ'דאַרף שרייבן די געשיכטע פון יעדער עפּאָכע לויט די לענדער, און אין יעדן לאַנד — געבן די געשעענישן פון אויסערלעכן און אינערלעכן לעבן אין זייער אורזאַכלעכער פאַרבינדונג. אין די גרענעצן פון יעדער געגעבענער עפּאָכע ווערט געגעבן די געשיכטע פון פאַרשיידענע פאָלקס־טיילן צוערשט אין דעם הויפּטלעכן העגעמאָניע־צענטער, און דערנאָך אין די אַנדערע לענדער, לויטן סדר פון זייער באַדייטונג פאַר דער אַלגעמיינער פאָלקס־געשיכטע. אַמאָל איז אָבער נויטיק אָנצוהייבן אַ געוויסן אָפּשניט פון אַן עפּאָכע מיט אַ צענטראַלער געשעעניש, למשל, מיט אַ פאָ־ליטישער אָדער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, וואָס האָט פאַרכאַפּט עטלעכע לענדער און אַרויפגעדריקט איר שטעמפּל אויף דער גאַנצער עפּאָכע. אַזעלכע געשעענישן

זיינען, צום ביישפּיל, די ערשטע קרייץ־צוגן אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד, די איבערוואַנדערונג פון די ספּרדישע יידן נאָכן גירוש־שפּאַניען, די משיחישע באַ־וועגונג פון שבתי צבי, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט פון טערקיי, די ערשטע פראַנ־צויזישע רעוואָלוציע און דער אָנהויב עמאַנציפּאַציע פון יידן, דער דייטשער אַנטי־סעמיטיזם אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון 19טן י״ה. אין אונדזער ווערק איז יעדע עפּאָכע פאַרזען מיט אַן אַלגעמיינעם איבערבליק, וועלכער דאַרף בקיצור אָנמערקן אירע הויפּט־שטריכן אין צענטער און אויף דער פּעריפעריע. אויף וויפל דאָס לאָזט זיך, זיינען די אויסערלעך־פּאָליטישע דערשיינונגען אין דער באַשרייבונג אָפּגעטיילט פון די אינערלעך־געזעלשאַפטלעכע און פון די ליטע־ראַטור־געשיכטלעכע. אין אַ קאַפּיטל, וואָס באַהאַנדלט אַ וועלכע נישט איז באַ־זונדערע מלוכה, איז געוויינלעך דער מאַטעריאַל אַזוי פאַרטיילט: פּאָליטישע לאַגע, זעלבסטפאַרוואַלטונג אין די יידישע קהילות, דאָס גייסטיקע לעבן און די ליטעראַטור. די ליטעראַטור־געשיכטע קומט אַריין אין אונדזער „געשיכטע פון יידישן פאָלק״ בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפל די אָדער יענע ליטעראַרישע דער־שיינונגען האָבן געווירקט אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אָדער זיי גופא זיינען געוועזן אַ פּראָדוקט פון געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. אונדז אינטערעסירן נישט אַזוי די איינצלנע ליטעראַרישע ווערק, ווי ליטעראַרישע שטרעמונגען, וועלכע כאַראַקטעריזירן די ריכטונג פון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. ספּעציעלע ליטעראַטור־געשיכטע אין ענגן זינען פון וואָרט, גייט אַרויס פון די ראַמען פון דעם ווערק.

1910

אויטאָנאָמיע אין דער יידישער געשיכטע

אויטאָנאָמיע אין דער יידישער געשיכטע איז אַ שטענדיקער סאָציאַלער פאַקטאָר, ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט זינט די עלטסטע צייטן שטענדיק געלעבט צווישן פרעמדע פעלקער און האָט געקאָנט אָפּהיטן זיינע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן נאָר דורך איינגעזעצלעכקייט (ווערטערלעכער טייטש פון דעם גריכישן וואָרט „אויטאָנאָמיע״), ד״ה דורך אייגענע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס. די דיאַספּאָרע, די צעשפּרייטונג פון יידישן פאָלק איבער דער וועלט, האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין זיין יוגנט־תקופה, אין דער צייט פון גלות־בבל. אין בבל האָבן די פאַרטריבענע פון יהודה זיך געהאַלטן צוזאַמען, אָפּגעזונדערט פון די אַרומיקע פעלקער דורך זייער רעליגיע און לעבנס־פירונג. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין „לאַנדסמאַנשאַפטן״, גרופּעס מענטשן פון איין שטאָט („אנשי בית־אל״ „אנשי בית־לחם״ א״א), און אָנגעפירט מיט יעדער גרופּע האָבן די עלטסטע („זקנים״). ווען אַ גרויסער טייל פון די „גולי בבל״ האָבן זיך אומגעקערט קיין יהודה, האָבן די איבערגעבליבענע ווייטער געלעבט אויטאָנאָמיש, אויפן גרונט פון פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער פּערסישער רעגירונג, און שפּעטער האָבן זייערע פאַרשטייער, עזרא און נחמיה, געשאַפן אַ פעסטע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע אין דער מוטערלאַנד יהודה גופא.

די „גרויסע דיאַספּאָרע״, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין דעם גאַנצן מיטל־ים־געביט פון אַזיע און אַפריקע אין דער צייט פון דער גריכיש־רוימישער הערשאַפט, האָט געשאַפן אַ ברייטע נעץ פון יידישע אויטאָנאָמע קהילות (אויף גריכיש האָט די קהילה געהייסן „סינאַגאָגע״, פאַרזאַמלונג, געמיינדע, ניט שול אָדער בית־תפילה, וואָס האָט געהאַט אַן אַנדער נאָמען). יעדע געמיינדע האָט געקליבן איר ראַט פון די עלטסטע „גערוסיא״, אַזוי ווי די גריכישע שטאָט — איר שטאָט־ראַט „בולע״. אין דער גרויסער האַנדלס־שטאָט אַלעקסאַנדריע איז די יידישע אַליין־פאַרוואַלטונג געווען קאָנצענטרירט אין די הענט פון אַן אויבערשטן שעף, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל „עטנאַרך״ — פאָלקס־הערשער. דער באַקאַנטער גריכישער געאָגראַף פון 1טן י״ה סטראַבאָן שרייבט, אַז דער עטנאַרך האָט „אָנגעפירט דאָס יידישע פאָלק און אָפּגעהיט זיינע געזעצן ווי אַ הערשער פון אַ פרייער מלוכה״ (יוסף פלאַוויוס, אַלטערמיטער, בוך 14, קאַפּ. 7). ווען די גריכישע בירגער אין פאַרשיידענע שטעט פון קליין־אַזיע האָבן געפּרואווט שטערן די יידישע קהילות אין זייער אויטאָנאָמיע, האָבן די יידן אַפּעלירט צו דעם הערשער פון רוים (יוליוס צעזאַר, שפּעטער צום

די אָפּהאַנדלונג פון ש. דובנאָוו וועגן אויטאָנאָמיע איז געדרוקט געוואָרן אין דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע״, אין יידיש. (ב׳ 1, פּאַריז, 1934).

קיסר אויגוסטוס), און די שטעט־פּאַרוואַלטונגען האָבן באַקומען פון אויבן אַ שטרענגן באַפעל: ניט אַריינצומישן זיך אין די ענינים פון די יידישע קהילות און „לאָזן זיי לעבן לויט די געזעצן און מנהגים פון זייערע עלטערן" (דאַרטן, 14, 10; 16, 6).

נאָך דעם ווי רוים האָט חרוב געמאַכט ארץ־ישראל און עס האָט זיך געשאַפן אַ צווייטער גייסטיקער צענטער אין בבל, אונטער דער פּערסישער (שפּעטער אַראַבישער) הערשאַפט, האָט זיך דאָ אַנטוויקלט די יידישע אויטאָנאָמיע אין אַ צענטראַליזירטער פאָרם. בראש פון אַלע קהילות איז געשטאַנען דער „ראש הגולה" („ריש גלותא" אין אַראַמיש אָדער „עקזילאַרך" אין גריכיש), דער שעף פון גלות. ער איז געווען דער אָפיציעלער פאַרמיטלער צווישן דער רעגירונג און די יידישע קהילות אין אויפמאַנען מלוכה־שטייערן, באַשטימען ריכטערס (דיינים) און באַאַמטע אין די קהילות, משתדל זיין זיך ביים קעניג וועגן יידישע ענינים א. אַז.וו. אים האָבן געהאָלפן די גייסטיקע פירערס פון פאָלק, די „ראשי־ישיבות" (אַקאַדעמישע רעקטאָרס) אין בבל, וואָס האָבן געשאַפן די תלמודישע געזעצגעבונג, און שפּעטער — די „גאונים", וואָס האָבן צוגעפּאַסט די נייע געזעצן צום לעבן.

ווען די פירנדיקע (העגעמאָנישע) צענטערס פון יידישן פאָלק זיינען אַריבער־געגאַנגען פון אַזיע קיין אייראָפּע, האָט זיך דאָ אויך די אויטאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע אַנטוויקלט אין יעדן לאַנד אויף זיין שטייגער. אין דער אַראַבישער און קריסט־לעכער שפּאַניע, דעם בריק צווישן מזרח און מערב, האָבן צוערשט די ראָלע פון עקזילאַרכן געשפּילט יידישע פינאַנסיסטן אָדער דיפּלאָמאַטן ביי די קעניגלעכע הויפן (חסדאי אבן שפּרוט, שמואל הנגיד א. אַ.); אָבער אָפט האָט דער קעניג אַליין געפירט עסקים מיט די קהילות. יעדער יידישער קהילה־ראַט איז פאַר אים געווען ווי אַ מין פינאַנץ־אַמט, וואָס פלעגט מוזן צושטעלן די גאַנצע שטייער־סומע פון דער געמיינדע און אָפט צאָלן אין פאַראויס גרויסע סומעס אויפן חשבון פון די קומענדיקע יאָרן. עס זיינען פאַראַן טויזנטער בריוו פון דעם אַראַגאָנישן קעניג כיימע 1 (יעקוב) און זיינע יורשים (13טער־14טער י"ה) צו די יידישע קהילות אין באַרסעלאָנע, סאַראַגאָסע און פיל אַנדערע וועגן אַזעלכע געלט־געשעפטן, אָבער אויך וועגן פאַר־שיידענע ענינים פון דער יידישער אויטאָנאָמיע. די קהילה האָט געהייסן אין שפּאַניש „אלכאמא" (פון אַראַבישן וואָרט אַל דזשאַמאַ). די רבנים (ראַבי) האָבן געהאַט ברייטע פולמאַכטן ווי ריכטער, דיינים — ניט אַליין אין דיני ממונות, ציוויל און געלט־זאַכן, נאָר אויך די דיני נפשות, אין קרימינעלע זאַכן; זיי האָבן געקאָנט פאַרמשפּטן צו תפיסה, לייב־שטראָף און אפילו טויט־שטראָף. אין יאָר 1432 האָט אַ גרויסע אסיפה פון קאַסטילישע יידן אויסגעאַרבעט אַ קאָנסטיטוציע פאַר דער געמיינדע־פאַרוואַלטונג (אין שטאָט וואַליאַדאָליד).

פאַרשיידן זיינען געווען די אויטאָנאָמיע־פאָרמען אין איטאַליע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד. אין רוימישן געטאָ איז דער גרויסער געמיינדע־ראַט (קאָנגרעגא) באַשטאַנען פון זעכציק מיטגלידער, וואָס האָט אויסגעטיילט פון זיך אַן עקזעקוטיווע פון דריי „פאַקטאָרן" („פאַטטאָרי" אין 16טן י"ה). אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד זיינען די רבנים געשטאַנען בראש פון די קהילות צוזאַמען מיט די וועלטלעכע

„פּרנסים״, אויף צוזאַמענפאָר פון די קהילות־פאָרשטייער פלעגט מען אויסאַרבעטן סטאַטוטן אָדער תקנות פאַר דער גאַנצער מדינה (די וועדים אין די ריינלענדישע שטעט שפּייער, וואָרמס, מאַינץ — תקנות שו״ם, אין 13טן י״ה א״א). די דייטשע קיסרים האָבן עטלעכע מאָל געפּרואווט באַשטימען זייערע אָפיציעלע ראַבינערס, ווי פאָרשטייער פון אַלע קהילות, באַזונדערס צוליב פיסקאַלישע צוועקן — איינ־צומאַנען שטייערן, אָבער די קהילות האָבן אַזעלכע „יודנמייסטער״ ניט אָנערקענט פאַר רבנים, נאָר געהאַלטן זיי פאַר פּשוטע באַאַמטע. ווי פאַרמיטלערס מיט דער רעגירונג האָבן די קהילות געהאַט זייערע שתדלנים. איינער פון זיי, יאָסל ראָסהיים פון עלזאַס, איז געווען דער גרעסטער שתדלן ביי די דייטשע קיסרים אין דער ערשטער העלפט פון 16טן י״ה, אין דער צייט פון לוטערס רעפאָרמאַציע.

די ברייטסטע אויטאָנאָמיע האָבן געשאַפן די יידישע קהילות אין פּוילן. דער יידישער געמיינדע־ראַט, וואָס האָט געהייסן „קהל״, איז געווען אַזוי ווי אַ מאַגיס־טראַט פון דער יידישער שטאָט לעבן דעם קריסטלעכן שטאָט־מאַגיסטראַט. דער קהל פלעגט געווילט ווערן איין מאָל אַ יאָר, חול המועד פּסח, און איז באַשטאַנען אין די גרעסערע שטעט פון אַ פּאָר צענדליק מיטגלידער, וואָס האָבן פון זיך אויס־געטיילט אַן עקזעקוטיווע פון זיבן „עלטסטע און בעסטע״ (ראשים און טובים); די איבעריקע קהלס־לייט האָבן פונקציאָנירט ווי גבאים פאַר שטייערן, צדקה און סאָציאַלע הילף. אַ גרעסערע קהילה מיט די אַרומיקע קלענערע פלעגן זיך פאַר־אייניקן אין איין קרייז (גליל) און עטלעכע גלילים — אין איין „מדינה״ אָדער „ארץ״, אַ לאַנד־געביט לויט דער אַדמיניסטראַטיווער צעטיילונג פון פּוילן. זיי זיינען געווען פינף „מדינות״: גרויס־פּוילן מיט דער הויפּט־שטאָט פּויזן; קליין־פּוילן מיט די הויפּט־שטעט קראָקע און לובלין; פּאָדאָליע און גאַליציע (הויפּט־שטאָט לעמבערג); וואָלין (הויפּט־שטאָט אָסטרע); ליטע מיט אירע גרויסע קהילות בריסק, גראָדנע און ווילנע. די דאָזיקע מדינות האָבן געהאַט יעדערע איר וועד אָדער לאַנדטאָג, אַ פּעריאָדישע פאַרזאַמלונג פון אירע קהילה־לייט („וועד המדינה״). אַלע צוזאַמען האָבן געשאַפן צום סוף 16טן י״ה אַ צענטראַלן וועד פון אַלע לענדער: וועד הארצות, אַ מין יידישן פּאַרלאַמענט אָדער קאָנגרעס (אין פּוילישע אַקטן האָט האָט ער געהייסן „קאָנגרעס זשידאָווסקי״), וואָס פלעגט זיך פאַרזאַמלען איין מאָל אין יאָר און שפּעטער זעלטענער אויף די גרויסע ירידים אין לובלין און אַנדערע שטעט. אין יאָר 1623 האָט זיך ליטע אָפּגעטיילט פון דעם מדינות־פאַרבאַנד און געמאַכט פאַר זיך אַ וועד פון אירע גרויסע קהילות; אַזוי איז דער פּוילישער פאַר־באַנד באַשטאַנען פון פיר לענדער, און זיין צענטראַלער אָרגאַן האָט געהייסן „וועד ארבע ארצות״, דער קאָנגרעס פון פיר לענדער.ביידע וועדים האָבן עקזיסטירט ביז יאָר 1764, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט זיי אָפּגעשאַפט, ווייל זי האָט זיי שוין מער ניט געדאַרפט אויסנוצן צוליב פיסקאַלישע צוועקן — פאַרטיילן די יידישע שטייערן צווישן די קהילות, אויפמאָנען זיי און צושטעלן דעם פינאַנץ־אַמט פון דער מלוכה.

אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט די יידישע אויטאָנאָמיע, כל זמן אין אייראָפּע האָט

געהערשט דער פּרינציפּ פון אַ „שטאַנדן־מלוכה״, אַ מלוכה, וואָס איז געגרינדעט אויף שטאַפּלען פון העכערע און נידעריקע קלאַסן — באַאַמטע, פּריצים, בירגער, פּויערן, אַרבעטער. אין יענער צייט זיינען יידן געווען אומעטום ניט בלויז אַ באַזונדער פאָלק מיט אַ באַזונדער רעליגיע, נאָר אויך אַ באַזונדער שטאַנד פון הענד־לער אָדער האַנטווערקער, וואָס זיינען געווען אויסגעשלאָסן פון די קריסטלעכע בירגערלעכע אָרגאַניזאַציעס. אָבער די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789 און די ווייטערדיקע דעמאָקראַטישע באַוועגונגען האָבן געשאַפן די מאָדערנע „רעכטלעכע מלוכה״, וואָס איז געגרינדעט אויפן פּרינציפּ פון בירגערלעכער פרייהייט. דאָרטן, וואו די יידן זיינען שוין געווען עמאַנסיפּירט אָדער האָבן געקעמפט פאַר עמאַנסי־פּאַציע, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַלטער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און האָבן זיך פּראָקלאַמירט פאַר רעליגיעזע גרופּעס, קולט־אָדער סינאַגאָגע־געמיינדעס, אין דעם באַשטאַנד פון דער הערשנדיקער נאַציע. אין דעם עמאַנסיפּאַציע־אַקט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (1791) האָט מען בפירוש געפאָדערט ביי די יידן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע „פּריווילעגיעס״ אין די קהילות, און נאַפּאָלעאָן האָט געשאַפן זיין „קאָנסיסטאָריע־סיסטעם״, וואָס האָט געמאַכט פון דער קהילה אַ בלאָסע ראַבינער־אָרגאַניזאַציע. די אַסימילאַציע־באַוועגונג האָט שטאַרק צו־געהאָלפן דער צעשטערונג פון יידישער אויטאָנאָמיע.

ערשט די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון סוף 19טן און אָנהויב 20טן י״ה, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דעם אַסימילאַציע־שטראָם, האָט געמאַכט אויפלעבן די אידייע פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין אַ מאָדערנער פאָרם, צוגעפּאַסט צום מאָדערנעם דעמאָקראַטישן מלוכה־סדר. דער נייער פּרינציפּ פון „שוץ פאַר נאַציאָ־נאַלע מינאָריטעטן״, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט נאָך דער וועלט־מלחמה, האָט אַוועק־געשטעלט אויך דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אויף אַ נייער אינטער־נאַציאָנאַלער באַזע.

1934

ד"ר חיים זשיטלאָווסקיס אויטאָנאָמיזם

אין מיינע „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום" (1907־1897) און שפּעטער אין לעצטן באַנד פון מיין „נייסטער געשיכטע" (געשריבן אין דער מלחמה־צייט), האָב איך נישט דערמאָנט זשיטלאָווסקיס נאָמען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן פאַרבונדן די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע מיט דעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק. די סיבה איז געווען גאָר אַ פּשוטע: אין רוסלאַנד זיינען אונדז אין יענער צייט כמעט נישט געווען באַקאַנט זשיטלאָווסקיס פּובליציסטישע ווערק, וואָס האָבן זיך געדרוקט מיינסטנס אין אויסלאַנד אין אומלעגאַלע רוסישע אויסגאַבן און ערשט אין דער מלחמה־און רעוואָלוציע־צייט זיינען זיי אַרויס אין ניו־יאָרק אין זיינע „געזאַמלטע שריפטן" (באַנד 5, 6 און 7, געדרוקט 1917).

פון יונגע יאָרן געדענק איך דאָס ערשטע רוסישע ביכל זשיטלאָווסקיס: „געדאַנקען וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון יידנטום" (1887). איך בין דעמאָלט געווען „קריטיקוס" אין דער מאָנאַטשריפט „וואָסכאָד", און האָב דאָס ביכל רע־צענזירט. די רעצענזיע איז געווען נישט גינסטיק: פונעם ביכל האָט אַרויס־געקוקט אַ גאָר „גרינער" שרייבער מיט נישט־קלאָרע געדאַנקען וועגן די גרויסע פּראַגן, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרענטפערן: געשיכט־פילאָסאָפיע, עקאָנאָמישע רעפאָרמען אינעם יידישן לעבן. עפּעס איז דאָרטן געווען וועגן דער אַלטער סעקטע איסיים — דער שטרענג־קאָנסערוואַטיווער רעליגיעזער קאָמונע, וואָס דער יונגער סאָציאַליסט האָט אַרויסגעשטעלט אַלס רעוואָלוציאָנערן מוסטער פאַרן יידישן „הענדלער־פאָלק". ס'איז קענטיק געווען, אַז דער יונגערמאַן זוכט אַ וועג פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און האָט אים נאָך נישט געפונען.

שפּעטער האָט מען אין אונדזערע ליטעראַרישע קרייזן פון זשיטלאָווסקין אַ לאַנגע צייט נישט געהערט. ער האָט אָבער געאַרבעט אין אויסלענדישע סטו־דענטישע קרייזלעך און עפּעס דאָרטן אויפגעטאָן אין דער סאָציאַליסטיש־נאַציאָ־נאַלער ריכטונג. אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1906־1905) האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן זשיטלאָווסקיס „יידישיזם", טעריטאָריאַליזם און „סיימיזם": עטלעכע אַרטיקלען פון אים זיינען געווען געדרוקט אין די זאַמלביכער „סערפּ", אָבער נישט וויסנדיק פון זיינע אַנדערע שריפטן, האָט מען נישט געקאָנט באַקומען קיין קלאָרן באַגריף וועגן זיין גאַנצער אידעאָלאָגיע, בפרט אין דער פראַגע פון אויטאָנאָמיע.

דער אַרטיקל איז געדרוקט געווען אין „זשיטלאָווסקי־זאַמלבוך", צו זשיטלאָווסקיס 60סטן געבוירנטאָג, (פאַרלאַג ח. בזשאָזא, וואַרשע, 1929, 480 ז"ז). דער אַרטיקל איז געשריבן דורך ש. דובנאָוו, אין אויבערהאָף (דייטשלאַנד), אין יידיש.

ערשט איצט, זיצנדיק אין די טהירינגישע וועלדער אויף אַ קורצן זומער־אָפּרו, לייען איך די דריי פּובליציסטישע בענד פון זשיטלאָווסקיס „געזאַמלטע שריפטן", וואָס זיינען אַרויס אין אַמעריקע אין דער צייט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן אונדז אין פּעטערבורג אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. ערשט איצט הויב איך אָן צו פאַרשטיין זיין אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע אין איר דרייסיק־יעריקער אַנטוויקלונג, און קאָן זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן איר באַציאונג צו אונדזער אויטאָנאָמיזם.

איך לייען איצט אויפמערקזאַם די ערשטע אויסלענדישע בראַשור זשיטלאָווסקיס, „אַ ייד צו יידן", וואָס איז אין יאָר 1892 אַרויסגעגעבן געוואָרן אין רוסיש דורך דעם לאָנדאָנער „פאָנד פון דער פרייער רוסישער פּרעסע" (יידיש אין „געזאַמלטע שריפטן", באַנד 6, זייטן 13־55). איך זוך דאָרטן סימנים פון דעם מאָדערנעם באַגריף „אויטאָנאָמיזם" און געפין זיי נישט: די צייט איז נאָך געווען צו־פרי פאַר אַזאַ באַגריף. אָבער מיט פרייד דעק איך אויף דעם ערשטן סאָציאַליסטישן פּראָטעסט קעגן אַסימילאַציע, קעגן דעם אַריינדרינגען פון דער עמאַנסיפּירטער אָדער פאַר עמאַנסיפּאַציע קעמפנדער יידישער אינטעליגענץ אין פרעמדע נאַציעס. רעדנדיק וועגן די מיליאָנען רוסיש יידן, זאָגט דער מחבר, אַז זיי זיינען נישט פיר פּראָצענט פון דעם אַרומיקן פאָלק, נאָר „הונדערט פּראָצענט פון זיך אַליין" (ז׳ 48), ד"ה אַ פאָלק פאַר זיך. ער מוסרט די יידישע רעוואָלוציאָנערן פאַר זייער אינדיפערענטיזם צום אייגענעם פאָלק און רופט זיי צו „ווידערבאַלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אויף די יסודות פון דער ערד־אַרבעט אין רוסלאַנד" (ז׳ 53). די סינטעזע פון זיינע רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערישע אידעאַלן מיט דעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק דריקט זשיטלאָווסקי אויס אין דער האָפענונג, אַז „די יידישע אינטעליגענץ וועט זיך אומקערן צו איר פאָלק, ווי נאָר זי וועט געפינען אין אים אַ דאַנקבאַרן באָדן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליסטישע אידעאַלן, און דער אַגראַרישער סאָציאַליזם, די ליכטיקע צוקונפט פון דעם ערד־אַרבעטנדיקן רוסלאַנד, וועט ווערן דער אידעאַל אויך פון יידישע פּויערים־מאַסן". פאַר „דעם דאָזיקן אידעאַל פון דער יידישער דאָרף־קאָמונע" מוזן יידן קעמפן צוזאַמען מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן (ז׳ 54).

דאָס איז אַ פּאַרטייאיש סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּראָגראַם, אָבער נאָך נישט אַ פּאָזיטיווער ריין־נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פאַרן גאַנצן פאָלק. עס פעלן נאָך די קאָנקרעטע פאָרמען פון דער יידישער „נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג". צו דעם לעצטן פּרינציפּ איז זשיטלאָווסקי ערשט צוגעגאַנגען נאָך דעם קריטישן יאָר 1897, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין אונדזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג בכלל (פּאָליטישער ציוניזם, קולטור־נאַציאָנאַליזם, „בונד"). אין דעם זעלבן יאָר גיט ד"ר זשיטלאָווסקי די ערשטע, נאָך נישט דייטלעכע, באַגרינדונג פון זיין שפּראַך־נאַציאָנאַליזם, שפּעטער „יידישיזם" („פאַר וואָס דווקא יידיש? — געדרוקט אין „פאָרווערטס" אין יאָר 1900; „געזאַמלטע שריפטן", באַנד 5, ז"ז 31־43). אין אַ יאָר אַרום שטעלט ער די נאַציאָנאַלע פראַגע ברייטער: ער פאָדערט פאַר דעם יידישן

פאָלק נישט נאָר בירגערלעכע, נאָר אויך „נאַציאָנאַלע גלייכע רעכט מיט אַלע פעלקער". די דאָזיקע וויכטיקע פאָרמול איז אַרויסגעשטעלט אין זשיטלאָווסקיס אַרטיקל „ציוניזם אָדער סאָציאַליזם ?", וואָס איז געדרוקט אין דעם בונדיסטישן „אידישן אַרבייטער" פונעם יאָר 1898 (נומער 6), אונטערן פסעוודאָנים בן־אהוד, אין אַ באַזונדערער בראָשור אויך אין „געזאַמלטע שריפטן", ב׳ 5. דער „בונד" האָט, ווי באַקאַנט, אין יענער צייט נאָך נישט געשאַפן זיין נאַציאָנאַלן פראָגראַם *) (ער האָט ערשט אויף זיין פערטן צוזאַמענפאָר, 1901, אָנגענומען די פאַרקירצטע „נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע"), און דעריבער איז כראָנאָלאָגיש נישט ריכטיק זשיטלאָווסקיס פראַזע (דאָרט, ז׳ 51): „אָנשטאָט נאָר בירגערלעכע גלייכע רעכט, וואָס די בורזשואַזיע האָט אויך געפאָדערט, האָבן די יידישע סאָציאַ־ליסטן אויפגעשריבן אויף זייער פאָן נאַציאָנאַלע גלייכע רעכט מיט אַלע פעלקער". נאָר איין־איינציקער יידישער סאָציאַליסט האָט אויפגעשריבן אויף זיין פאָן — זשיטלאָווסקי אַליין. און געמאַכט האָט ער דאָס נישט צום אונטערשייד פון דער „בורזשואַזיע", נאָר אין איין צייט מיט איר. נאָך אין יאַנואַר־בוך 1898 פון „וואָס־כאָד" איז געווען געדרוקט מיין צווייטער בריוו וועגן „אַלטן און נייעם יידנטום" (כאָטש איך פערזענלעך האָב קיינמאָל נישט גערעדט אין נאָמען פון דער „בור־זשואַזיע"), וואו די פאָדערונג: „חוץ בירגערלעכע און פאָליטישע, אויך נאַציאָנאַלע

---

*) ווי באַקאַנט, האָט די רעדאַקציע פון דעם בונדישן „אידישן אַרבייטער", וואו ס'איז געדרוקט געווען דער דערמאָנטער אַרטיקל פון דר׳ ח. זשיטלאָווסקי, צוגעגעבן פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„דיא רעדאַקציאָן פון דעם „אידישען אַרבייטער" געפינט פאַר נייטיק צו באַמערקן, אַז דער אַרטיקל 5 דריקט אויס ניט אונזער נאָר דעם אויטאָרס מיינונג. מיר האַלטן זיך שטייף פאַר דעם פרינציפּ, אַז וויא אַללע נאַציאָנען, אַזוי אויך דיא אידישע, דאַרפען האָבען גלייכע פאָליטישע, עקנאָמישע און נאַציאָנאַלע רעכט. מיר קעמפּפען אַפילו פאַר דאָס. אָבער צי וועט זיך דיא אידישע פאָלקס־שפראַך, דער ׳זשאַרגאָן׳ אַזוי ענטוויקלען, אַז זיא וועט ווערען אַ קול־טור־שפּראַך, צי וועט דאָס לעבען ברענגען דאַצו, אַז עס וועט זיך מיט דער צייט אויסבילדען אַ ספּעציעל אידישע ליטעראַטור און וויסענשאַפט, אַ ספּעציעל אידישע קולטור; צי וועט דיא וויסענשאַפט אויף אידיש שטיין אַזוי הויך, אַז דיא אידען וועלען קאָנען אין צוקונפט האָבען אידישע גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטן און אַנדערע שולען; צי איז נייטיק צו פאַרבינדען דיא אידישע אַרבייטער פון פאַרשיעדענע לענדער מיט גאַנץ אַנדערע פּאָליטישע בעדינגונגען — דאָס אַללעס זיינען פראַגען, אויף וועלכע עס איז שווער יעצט בעשטימט צו ענטפערען. יעדענ־פאַלס, פאַר דיסקוסיאָנען איז דער אַרטיקעל נישט איבעריג און מיר מיינען, אַז ער וועט דאַמיט ברענגען פאַר דיא אידישע אַגיטאַטאָרען פיעל נוצען..."

זע אויספירלעכער וועגן דעם אין אַרטיקל פון ג. מייזיל „דר׳ ח. זשיטלאָווסקי — דער אומדערמידלעכער קעמפער פאַר דער חשיבות פון דער יידישער שפראַך" („יידישע קולטור", 1943, ז"ז 4־11). — רעד.

רעכט" — איז קלאָר אַרויסגעשטעלט געוואָרן און שפּעטער קאָנקרעטיזירט אין דעם פּראָגראַם פון „אויטאָנאָמיזם".

ווי די זאַך איז געווען, אָבער פעסטשטעלן מוזן מיר: אַז אין דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי איז זשיטלאָווסקי געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן קעמפן קעגן אַסימילאַציע און פאַר „נאַציאָנאַלע רעכט".

די קאָנפערענץ פון עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין יאָר 1889 *) האָט אַרויסגעגעבן אַ היתר אויף אַזאַ קאַמף בכלל און געבראַכט צו שפּרינגערס „פערסאָנעלע אויטאָנאָמיע". דאָס האָט מסתמא צוגעגעבן מוט זשיטלאָווסקין. אין זיין ביכל „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע" (1904 אָדער 1905) און אַ ביסל שפּעטער אין זיינע אַרטיקלען אין "סערפּ" („געזאַמלטע שריפטן", באַנד 6) האָט ער אויספירלעך באַגרינדעט זיין סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע סינטעזע און האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אין געוויסע קרייזן. אין יענער צייט איז ער שוין געווען פאַרכאַפּט פון אַ נייער ריכטונג: טעריטאָריאַליזם, ווי ער איז זיך אַליין מודה אין פאָרוואָרט צום באַנד 5 „געזאַמלטע שריפטן" („אין יאָר 1903, נאָך „קישינעוו", האָב איך איינגעזען די ריכטיקייט פון דעם טעריטאָריאַליסטישן פּרינציפּ"). אָבער צום אונטערשייד פון אַלערליי טעריטאָריאַלע גרופּעס, וואָס זיינען געווען „כופרים בעיקר" פון דער גלות־אויטאָנאָמיע, האָט זשיטלאָווסקי אָנגעהויבן קאָנקרעטיזירן די פאָרמול „נאַציאָנאַלע רעכט" און איז געוואָרן איינער פון די פירער פון דער פּאַרטיי „סערפּ" אָדער „סיימאָווצעס" (1906־1908), וואָס האָט געפאָדערט מאַקסימאַלע אויטאָנאָמיע אין די „גלות־לענדער".

פון אָט די אַלע פאַרשיידנאַרטיקע ריכטונגען איז אָבער נישט אַלץ איבער־געבליבן אין דער פּראָגראַם פון זשיטלאָווסקיס אַמעריקאַנער צייטשריפט „דאָס נייע לעבן". אין אַ סעריע אַרטיקלען דאָרט (1911־1912), וואָס ער האָט שפּעטער פאַראייניקט אונטער דעם נאָמען „דער ביטערער אמת" („געזאַמלטע שריפטן", 6, ז"ז 163־251), מאַכט ער אַ סך־הכל פון אַלע זיינע זוכענישן און דערגרייכונגען אין דריי קורצע פּראָגראַמאַטישע פּונקטן: 1) די ווידערבאַלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט, יידישע שפּראַך און אייראָפּייאישע קולטור. 2) „די יידישע אינטעליגענץ דעם יידישן פאָלק!" 3) „אַן אייגן לאַנד!" (דאָרט, זייט 251). די זעלבע פאָרמול חזרט זשיטלאָווסקי איבער אין פאָרוואָרט צום פינפטן באַנד „געזאַמלטע שריפטן", וואָס איז אונטערגעשריבן: יאַנואַר 1917. דאָס איז דער לעצטער פּראָגראַם זשיטלאָווסקיס, וואָס מיר איז באַקאַנט.

דער אויטאָנאָמיסטישער עלעמענט איז דאָ פאַרקירצט ביז צום לעצטן גראַד. ס'ווערן נישט דערמאָנט קהילות־שולן און בכלל קולטור־אויטאָנאָמיע, און אפילו דאָס וואָרט „אויטאָנאָמיע" קומט נישט פאָר. די „יידישע שפּראַך" איז דאָ דאָס

*) אויף אָט דער קאָנפערענץ איז פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די דעלעגאַטן די אָפּהאַנדלונג פון דר' חיים זשיטלאָווסקי, „ציוניזמוס און סאָציאַליזמוס", אין דייטש. — רעד.

איינציקע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערט, וואָס אונדזער פאָלק האָט אַרויסגעטראָגן פון זיין געשיכטע און וואָס קאָן אים פאַרהיטן אויף להבא (אויף ווייטערדיקע יאָרן). אָבער דאָס איז דאָך נאָר אַ ירושה פון עטלעכע הונדערט יאָר. און וואָס מאַכט מען מיט אונדזער ירושה פון טויזנטער יאָרן? לערך אַ דריטל פון יידישן פאָלק רעדט נישט יידיש ביים היינטיקן טאָג און אין אַ פּאָר דורות אַרום קאָן נאָך אַ דריטל אָפּפאַלן פון דער פאָלקס־שפּראַך (באַזונדערס אין אַמעריקע) — דאַרפן מיר זיי מפקיר זיין אויף פולשטענדיקער אַסימילאַציע? די געשיכטע באַווייזט אונדז, אַז ווען דאָס יידישע פאָלק וואָלט זיך געהאַלטן נאָר אויף דעם שפּראַך־פונדאַמענט, וואָלט פון אים שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן, וואָרום אפילו אינעם אַלטן ארץ־ישראל און אין די מזרח־לענדער האָט דאָס פאָלק נישט אויסגעהאַלטן קעגן דער שפּראַך־אַסימילאַציע נישט נאָר אין לעבן, נאָר אפילו אין אַ גרויסן טייל פון ליטעראַטור. די צוקונפט פון אַ פאָלק קאָן מען בויען אויף אַלע יסודות פון זיין קולטור־אויטאָנאָמיע און נישט נאָר אויף איינעם, וואָס האָט אויסגעהאַלטן עטלעכע הונדערט יאָר און אין אַ פּאָר הונדערט יאָר אַרום קען ער פאַרלירן זיין אויפהאַלטנדיקע קראַפט. יידיש איז אונדז טייער און מיר מוזן דאָס באַנוצן ווי אַ פאַראייניקנדע קראַפט פאַר דער גרעסערער העלפט פון אונדזער פאָלק אין די נאָענטסטע דורות, אָבער בויען אויפן „יידישיזם" די גאַנצע נאַציאָנאַלע קולטור — הייסט דאָס מפקיר זיין תיכף מיליאָנען יידן, וואָס רעדן נישט אין דער שפּראַך און גרייטן צום באַנקראָט שפּעטער נאָך מיליאָנען.

אינעם לעצטן פּראָגראַם זשיטלאָווסקיס איז „העיקר חסר מן הספר": עס פעלט דער אויטאָנאָמיזם אין זיין גאַנצן אומפאַנג: די מלוכה־אַרטיקע אָרגאַניזאַציע פון די נאַציאָנאַלע יידישע קהילות אויף דער גאַנצער וועלט און די וועלט־אָרגאַניזאַציע פון דעם היסטאָריש־אינטערנאַציאָנאַלן פאָלק. עס ווילט זיך נישט גלויבן, אַז זשיטלאָווסקי האָט זיך מייאש געווען פון דעם גאַנצן אויטאָנאָמיזם און דאָ שטעקט זיין „ביטערער אמת", וואָס נייט אים פאַרענדיקן זיין לעצטן פּראָגראַם מיט דעם פונקט: „אַן אייגן לאַנד!!" (מיט צוויי אויסרוף־צייכנס)!...

מיר וואַרטן אויף אַן ענטפער. מיר ווילן גלויבן, אַז דער, וואָס האָט אין די פינצטערסטע יאָרן פון אַסימילאַציע אַרויסגעשטעלט אונדזער נאַציאָנאַלע פאָן, וועט זי ברייטער פאַנאַנדערוויקלען נאָך דעם זיג פון דעם גרויסן וועלט־פּרינציפּ: „רעכט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן". *)

1929

*) מיר איז נישט באַקאַנט זשיטלאָווסקיס נייע פּראָגראַם אין דער דאָזיקער אַלגעמיינער פראַגע; ס׳איז אָבער מעגלעך, אַז ער האָט זיך וועגן דעם אַרויסגעזאָגט נאָך די פרידנס־קאָנפערענצן, און איך האָב דאָס נישט געלייענט, אין יענער מהומה־צייט... — ש. ד.

דער איצטיקער צושטאַנד פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע

ניט צום ערשטן מאָל קומט מיר אויס צו רעפערירן וועגן דעם צושטאַנד פון דער יידישער וויסנשאַפט, באַזונדערס אין איר וויכטיקסטן טייל — היסטאָריאָגראַפיע. איך האָב שוין אַליין איבערגעלעבט אַ פּאָר תקופות אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער געשיכטע־שרייבונג. און ווען איך קום היינט צו מאַכן אַ קורצן איבערבליק איבער דעם לאַנגן וועג פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, מוז איך מאַכן אַ ברכה „שהחיינו", וואָס איך קאָן איצט אָנמערקן אין איר אַ נייע פאַזע — אַ סימן, אַז אונדזער וויסנשאַפט־לעכער געדאַנק שטייט נישט אויף איין אָרט, אַז מען הערט ניט אויף צו פאָרשן אַפילו אין אונדזערע קאַטאַסטראָפאַלע צייטן.

די „יידישע וויסנשאַפט" האָט געהאַט אַ פאַרשיידענעם אינהאַלט אין פאַר־שיידענע צייטן. אַמאָל איז דאָס געווען „תורה" אין טראַדיציאָנעלן זינען, דערנאָך איז דאָס געוואָרן „וויזענשאַפט דעס יודענטומס", דאָס הייסט, פאָרשונגען וועגן יהדות, יידישקייט און ליטעראַטור, און ערשט אין דעם לעצטן האַלב־יאָרהונדערט ווערט דאָס אַלץ מער וויסנשאַפט פון יידישן פאָלק, אַ פאַרצווייגטע סאָציאָלאָגישע דיסציפּלין־פּאָליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע דינאַמיק פון יידישן פאָלק, קולטור, עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר.

אין דער תקופה פון „תורה", וואָס האָט געדויערט יאָרהונדערטער, האָט מען נאָר געלערנט „תורה" און געפאָרשט אין אַלטע הייליקע אָדער האַלב־הייליקע ספרים, מאַכנדיק צו זיי „פּירושים", קאָמענטאַרן, ווייל קריטיקירן די אַלטע טראַדי־ציעס האָט מען ניט געטאָרט. פּירוש און פּילפּול, קאָמענטאַר און סכאָלאַסטיק — זיינען געווען די איינציקע פאָרמען פון „פאָרשונג", און טאָמער האָט ווער עס איז געפּרוווט זאָגן אַ פרייע קריטישע מיינונג, אַזוי למשל, ווי ר׳ עזריה מן האדומים אין זיין „מאור עינים" אָדער אריה די מודינא אין „ארי נוהם", האָט מען דעם ספר מחרים געווען אָדער ניט געלאָזט אים דרוקן. ערשט אין אָנהויב 19טן יאָרהונדערט האָט זיך באַוויזן אין מערב־אייראָפּע אַ נייע פאָרם — די „חכמת ישראל" אָדער „וויזענשאַפט דעס יודענטומס", ווי דאָס האָט געהייסן ביי דייטשע יידן.

מען האָט אָנגעהויבן פאָרשן די געשיכטלעכע עלעמענטן אין דער אַלטער לי־טעראַטור, צוערשט — אַנאַליטיש און דערנאָך — קריטיש. די מעסיקע פאָרשער האָבן זיך באַנוגנט מיט אַנאַליזירונג פון דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור; זיי האָבן פעסטגעשטעלט כראָנאָלאָגישע דאַטעס, אַנטדעקט צייט און אָרט פון אַנאָ־נימע שריפטן (מדרשים, תפילות, קינות), אָבער די האָבן מורא געהאַט צו באַרירן די גאָר אַלטע הייליקן שריפטן, די „כתבי הקודש", און די תורה שבעל פה — דעם

רעפעראַט, געהאַלטן אויפן צוזאַמענפאָר פון ייוואָ, אין ווילנע, 14־19 אויגוסט 1935.

תלמוד. די ראַדיקאַלע פאָרשער, פון דער רעפאָרמיסטישער ריכטונג, האָבן זיך שוין איינגעשטעלט צו קריטיקירן די אַלטע טראַדיציעס ביז צום תלמוד. אָבער ביבל־קריטיק האָט זיך קיינער פון די יידישע פאָרשער ניט דערלויבט. ערשט צום אָנהויב 20סטן יאָרהונדערט איז געקומען די צייט פון פרייער קריטיק אויף אַלע געביטן פון אונדזער געשיכטע.

אויפן וועג פון דער בלינדער טראַדיציע צו וויסנשאַפטלעכער קריטיק האָט זיך געביטן דער באַנעם פון דער יידישער געשיכטע, דאָס הייסט — די פאָרשטע־לונגען וועגן איר אינהאַלט און איר צוועק. — פיר אַזעלכע באַנעמען זיינען געקומען כסדר איינע נאָך דער אַנדערער אין משך פון לעצטן יאָרהונדערט: דער טעאָלאָ־גישער און דער ספּיריטואַליסטישער (ליטעראַטור־געשיכטלעכער), דער סאָציאָלאָ־גישער און סאָציאַל־עקאָנאָמישער. די ערשטע צוויי גייען אַרויס פון דעם געדאַנק, אַז דער עיקר איז געשיכטע פון יודאאיזם, פון זיין רעליגיע אָדער ליטעראַטור, און ניט פון יידישן פאָלק, מיינענדיק, אַז יידן זיינען אין גלות געוואָרן אויס פאָלק, אָדער עפּעס אַ סוראָגאַט פון אַ נאַציע. די לעצטע צוויי שיטות באַטראַכטן די גע־שיכטע פון יידישן פאָלק, ווי אַ געשיכטע פון אַן אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן און סאָצי־אַלן אָרגאַניזם, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַנדערע פעלקער און פירט אויס אַלע פונק־ציעס פון אַ לעבעדיקער נאַציע.

די ערשטע עפּאָכע פון היסטאָרישער פאָרשונג (1820־1860) איז פאַרבונדן מיט די נעמען פון ל. צונץ (1794־1886), ש. י. ראַפּאָפּאָרט (1710־1867), נ. קראָכמאַל (1785־1840). מען האָט דורכגעלייגט וועגן אין דעם אורוואַלד פון אונדזער טויזנט־יעריקער ליטעראַטור, אויפגעדעקט די קוואַלן פון מדרש, תפילות, פיוטים אין דער הלכיסטישער אַרבעט פון די גאונים; מען האָט געשאַפן אַ פילאָסאָפישע סיסטעם פון דער יידישער געשיכטע (קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן”), איינטיילנדיק זי אין באַשטימטע פעריאָדן פון גייסטיקער אַנטוויקלונג. דאָ איז שוין געווען אַן אָנהויב פון פרייער קריטיק אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם. אָפענער איז געווען די קריטיק פון דער תלמודישער טראַדיציע אין די ווערק פון דעם רעפאָרמיסט אברהם גייגער. אָבער אַלע פאָרשער פון יענער צייט, וואָס מיר וועלן זי אָנרופן די „צונץ־עפּאָכע”, זיינען ניט אַרויס פון דעם געביט פון טעאָלאָגיע און ליטעראַטור־געשיכטע. די פּאָליטישע און סאָציאַלע היסטאָריאָגראַפיע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין דער גרעץ־עפּאָכע (1860־1890).

ה. גרעץ (1817־1891) האָט שוין געהאַט פאַר זיך אַ סך באַאַרבעטן מאַטעריאַל און האָט אַליין אויך געפאָרשט אויפן געביט פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער געשיכטע, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט נעמען אויף זיך די גרויסע אויפגאַבע — בויען אַ סיסטעמאַטישע געשיכטע פון יידישן פאָלק. ער האָט זיך נאָך ניט איינגעשטעלט אין יענער צייט פון אַסימילאַציע אַנצורופן זיין ווערק מיט דעם דאָזיקן נאָמען, נאָר ער האָט עס באַטיטלט באַשיידן: „געשיכטע דער יודן”, אָבער אין תוך איז דאָס געווען אַ פאָלקס־געשיכטע מיט אַ צו גרויסן עלעמענט פון טעאָלאָגיע און ליטעראַ־טור־געשיכטע. די צעטיילונג פון די תקופות (פעריאָדיזאַציע) איז אין גאַנצן געווען

אַ טראַדיציאָנעלע (ביבל־תקופה, משנה — און גמרא־צייט, גאונים־צייט, רבנים און מקובלים־תקופות אאז״וו). אין די עלטערע פעריאָדן פון די „הייליקע שריפטן״ און תלמוד לאָזט גרעץ צו נאָר מעסיקע אַנאַליטישע אָדער טעקסט־קריטישע באַמערקונגען. אָבער אין דער אָפּשאַצונג פון רבנות, קבלה און חסידות איז ער אָפּט קריטיש שאַרף. אין זיינע וועגן זיינען געגאַנגען די ווינער געלערנטע א. ה. ווייס (1851־1905 — „דור דור ודורשיו״ — געשיכטע פון תורה שבעל פה) און מ. גידעמאַן (געשיכטע פון דער מיטלאַלטערלעכער קולטור). בכלל האָט אונדזער ערשטער היסטאָריאָגראַף אויפגעשטעלט אַ גאַנצן דור פאָרשער, וואָס האָבן שוין געאַרבעט אויפן גרונט פון זיין סיסטעמאַטישן ווערק. מען האָט געשריבן מאָנאָגראַפיעס וועגן פאַרשיידענע קהילות אין לענדער, צוערשט — אין מערב־אייראָפּע, דערנאָך — אין מזרח־פוילן און רוסלאַנד. עס האָבן זיך געדרוקט פאָרשונגען און אַרכיוו־מאַטעריאַלן אין פעריאָדישע אויסגאַבעס: „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע און וויסנשאַפט דעם יודענטומס״ אין דייטשלאַנד, „רעווי דעז עטיד זשוויוו״ אין פראַנקרייך און אַנדערע. גרעצס ווערק שטייט אויפן גרענעץ פון דעם ספּיריטואַליסטישן און סאָציאָלאָגישן באַנעם אין דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע.

אין יענע צייטן איז פון דרויסן אַריין אַ נייער עלעמענט אין דער יידישער וויסנשאַפט: די ביבל־קריטיק. קריסטלעכע טעאָלאָגן, דער עיקר — אין דייטשלאַנד, האָבן זיך אין זייער אַנאַליז פון די „הייליקע שריפטן״ ניט אָפּגעשטעלט פאַר די אויספירן, וואָס האָבן אָפּגעשראָקן יידישע היסטאָריקער. י. ס. וועלהויזענס (1807־1873) ראַפינירטע טעקסט־קריטיק האָט געשאַפן גאָר אַ ניי בילד פון אונדזער ביבלישער אורגעשיכטע. אַ סך שטריכן אין דעם דאָזיקן בילד זיינען געווען ריכטיק און ניט אָפּצופרעגן, אָבער אין פיל פּרטים איז די נעגאַציע פון אַלטע טראַדיציעס שוין געגאַנגען צו ווייט און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל די גאַנצע אורגעשיכטע ביז די מלכים־צייט באַהאַנדלען ווי אַ ריי פון לעגענדעס. אָבער דאָ זיינען געקומען די נייע אַנטדעקונגען אין דער אַלט־אָריענטאַלישער וויסנשאַפט און האָבן באַוויזן, אַז עס זיינען פאַראַן פּאַראַלעלן צו דער העברייאישער טראַדיציע און דענקמעלער פון אשור, בבל און מצרים. די טעל־על־אמארנא־טאָוולען (אַנטדעקט אין 1896) מיט די בריוו פון די קליינע מלכי כנען צום גרויסן עגיפּטישן פּרעה אין 15טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער ערא און אַ ביסל שפּעטער (1902) די אַנטדעקונג פון האמוראבים געזעצבוך — זאָגן עדות, אַז ס'איז געווען אַ יציאת־מצרים, אַ חאבירי־עברים־פאָלק, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין כנען, און אַ געזעץ־קאָדעקס פון 20סטן יאָרהונדערט (פאַר קריסטוס), וואָס איז אינהאַלטלעך זייער ענלעך צו דעם עלטסטן טייל פון תורת משה אין דער סדרה משפּטים („ספר הברית״). אַשוראָלאָגן, ווי ווינקלער און אַנדערע, האָבן אַרויסגעגעבן טעקסטן פון אַלט־אשורישע מלכים, וואָס האָבן באַשטעטיקט די ביבלישע באַשרייבונגען אין די ביכער „מלכים״ וועגן די באַציאונגען פון אשור און פּאַלעסטינע. נייע היסטאָריקער (ווי קיטל און אַנדערע) האָבן אַריינגענומען די רעזולטאַטן פון די אָריענטאַלישע אַנטדעקונגען אין זייערע „געשיכטע פון פאָלק ישראל״ אָדער „איינלייטונגען צום אַלטן

טעסטאַמענט״. דורך דער דאָזיקער קאָמבינאַציע פון טעקסט־קריטיק מיט אַריענ־טאַליסטיק איז די טעאָלאָגישע ריכטונג שוואַכער געוואָרן און האָט געמוזט אָפּראַמען אַ שטיק פּלאַץ דער קריטיש־היסטאָרישער.

אויף דער גרענעץ פון 19טן און 20סטן יאָרהונדערט איז צייטיק געוואָרן דער סאָציאָלאָגישער באַנעם פון דער יידישער געשיכטע. פיל האָט גורם געווען דערצו דאָס, וואָס אין דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן קרעפטן פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, רוסלאַנד און פּוילן, וואָס האָבן געזען פאַר זיך ניט קליינע אַסימילירטע רעשטן פון אַ „געוועזענער נאַציע״, נאָר אַ לעבעדיק יידיש פאָלק אין פאָרם פון געדיכטע מאַסן. דער אויסגאַנג־פּונקט פון די נייע היסטאָריקער איז דער פשוטער געדאַנק, אַז ניט יודאַאיזם האָט געשאַפן דאָס יידישע פאָלק, נאָר פאַרקערט — ער איז אַ פּראָדוקט פון פאָלקשאַפונג און ענדערט זיך אויף יעדער מדרגה פון קולטור; צווייטנס — איז די אַנטוויקלונג פון יידישקייט, יהדות ניט דער גאַנצער אינהאַלט פון דער געשיכטע, נאָר אַ טייל פון איר: די וואָכעדיקע, ניט נאָר די שבתדיקע היסטאָריע דאַרף באַהאַנדלען אַלערליי פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע דערשיינונגען פון יידישן לעבן אין פאַרבינדונג מיט דעם איינפלוס פון דער ניט־יידישער סביבה; די היסטאָריע פון יידישן וועלט־פאָלק איז אַזוי אַרום אַן אָרגאַנישער טייל פון דער וועלט־געשיכטע. די דאָזיקע סעקולעריזאַציע פון אונדזער היסטאָריאָגראַפיע איז איצט אָנגענומען אין דער וויסנשאַפט, חוץ יענע קרייזן אין מערב־אייראָפּע, וואָס האָבן זיך פאַרעקשנט און ווילן ניט אָנערקענען אַ וואָכעדיק יידיש פאָלק, דאָס הייסט, אַ נאָרמאַל פאָלק מיט אַ גרעסערער נייגונג צו גייסטיקער קולטור, נאָר ווילן אין דעם זען כולו רוחניות.

צו דער דאָזיקער סאָציאָלאָגישער ריכטונג זיינען אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָרן צוגעשטאַנען און האָבן זי ראַדיקאַליזירט אַ גרופּע היסטאָריקער, וואָס האָבן זי געוואָלט רעפאָרמירן אין אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער ריכטונג. די גרופּע באַשטייט פון צוויי טיילן: איין טייל געפינט, אַז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר איז פאַרזען געוואָרן דורך די פריערדיקע יידישע היסטאָריקער און אַז מען דאַרף זיך נעמען פאַר אַ גרינטלעכער פאָרשונג אויף דעם דאָזיקן געביט. אַזוי האָבן געטאָן קאָראָ און דר׳ יצחק שיפער אין זייערע ווערק וועגן דער וויסנשאַפטלעכער געשיכטע פון יידן אין מיטלאַלטער — און האָבן דערמיט אויסגעפילט אַ בלויז אין אונדזער היסטאָריאָגראַפיע. אַנדערע אָבער האָבן, אונטער דעם איינפלוס פון „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם״ אָדער מאַרקסיזם, געוואָלט שאַפן אַ נייעם עקנאָמיסטישן באַנעם פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע, דאָס הייסט — שטעלן דעם עקאָנאָמישן פאַק־טאָר העכער פון אַלע אַנדערע און אין גאַנצן מאַטעריאַליזירן די היסטאָריאָגראַפיע. איך קאָן ניט מסכים זיין מיט דעם דאָזיקן איינזייטיקן שטאַנדפּונקט, אָבער איך מוז דאָך מודה זיין, אַז אונדזערע „יונג־היסטאָריקער״ האָבן אונדז געגעבן עטלעכע זייער וויכטיקע היסטאָרישע פאָרשונגען (דר׳ ע. רינגעלבלום אין זיין געשיכטע פון יידן אין דער „פאַרהיסטאָרישער״ וואַרשע פון 15טן יאָרהונדערט און פיליפּ פרידמאַן

אין זיינע מאָנאָגראַפיעס, באַזונדערס אין דער אָקערשט אַרויסגעגאַנגענער „געשיכטע פון יידן אין לאָדזש" — ביידע אויפן גרונט פון אַרכיוואַלישע מאַטעריאַלן).

איך האָב ניט בדעה צו באַרירן דאָ אַלע דערשיינונגען פון אונדזער היסטאָריאָגראַפיע אין דער לעצטער צייט: טיילוויז וועלן וועגן דעם רעדן אונדזערע מיטאַרבעטער פון ייוו"אָ אין פאַרשיידענע לענדער. עס וואָלט געווען זייער וויכטיק אויסצוהערן אויך אַ באַריכט וועגן די אויפטוען פון יידישע פאָרשער אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו אונדזער ייוו"אָ געפינט זיך אונטער אַ חרם. אדרבא, לאָמיר הערן, ווי מען שאַפט געשיכטע דאָרטן, אונטערן יאָך פון אַן אָפיציעלער דאָגמע, וואָס איז אַ מוז פאַר יעדן פאָרשער... דאָ וויל איך נאָר פאַרגלייכן צוויי סיסטעמעס פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג אין צוויי אינסטיטוציעס, וואָס איך האָב דערמאָנט אין מיין דערעפענונגס־רעדע פון אונדזער צוזאַמענפאָר: אין ירושלימער אוניווערסיטעט און אין ווילנער אינסטיטוט. אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע איז שטענדיק דער לעבנסנערוו פון יעדער וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, איז אָט נעם איך צוויי ביכלעך פון צוויי צייטשריפטן — דעם „תרביץ למדעי הרוח" אין ירושלים און די „ייוואָ־בלעטער" אין ווילנע — ביידע פון יאַנואַר 1935, און גיב דאָ אַ רשימה פון די הויפּט־אַרטיקלען פּאַראַלעל:

ת ר ב י ץ

ד. סגל — הפזמון בשירה המקראית.

ע. מלמד — השפעת התורה בס' שופטים.

פ. בער — הערות חדשות לס' „שבט יהודה".

גטלר — כ"י חדש לליקוט הלטיני של ס' „מקור חיים".

סוקניק — מערת קברים יהודית בנחל קדרון.

י. היילפּערין — חשבונות ועד ד' ארצות בפולין (מפנקס טיקטין).

י י ו ו אָ ־ ב ל ע ט ע ר

יעקב לעשצינסקי — יידישע סטודענטן נאָך דער וועלט־מלחמה (בילדונגס־אינפלאַציע, סטאַטיסטיק).

ר. מאַהלער — ווען און ווי אַזוי זיינען יידן געוואָרן אַ האַנדלס־פאָלק.

י. שיפּער — קולטור־געשיכטלעכער פאָן פון דער עלטסטער יידישער ליטעראַטור (ייד. נעמען אין מיטלאַלטער).

הענדעל — מעזעריטשער פנקסים (18־19 י"ה).

דער אונטערשייד איז בולעט. דאָרטן — פאָרשונגען פאַר ספּעציאַליסטן, דאָ — פאַר יעדן דענקענדיקן מענטשן, וואָס אינטערעסירט זיך מיט פּראָבלעמען פון דער איצטיקייט און דער פאַרגאַנגענהייט. קאָנען מיר דען זאָגן, אַז דאָס איז נייטיק און דאָס איז ניט נייטיק? ביידע פירן אויס וויסנשאַפטלעכע פונקציע. יעדערער אויף זיין שטייגער. אויך די אַרצי־ספּעציאַלישע פאָרשונגען וועלן מיט דער צייט באַנוצט ווערן דורך פּאָפּולאַריזאַטאָרן, וואָס וועלן דאָס צוטריטלעך מאַכן פאַרן פאָלק. דאָ זאָל דערמאָנט ווערן, אַז חוץ דעם אַקאַדעמישן „תרביץ" דערשיינט

פעריאָדיש אין ארץ־ישראל די צייטשריפט „ציון" פון דער היסטאָריש עטנאָגראַ־פישער געזעלשאַפט, וואָס האָט אַ רייכן אינהאַלט אויך פאַר דורכשניט־לייענער. דער עיקר איז דאָ די פאַלעסטינישע אַרכעאָלאָגיע און היסטאָריע. די נייע אויס־גראָבונגען אין ארץ־ישראל האָבן שוין געגעבן וויכטיקן מאַטעריאַל פאַר אונדזער עלטסטער געשיכטע, און עס איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז מיט דער צייט וועט פאַר אונדז אויפלעבן די אַלט־יידישע קולטור אין פאַלעסטינע, אַזוי ווי אַנטיקע רוי־מישע קולטור אין די חורבות פון פּאָמפּיי און הערקולאַן. די קלאַסישע ביבל־צייט וועט באַקומען לעבן און פאַרב.

אמתע געשיכטע־שרייבונג איז אַן אַקט פון „תחית־המתים": דער היסטאָ־ריקער דאַרף אויפן גרונט פון מאַטעריאַלן מאַכן אויפלעבן די בילדער פון אַלטע צייטן, ווי זיי זיינען ווירקלעך געווען, אָבער ניט באַפאַרבן זיי מיט מאָדערנע טענ־דענצן, ניט שאַפן מאַריאָנעטקעס פאַר דער אָדער יענער אידעאָלאָגיע אפריאָרי. די אידעאָלאָגיע דאַרף זיין דער פועל־יוצא אַ פּאָסטעריאָרי פון דער היסטאָרישער פאָרשונג, אָבער ניט אַ טעאָריע, וואָס מען מוז דווקא באַווייזן דורך קינסטלעכע היסטאָריאָגראַפישע קאָמבינאַציעס. עס דאַרפן ניט זיין רעכטע און לינקע היס־טאָרישע סיסטעמען, אַזוי ווי מיר זעען דאָס היינט אין פאַרשיידענע לענדער. אַזוי ווי עס איז קעגן יושר קלאַסן־יוסטיץ אין איין לאַנד און ראַסן־יוסטיץ אין דעם אַנדערן, אַזוי דאַרפן מיר ניט דערלאָזן קלאַסן־און ראַסן־סיסטעמען, וואָס זיינען נאָר מיטלען פון פּאָליטישער דיקטאַטור. „וועלט־געשיכטע איז וועלט־געריכט" — זאָגן די אַלטע חכמים, און ריכטער מוזן זיין אָביעקטיוו, משפטן אָן פּניות צו דעם אָדער יענעם צד. די יידישע וועלט־געשיכטע וועט אויך זיין אַ וועלט־געריכט איבער אַלע עוולות און רדיפות, וואָס מען טוט אָן דעם געפּלאָגטן פאָלק. אין דעם באַשטאַנד פון דעם דאָזיקן געריכט האָפן מיר צו זען די בעסטע און די הומאַנסטע פאַרטרעטער פון אַלע פעלקער.

1935

וואָס דאַרף מען טאָן אין המנס צייטן ?

חשובע פריינט !

אין 1937 איז געוואָרן צוויי טויזנט יאָר פון יענעם מאָמענט אָן, זינט דער רוימישער הערשער פּאָמפּעאוס האָט מיטגעבראַכט די ערשטע יידישע געפאַנגענע פון ירושלים קיין רוים (63 פאַר קריסטוסן). דאָס איז געווען דער אָנהייב פונעם יידישן ישוב אין אייראָפּע. אין אַ פּאָר יאָר אַרום זיינען שוין די געפאַנגענע געוואָרן פרייע מענטשן, און דער גרויסער רוימישער אָראַטאָר ציצעראָן האָט אַליין עדות־געזאָגט, אַז יידן שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָלע אין רוימישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַזוי וואָלטן מיר געקאָנט מאַכן איצט אַ צוויי־טויזנט־יאָריקן יובל פון אונדזער אייראָפּעאישן ישוב, ווען ס׳וואָלט אונדז אין אָנהייב פון דריטן יאָרטויזנט ניט פאַרשטערט אָט דעם יום־טוב אַ גלגול פון יענע גערמאַנישע באַרבאַרן, וואָס האָבן אין דער צייט פון פּאָמפּעאוס־צעזאַר נאָך געפירט אַ האַלב ווילדן לעבן. די לעצטע צוויי היטלער־יאָרן 1938־1939 מאַכן אויף אַ סך מענטשן דעם איינדרוק, אַז עס הייבט זיך אָן דער חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום, און אַז דער העגעמאָני־שער צענטער פון אונדזער פאָלק וועט זיך מוזן אַריבערטראָגן אויף יענער זייט ים — קיין אַמעריקע אָדער אַזיע.

מיר לעבן איבער איינעם פון די גרעסטע קריזיסן אין אונדזער געשיכטע. די יאָרן תרצ״ח — תרצ״ט וועלן פאַרצייכנט ווערן אין דער רשימה פון די שרעק־לעכסטע היסטאָרישע דאַטעס : תתנ״ו (קרייצצוגן), ק״ח — ק״ט (שוואַרצער טויט),

---

פון דער רעדאַקציע.

דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן און וויכטיקן „בריוו״, האָט שמעון דובנאָוו, ע״ה, געשיקט פון ריגע זומער 1939 צו דער רעדאַקציע „אויפן שיידוועג״, קיין פּאַריז. „אויפן שיידוועג״ איז געווען „אַן אומפּאַרטייאישער אָרגאַן פאַר ערנסטער פּובליציסטיק, פאַר יידישע קולטור־פּאָליטישע און קולטור־פילאָסאָפישע פּראָבלעמען״ א. אַ. וו. און „אַ פרייע טריבונע פאַרן זוכנדיקן יידישן געדאַנק און פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט צו זאָגן זיין דורכגעטראַכט וואָרט וועגן די פראַגן, וואָס מאַטערן אַ וועלט מיט יידן״. די זאַמלביכער זיינען דערשינען אונטער דער רע־דאַקציע פון א. טשעריקאָווער און י. עפרויקין.

שמעון דובנאָוו איז דאַן אַלטע געווען 79 יאָר.

דער „בריוו״ פון ש. דובנאָוו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „צווייטן זאַמלבוך״, אויגוסט 1939. קאָן זיין, אַז ס׳איז דער לעצטער אַרטיקל פונעם גרויסן יידישן היסטאָריקער ש. דובנאָוו, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דעם 30טן נאָוועמבער 1941 אין דער ערשטער „אַקציע״ דורך די דייטשע מערדער, ימח שמם ונמח זכרם מלהזכירם.

מיר גיבן דעם דובנאָוו־בריוו אין פאַרבינדונג מיט זיין 100סטן געבוירנטאָג.

רנ״ב (גירוש ספרד), ת״ח ות״ט (כמעלניצקי), תרמ״א — תרמ״ב און תרס״ג — תרס״ו (רוסישע פאָגראָמען), תרע״ט — תר״פ (אוקראַיניש־פעטלורישע פאָגראָמען). אין די היינטיקע גזירות אין מיטל־אייראָפּע האָבן זיך פאַראייניקט אַלע צרות פון אַמאָליקע צייטן מיט אַ מאָדערנסטער סיסטעם פון רציחות, רויב און פייניקונגען, וואָס עס האָט געקאָנט צוטראַכטן נאָר די אינקוויזיטאָרישע פאַנטאַזיע פון אַ היטלער, אַ גערינג אָדער אַ שטרייכער. מיר לעבן איבער באמת המנס צייטן: היטלערס „אויסראָטונגס־סיסטעם" איז אַ פּשוטע איבערזעצונג פון המנס פּלאַן „להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים" — מיט דעם אונטערשייד, וואָס דאָרט איז עס געבליבן נאָר אַ פּלאַן, ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט און האָט דערפירט המנען צו דער תליה, און היטלער — האָט זיין פּלאַן כמעט ווי דורכגעפירט. אַ מיליאָן יידן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע זיינען פאַרניכטעט, באַרויבט, צעשלאָגן, לערך אַ העלפט — פאַרטריבן, און די אַנדערע העלפט זיצט נאָך אין דעם היטלער־לאַנד, ווי געפאַנגענע אָדער ווי ערבניקעס, וואָס ווערן לאַנגזאַם פאַרפייניקט, אויף אַלע קאָנטינענטן און ימים הערן זיך איצטער די געשרייען פון צענדליקער טויזנטער „גולי אַשכנז", וואָס קלאַפּן אין די טירן פון אַלע לענדער, — און מען לאָזט זיי ניט אַריין צוליב די אימיגראַציע־געזעצן אָדער סתם רשעות.

וואָס דאַרף מען טאָן אין אַזאַ צייט ? ווען דער חלף ליגט אויפן האַלדז, מוז מען זיך איילן אָפּצושטעלן די האַנט פון גזלן און ראַטעווען דעם קרבן. מען דאַרף שאַפן אין דער גאַנצער וועלט אַ באַוועגונג קעגן דער באַנדע רוצחים און אויך אָרגאַניזאַציעס צו זוכן לענדער פאַר די פאַרטריבענע אָדער אַנטלאָפענע. שוין עטלעכע יאָר, ווי די יידישע און טיילווייז אויך די ניט־יידישע וועלט אַרבעט אין אָט דער ריכטונג. אין דער לעצטער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אין דער גאַנצער וועלט דער אַנטי־אַגרעסיווער קאַמף קעגן יענעם פאַשיסטיש־נאַציסטישן בונד, וואָס איז גלייכצייטיק אַ סכנה פאַר דער מענטשהייט, ווי פאַר איר יידישן טייל. אין דעם דאָזיקן גרויסן קאַמף דאַרפן זיך אַריינוואַרפן אַלע אַקטיווע כוחות פון דעם יידישן פאָלק, כדי אַרויסצושלעפן אייראָפּע פון דעם זומפּ, וואָס זי איז אין אים אַריינגעפאַלן, און ראַטעווען די אייראָפּעאישע יידן פון אונטערגאַנג. אין דער ערשטער ריי שטייט די רעטונג־אַקציע, און שפּעטער וועט קומען די ריי איבערצובויען די צעשטערטע וועלט און אונדזער אייגן וועלטל אויף יסודות פון גערעכטיקייט און פרייהייט, מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן פּראָגרעס.

איז גראָד אין אָט די טעג פון מהומות און מלחמה־שרעק, צווישן פּעק מיט צייטונגען, פול מיט געשרייען פון היטלער־קרבנות, אָנגעקומען צו מיר דער ערשטער פון אייערע זאַמלביכער, „אויפן שיידוועג", וואָס אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט ער מיר פאַרשאַפט פיל פאַרגעניגן, אָבער היינט רופט ער ביי מיר אַרויס קריטישע געדאַנקען. איך וואָלט באַגריסט דעם עצם פאַקט, וואָס מענטשן שטעלן זיך אָפּ „אויפן שיידוועג" און פאַרטראַכטן זיך, צי זיינען די פריערדיקע וועגן פון דער יידישער אינטעליגענץ געווען ריכטיקע און צי דאַרף מען ניט עפּעס ענדערן אין אונדזער אידעאָלאָגיע פון 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט. אָבער, איצטער, ווען עס גייט

דער קאַמף פאַר אונדזער פיזישן קיום, פאַר אונדזער מענטשלעכער ווערדע, ווען יעדער טאָג רייסט אַרויס פון אונדזערע רייען טויזנטער קרבנות, ווען ביי אַ מיליאָן ברידער גייען אויס די כוחות, פון די שרעקלעכע יסורים, וואָס דערפירן אַ סך מענטשן צו זעלבסטמאָרד אָדער משוגעת, — צי קאָנען מיר אין אַזאַ צייט טראַכטן וועגן אידעאָלאָגישע רעוויזיעס? איך מיין, אַז מיר שטייען ניט אויפן שיידוועג אין גייסטיקן זינען, נאָר אויפן שלאַכטפעלד, וואו אַרום אונדז פאַלן צעשלאָגענע, פאַרפייניקטע מענטשן.

מען וועט פרעגן: וואָס קאָנען אומבאַוואָפנטע יידישע מאַסן אויפטאָן אויפן שלאַכטפעלד? זייער אַ סך. אַן אינטערנאַציאָנאַל מיליאָנען־פאָלק, פול מיט האַס צום פאַשיזם און נאַציזם קאָן דינען, ווי אַ שטאַרקער פערמענט אויפצורודערן די וועלט קעגן די דאָזיקע מערדערישע באַוועגונגען, אויפוועקן דאָס וועלט־געוויסן.

מיר האָבן שוין ניט ווייניק אויפגעטאָן מיט דעם באָיקאָט פון דייטשע סחורות, באַזונדערס — אין אַמעריקע, וואו עס גייען צוזאַמען מיט אונדז אויך ניט־יידישע אַרבעטער־מאַסן. די לעצטע סטאַטיסטיק באַווייזט, ווי עס איז אַ דאַנק דעם באָיקאָט געפאַלן דער עקספּאָרט פון דייטשע סחורות, און היטלער אַליין מיט זיינע אַגענטן האָבן געמוזט מודה זיין, אַז דאָס וועלט־יידנטום האָט אָנגעטאָן נאַצי־דייטשלאַנד גרויסע צרות. אַפנעמען דאָס שטיקל ברויט אָדער פוטער פונעם מערדערס מויל, — הייסט אַרויסרייסן פון זיין האַנט די שווערד, מיט וועלכער ער וויל אונדז טויטן. מיר העלפן דערמיט דער עקאָנאָמישער בלאָקאַדע, וואָס די גרויסע אַנטי־אַגרעסיווע מלוכות שאַפן אַרום היטלער־לאַנד און מוסאָליני־לאַנד. דורך אונדזער פּראָפּאַגאַנדע העלפן מיר צו שאַפן אויך די מאָראַלישע בלאָקאַדע אַרום ביידע רויבערישע מלוכות. ווען עס וועט קומען צו אַ וועלט־מלחמה, וועלן באַגייסטערטע יידישע סאָלדאַטן פרייוויליק קעמפן אויפן פראָנט פונעם אַנטי־אַגרעסיוון בלאָק.

דאָס איז איין זייט פון אונדזער קאַמף — די אַנדערע איז נאָך וויכטיקער: איינ־אָרדענען אונדזערע פאַרוואָגלטע ברידער, וואָס זוכן אין אַלע טיילן וועלט אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאָ מוזן מיר אויך פירן אַ שווערן קאַמף: אין ארץ־ישראל — מיט די אַראַבישע טעראָריסטן און אַראַבאָפילן אין דער ענגלישער רעגירונג, אין די איבעריקע אימיגראַציע־לענדער — מיט די וועכטער פון פאַרשלאָסענע טויערן. אין יענע עמיגראַציע־לענדער, וואָס זיינען מער אָדער ווייניקער אָנגעשטעקט מיט דער נאַציסטישער מגיפה און ווילן פטור ווערן פון דער יידישער באַפעלקערונג, מוז מען נאָך ווייטער פירן דעם אַלטן קאַמף פאַר אונדזערע בירגערלעכע רעכט.

אַזוי אַרום האָבן מיר דרינגענדיקע אַרבעט, אַרבעט איבער אונדזערע כוחות. און דאָ קומט מען צו אונדז מיט שטימונגען פון יאוש און רעזיגנאַציע, מיט הרהורי־תשובה און גאָט־זוכעניש. ניט צום ערשטן מאָל הערן מיר אַזעלכע תשובה־שטימונגען. אַפילו אין די לעצטע זעכציק יאָר — פון די רוסישע ביז די דייטשישע פּאָגראָמען — האָבן מיר שוין עטלעכע מאָל דורכגעמאַכט אַ רעוויזיע פון אונדזערע אידעאַלן: חיבת־ציון, פּאָליטישער און גייסטיקער ציוניזם, גלות־אויטאָנאָמיזם, טעריטאָריאַליזם און סאָציאַליסטישע קאָמבינאַציעס פון אָט די אַלע „איזמען". איר, מיינע פריינט, זייט גאַנץ גערעכט, ווען איר שרייבט („אויפן שיידוועג", 1 ז. 5):

„נאָך יעדער גרויסער קאַטאַסטראָפע אין לעבן פון פאָלק, פלעגט פון די חורבות אויפגיין אַ נייע שטאַרקונג און חשבון־הנפש". יאָ, נאָך דער קאַטאַסטראָפע, אָבער ניט אין די טעג פון דער קאַטאַסטראָפע. מיר זייַנען נאָך פון איר ניט אַרויס, ווייל זי איז לענגער און שאַרפער, ווי אַלע פריערדיקע קאַטאַסטראָפעס אין לעצטן יאָר־הונדערט. ווען דער „גירוש אַשכנז" וועט זיך פאַרענדיקן, און מיר וועלן האָבן אַלע הונדערטער טויזנטער פּליטים איינגעאָרדנט אין אַנדערע לענדער, וועלן מיר דעמאָלט זיך אַרומזען אויף וויפל די אַסימילאַציע־ריכטונג איז ביי אונדז אויסגע־וואָרצלט נאָך דעם שטורעם פון ראַסיזם און היטלעריזם, און ווי קאָן מען גייסטיק ראַטעווען די אויסגעליידיקטע נשמות פון דעם נייעם דור. דערווייל אָבער דאַרפן מיר ראַטעווען זייערע גופים. אַפריער יידן — דערנאָך יידישקייט. דערווייל דאַרפן מיר קעמפן מיט דער מגיפה פון שנאת־ישראל אין איר נאַציסטישער פאָרם, מיט די פּלענער פון נייע גירושים און רדיפות אין מזרח־אייראָפּע.

אין אונדזער תקופה פון קאָנטער־עמאַנסיפּאַציע טאָר מען ניט שטעלן די אי־ראָנישע פראַגע: נו, און וואָס האָט זי אונדז געבראַכט אָט די עמאַנסיפּאַציע? יאָ, זי האָט מיטגעבראַכט אַסימילאַציע, אָבער אויך — פרייהייט, מענטשלעכע ווערדע, זי האָט אויפגעלעבט דעם פרייען מענטשן אין דעם יידן, — און די אויפגאַבע פון אונדזער גרויסער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט באַשטייט דערין, אַז מען זאָל קעמפן פאַר עמאַנסיפּאַציע אָן אַסימילאַציע, פאַר בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט צוזאַמען. נאָך דער וועלט־מלחמה האָבן מיר אַזאַ פרייהייט שוין אויסגעקעמפט, אָבער נאָר יורידיש, אין די אָפּמאַכן פון פעלקער־בונד מיט די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. מען האָט קוים באַוויזן צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע פולשטענדיקע עמאַנסיפּאַציע, איז געקומען די היטלעריסטישע מגפה און האָט פאַרסמט די מוחות אין די לענדער פון גרויסע יידישע צענטרען.

הייסט עס, אַז די עמאַנסיפּאַציע האָט אונדז אָפּגענאַרט? מיר מוזן קעמפן קעגן דעם גייסט פון קאָנטער־עמאַנסיפּאַציע, קעגן די מיאוסע פּלענער פון „עוואַקויִרן" מיליאָנען יידן פון די לענדער, וועלכע זיי האָבן געבויט הונדערטער יאָרן צוזאַמען מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, קעגן דער מגיפה פון די היטלער־גירושים, אָבער ניט אַראָפּלאָזן די הענט און זיפצן: די עמאַנסיפּאַציע האָט אונדז אָפּגענאַרט! איר וועט זאָגן, אַז אין מזרח־אייראָפּע קאָן זיך איבערחזרן דער „גירוש־אַשכנז" פון היטלער־לאַנד, — אָבער דאָ האָט מען דאָך שוין פאַרזוכט דעם טעם פון היטלע־ריזם, און מען האָט דאָך געמוזט צושטיין צום אַנטי־אַגרעסיוון בלאָק פון די דע־מאָקראַטישע לענדער קעגן די וועלט־גזלנים. וועט די אַנטי־אַגרעסיע־באַוועגונג באַפרייען אייראָפּע, וועט באַפרייט ווערן אויך איר יידישער טייל.

אָט פייערט מען איצטער, אין דער צייט פון דער שרעקלעכסטער קאָנטער־רעוואָלוציע, דעם 150טן יובל פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געשאַפן אַ נייע תקופה אין דער וועלט־געשיכטע. און אונדזער פאָלק וועט אין זיינע פּראָגרעסיווע קרייזן מיט התלהבות פייערן דעם ערשטן סימבאָל פון „זמן חירותנו". אין צוויי יאָר אַרום וועט קומען דער יובל פון אונדזער ערשטער עמאַנסיפּאַציע (1791), — וועלן מיר דערמאָנען דער וועלט, אַז צו דער דאָזיקער

עלעמענטאַרער בירגערלעכער עמאַנסיפּאַציע, האָבן מיר אין דער לעצטער תקופה צוגעגעבן די נאַציאָנאַלע, אָדער די זעלבסט־עמאַנסיפּאַציע. מיר שטייען און פאַלן מיט דעם פּראָגרעס אָדער רעגרעס פון דער גאַנצער מענטשהייט, ניט מיט עטלעכע אירע דעגענערירטע טיילן.

דער רוף „צוריק צום געטאָ" איז ניט ניי, און מיר האָבן אים שוין עטלעכע מאָל געהערט אין די לעצטע צענדליקער יאָרן. אויף וויפל דאָס הייסט: „צוריק צו יידישער קולטור, אָדער צו יידישקייט און מאָדערנעם זינען" — גייט דאָך דאָס אַריין אין דער פּראָגראַם פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. אָבער צום מיטלאַלטער־לעכן געטאָ און זיין יידישקייט ווערט דאָס פּראָגרעסיווע יידנטום קיינמאָל זיך ניט אומקערן. דער רוף „צוריק צו גאָט, צו דער אַלטער פרומקייט" ווערט האָבן דעם זעלביקן דערפאָלג, ווי ענלעכע רופן פון די קריסטלעכע קירכן צו זייערע פעלקער. די רעליגיעזע מאַסן וועלן בלייבן ביי זייער גלויבן, אָבער די פרייזיניקע ווערט מען ניט אַריינשלעפּן צוריק ניט אין בית־המדרש אַריין און ניט אין דער קירך אַריין.

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט דער שאַפער פון דער ניי־אָרטאָדאָקסיע שמשון רפאל הירש אין זיינע „19 בריוו" פּראָקלאַמירט די האַרבע פאָדערונג: „ניט די תורה דאַרף זיך צופּאַסן צום לעבן. נאָר דאָס לעבן צו דער תורה". און דאָך האָבן די נייע דורות באַוויזן, אַז מען קאָן אָפּהיטן דעם ריינעם קערן פון יידישקייט נאָר דורך צופּאַסן זיך צו די פאָדערונגען פונעם נייעם לעבן. מיר האָבן איצטער אַ רעליגיעזע יידישקייט און אַ נאַציאָנאַלע יידישקייט, אָדער אַ קאָמבינאַציע פון די ביידע. זאָל יעדע פּאַרטיי גיין אין איר ריכטונג. אָבער מאָנאָפּאָליזירן די גאַנצע יידישקייט פאַר זיך האָט קיינער קיין רעכט ניט. די חלוקי־דעות זיינען געשאַפן געוואָרן דורך גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס אַ לעבעדיק פאָלק מוז דורכמאַכן. דער פרייער אידייען־קאַמף מוז ווייטער אָנגיין, און דער אינסטינקט פון נאַציאָנאַלן קיום ווערט שוין באַוויזן דעם עלטסטן היסטאָרישן פאָלק דעם ריכטיקן וועג פאַר זיין ווייטערדיקער עקזיסטענץ.

וועגן די אַלע אינעווייניקסטע פראַגן וועלן מיר נאָך שמועסן, ווי נאָר די משוגע־געוואָרענע וועלט ווערט זיך באַרואיקן, נאָך דעם, ווי דער נייער „אַנטי־אַגרעסיווער בונד" ווערט אָפּהאַלטן אַ נצחון איבער די רויבער־מלוכות אין יענעם קאַמף, אין וועלכן די מער פון אַלעמען באַרויבטע און צעשלאָגענע יידישע נאַציע מוז זיך אַקטיוו באַטייליקן אין די גרענעצן פון אירע מעגלעכקייטן.

1939

באַטראַכטונגען

1. רעליגיע איז פאַר אַ טייל מענטשן אַן אויסגאַנג־פּונקט פון זייער וועלט־באַנעם, פאַר אַנדערע איז זי אַן ענדציל. אַ טייל מענטשן קלערט זי אַלץ אויף, אפילו דאָס, וואָס האָט קיין שייכות נישט צו איר געביט; פאַר אַנדערע עפנט זי אַ דורכלויכט בלויז אַהין, וואו עס דרינגט נישט אַריין דער וויסנשאַפטלעכער געדאַנק, אין דעם געביט פונעם אומדערגרייכבאַרן.

2. ווער עס פאַרמאָגט נישט אין זיך די „געטלעכע קעניגרייך", אין דעם זינען פון שטרעבן צו העכערע גייסטיקע אידעאַלן, איז אין תוך אַ נישט־רעליגיעזער מענטש, הגם ער געהערט און איז פאַרבונדן מיט וועלכער ניט איז אַפּיציעלער אמונה. די סאַמע נישט־רעליגיעזע מענטשן זיינען די, וואָס האַנדלען מיט רעליגיע אָדער מיט פרומקייט, און פאַרקויפן זי פאַרציעסווייז צו די, וואָס גאַרן און דורשטן נאָך אַ נס. זיי זיינען ווי מעקלער, פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטש, — די קלעריקאַלן און קירכע־פאַנאַטיקער פון אַלע אמונות. און פאַרקערט, עס איז דאָ אַ טיפע, אינעווייניקסטע רעליגיעזיטעט אָן דער אַפּיציעלער רעליגיע.

3. דער קולט פון אמת געהערט צו די דערהויבענע גייסטלעכע נאַטורן, דער קולט פון גוטס — צו עמאָציאָנעלע נאַטורן, דער קולט פון שיינקייט — צו עסטעטישע נאַטורן. בלויז אַ צונויפפאָרונג פון די דריי קולטן קאָן שאַפן די פאַרגאַנצטע האַרמאָנישע נאַטור.

4. אָן גלויבן איז שווער צו לעבן. אָדער מען דאַרף גלויבן אין גאָט און אין זיין פאַרנונפטיקער פירונג מיט דער וועלט, הגם נישט אַלע מאָל ווערט עס דערוויזן אין דער ווירקלעכקייט, אָדער מען דאַרף גלויבן אין דעם מאָראַלישן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, הגם אויך דאָס ווערט ניט אַלעמאָל דערוויזן אין דער געשיכטע.

5. די דעמאָקראַטיע לעבט, כל־זמן עס ברענגט זי נישט אום די דעמאַגאָגיע, וואָס באַנוצט זיך מיט דער דעמאָקראַטישער פרייהייט צוליב דעם, כדי זי אומצוברענגען. אַ באַווייז — דער נאַציזם, וואָס האָט אומגעבראַכט די ווייַמאַר־קאָנסטיטוציע, און וואָס האָט זיך באַנוצט דערביי מיט איר אומענדלעכער פרייהייט.

6. די וויסנשאַפט איז אין דינסט פון צעשטערונג. די טעכניק פון אַוויאַציע איז אויסגענוצט געוואָרן אויף אַראָפּצושליידערן באָמבעס אויף דעם שונאס שטעט און אויף מאַסן־מאָרדן פון דער פרידלעכער באַפעלקערונג. די כעמיע — אומצוברענגען מענטשן דורך די גיפטיקע גאַזן. די ראַדיאָ — צו פאַרדאַרבן די מוחות

אויסצוגן פון ש. דובנאָווס „באַטראַכטונגען", וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט אין זיין רוסישן בוך „קניגאַ זשיזני" („דאָס בוך פון לעבן"), באַנד 3, דערשינען אין ריגע אין 1940, איבערגעדרוקט אין ניו־יאָרק, 1957. יידיש—נ. מ.

און נאַרן די מאַסן מיט די ליגנערישע ידיעות וועגן די דעספּאָטישע מלוכות. און וויפל גליק און וואוילזיין וואָלטן די דאָזיקע דערפינדונגען געקאָנט ברענגען דער וועלט, ווען מ׳וואָלט זיי באַנוצט צוליבן שאַפן, צוליבן בויען!

7. אויב אַ געזעלשאַפט איז אַ צונויפזאַמל פון מענטשן פונעם הייַנטיקן דור, איז נאַציע אַ צונויפזאַמל פון דורות, אַ קאָלעקטיוו אויף אַ געווויסן מהלך פון דער געשיכטע. און וואָס גרעסער עס איז אָט־דער מהלך, ביי אַ כסדרדיקער, אומ־איבערהערלעכער קולטור־דינאַמיק, אַלץ וויכטיקער איז די ראָלע פון דער נאַציע אינעם קאָלעקטיוו פון נאַציעס — אין דער מענטשהייט.

8. אַלע וויסנשאַפטן גיבן קענטעניש, געשיכטע אָבער גיט אויסער דעם אויך חכמה, פאַרנונפט, די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג פון יאָרהונדערטער. עס רעדט זיך דאָ וועגן אַ שטרענג־וויסנשאַפטלעכער און אָביעקטיווער היסטאָריאָגראַפיע, אָן אמתדיקע, וואָס איז אונטערגעוואָרפן דעם העכסטן קריטעריום פון עטיק און הומאַניזם, אָבער נישט וועגן היסטאָרישע ביכער, וואָס דינען אַלס געווער פאַר דער אָדער אַנדערער פאַרטייאישער פראָפּאַגאַנדע. מער פון אַלץ ווערט געשיכטע פאַלסיפיצירט אין שול־לערנביכער, וואָס ווערן פאַרפאַסט מיטן ציל צו דערציען די יוגנט אין גייסט פון דער הערשנדיקער פאָליטישער פאַרטיי אָדער רעגירונגס־סיסטעם.

9. היסטאָריאָגראַפיע, ווי איינע פון די וויכטיקסטע צווייגן פון סאָציאָלאָגיע, אונטערשיידט זיך פון אַנדערע קרובהשע וויסנשאַפטן מיט דעם, וואָס נישט נאָר שטעלט זי איין די געזעצן פון דער מענטשהייטס אַנטוויקלונג, נאָר זי אורטיילט די מעשים פון די היסטאָרישע יחידים און קאָלעקטיוון. דעריבער באַדאַרף זי זיין באַזונדערס פאָרזיכטיק אין אירע באַטראַכטונגען און אורטיילן. זי באַדאַרף זיך שטיצן נישט נאָר אויף פּריוואַטע דאָגמאַטן אָדער דאָקטרינען, נאָר אויף אַלגעמיינע געזעצן פון פּראָגרעס און אויף אַלמענטשלעכע געזעצן פון פּראָגרעס און אויף אַלמענטשלעכע פּרינציפּן פון עטיק.

10. דאָס וואָרט, וואָס דאַרף דינען ווי אַ געצייג ביים דורכפירן דעם געדאַנק אין לעבן, קאָן ווערן, ביי אַן אומגאַרמאַלן באַנוצן עס, אַ געצייג פון פאַרקריפּלען דעם געדאַנק. זייער אָפט פאַרנעמט עס דאָס אָרט פונעם געדאַנק און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאָרם אָן אינהאַלט. אַ סך שרייבער שרייבן — נישט דערפאַר, וואָס זיי פאַרמאָגן פיל געדאַנקען, נאָר דערפאַר, וואָס זיי פאַרמאָגן פיל ווערטער. די גרויסע צאָל אַרויסגעלייענטע ווערטער, טערמינען און מאָדע־פראַזן קאָמבינירן זיי, — און עס קומט ביי זיי אַרויס אַן אַרטיקל אָדער אַ בוך. אַזוי אַרום דערשיינען פוסטע ווערק, וואָס באַשטייען בלויז פון אָנצוגן, אָנגעטאָן אויף מאַנעקענישע טויטע געדאַנקען. דאָס איז נישט קיין ליטעראַטור, נאָר אַ „ווערטער־געזאַמל״. דער געדאַנק באַדאַרף שאַפן דאָס וואָרט, און נישט — פאַרקערט.

11. דער אָרגאַנישער פעלער פון סימבאָליזם און דעקאַדענץ אין פּאָעזיע באַשטייט אין דעם, וואָס דאָ גייט די שפּראַך פיל ווייטער פונעם געדאַנק און פון געשטאַלט, און דאָס וואָרט — ווייטער פונעם געפיל. דאָס באַנוצן זיך מיט נעפּל־

דיקע אָנונגען העלפּט נישט, ווייל דאָס עכטע שאַפן באַדאַרף מאַכן יעדע אומקלאָרע זאַך — קלאָר. שאַפן אַנטפּלעקט טיפקייטן, עס פאַרמאַסקירט אָבער נישט קיין פּוסטקייטן.

12. אַ שרייבער, וואָס אַרבעט פלייסיק אויף זיין ווערק און באַמיט זיך, אַז דאָס וואָרט זאָל דורכאויס און גענוי אויסדריקן דעם געדאַנק און בילד, ליידט יסורים, ווען זיין ווערק ווערט געלייענט אָן אַריינדרינגען און באַנעמען די דינסטע ניואַנסן פון געדאַנק, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די סטיל־באַהעלטענישן. אַזוי אויך ליידט אַ דיכטער, ווען מען דעקלאַמירט זיינע לידער ווי פּראָזע, וואָס ווערט געשריבן אין מינוטן פון דערהויבנקייט, אָבער דאָס רוב לייענער פילט נישט אָט־דעם ריטם. ריכטיק האָט געזאָגט דאַוויד פרידריך שטראַוס וועגן דעם לייענער־עולם, אַז ווי אַ קו עסט ער אויף אָן אַן איבערקלייב שמעקנדיקע בלומען צוזאַמען מיטן ווילד־גראָז. עס דערמאָנט זיך מיר אונדזער מענדעלעס פאַרגלייך: אַ גוטע באַלעבאָסטע גרייט צו, מיט דער ליבשאַפט פון אַ קינסטלערין אין איר פאַך, אַ גוטן, געשמאַקן מיטאָג, און די געסט קומען צו גיין, וואַרפן זיך אַרויף אויף דער שפּייז און עסן אַלץ אויף זייער שנעל, צווישן די טומלדיקע געשפּרעכן, און קלייבן זיך לחלוטין נישט פאַנאַנדער אין די געשמאַק־צוגעגרייטע מאכלים. און די באַלעבאָסטע פרעגט דערנאָך: איז געווען כדאי אַזוי זיך צו באַמיען? אויך דער שרייבער פרעגט: צו וואָס די אַלע באַמיאונגען און זאָרגן וועגן סטיל, ווען דער דורכשניטלעכער לייענער קלייבט זיך אין דעם אַלעם נישט פאַנאַנדער?

13. אַ פייערלעכע יובל־פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס באַטייליקט זיך דער בעל־יובל, איז אַ מין אויסשטעלונג פון זיינע אויפטוען. אַ שרייבער מיט אַ באַציאונג צו זיך באַדאַרף נישט זיך באַטייליקן אין אַזאַ מין אויסשטעלונג, — זאָל מען אים ערן (און פריי קריטיקירן) הינטער זיין נע אויגן).

14. אונדזער גרויסער אומגליק איז, וואָס אין אַלע צייטן און תקופות האָט מען אונדז, יידן, פאַרפאָלגט. אונדזער גרויסקייט באַשטייט אין דעם, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט סיי די פאַרפאָלגונגען און סיי די פאַרפאָלגער, די אַלערליי המנס פון אונדזער געשיכטע.

15. צוויי פּראָצעסן גייען אַדורך דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע: הומאַניזאַציע און נאַציאָנאַליזאַציע. נאָך די עפּאָכעס פון שטרענג־נאַציאָנאַלער פאַרשלאָסנקייט ווערן דערוועקט אין די פאָדערשטע רייען פון אונדזער געזעלשאַפט באַשטרעבונגען צום אַלמענטשלעכן, צו אַן ענגערער פאַרבינדונג מיט די אַרומיקע קולטורעלע פעלקער, און ווען דאָס גייט אַריבער די געוויסע ראַמען און גרענעצן און עס דראָט די יידן, זיי זאָלן זיך אויסמישן אין דער אַרומיקער סביבה, דאַן דערוועקט זיך דער אינסטינקט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרהיטונג און עס הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פון צוריקקער, עס קומט אַ נאַציאָנאַליזירונג פון די אַסימילירטע טיילן. דאָס איז אַ כסדרדיקער היך־און־צוריק גאַנג פון די צענטראַלויפנדיקע און צענטראָשטרעבנדיקע כוחות. דאָס פּראָבלעם באַשטייט אין דעם, מ׳זאָל ברענגען אַ גלייכגעוויכט אין דעם גאַנג פון אָט־די צוויי פּראָצעסן.

17. יידן האָט מען נישט ליב נישט אַזוי פאַר זייערע חסרונות, ווי פאַר זייערע מעלות, פאַר זייערע פאַרדינסטן, וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן אין די לאַנגע יאָרהונדערטער פון זייער גייסטיקן קולטור־לעבן.

17. פאַראַן אַזעלכע מיני ליבהאָבער פונעם יידנטום, וואָס האָבן עס ליב ווי עפּעס אַן אוראַלטע אַזך, ווי אַ היסטאָרישע זעלטנקייט. זיי ווילן דעריבער פאַרהיטן עס ווי אַ מומיע, און לאָזן עס נישט אַנטוויקלען ווי אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם.

18. עס איז אָנגענומען צו זאָגן: איך אַרבעט כל־זמן איך לעב. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: איך לעב כל־זמן איך אַרבעט און בין באַשעפטיקט מיט אַ זאַך, וואָס איך האָב ליב, ווייל אָן אַזאַ מין אַרבעט האָט דאָס לעבן קיין זינען נישט.

19. גוטע מענטשן פּאַסן־צו זייערע טואונגען צו זייערע איבערצייגונגען, שלעכטע — פּאַסן־צו זייערע איבערצייגונגען צו זייערע טואונגען, וואָס זיי פילן אויס אונטערן דרוק פון דרויסן, קעגן זייער געוויסן. דאָס רוב מענטשן פּאַסן זיך צו צום הערשנדיקן רעזשים, ווייל דאָס ברענגט זיי נוצן.

20. מיר אַלע זיינען ענלעך צו דעם יינגל, וואָס אַראָפּלאָזנדיק די האַנט אין אַ קרוג מיט אַ שמאָלן „פּיסקל", וועלכער איז פול געווען מיט ניס, האָט אָנגענומען אַ פולן הויפן, אָבער ווען ער האָט באַדאַרפט אַרויסציען צוריק די האַנט פונעם קריגל, איז ער געצוואונגען געווען אַרויסצולאָזן פון דער האַנט כמעט אַלע ניס. אַזוי איז אויך מיט אונדז. אין אָנהויב פון אונדזער לעבנס־גאַנג נעמען מיר אַריין אין אונדזער קאָפּ זייער אַ סך פאַרשיידנערליי פּלענער און גראַנדיעזע פּאָרמעסטן, און דערנאָך, אונטערן דרוק פון לעבן, לאָזן מיר צוביסלעך אָפּ אַזוי פיל, אַז צום סוף פאַרבלייבט שוין גאָר ווייניק. אָבער פאַר פייאיקע און באַגאַבטע מענטשן זיינען אָט־די לעבנס־לעקציעס אַ גוט מיטל פאַר אַן אָפּקלייב און פאַר אַ באַשטימונג פון דעם אייגענעם אמתן באַרוף. אָפּזאָגנדיק זיך פון צעשוואומענע צילן, דערגרייכן זיי די נויטיקע קאָנצענטראַציע פון כוחות, אָן וועלכער ס'איז נישט מעגלעך קיין עכט שאַפן.

21. ווען אדם איז פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן, האָט גאָט אויף אים שטאַרק רחמנות געקראָגן, האָט ער צוגערופן די זכרון־קעניגין מנעמאָזינאַ און צו איר אַזוי געזאָגט: גיי נאָך אים, און ווען יסורים און פּיין וועלן אים מאַטערן, זאָלסטו אים טרייסטן מיט דעראינערונגען וועגן זיין אַמאָליקן לעבן אין גן־עדן. און מנעמאָזינע איז אים נאָכגעגאַנגען און זי איז געוואָרן די טרייסטערין פונעם מענטשלעכן מין... דאָס פאַרטרייבן פון דעם קינדהייט־און יוגנט־גן־עדן חזרט זיך איבער אינעם לעבן פון אַלע קינדער פון אדם הראשון.

22. פאַראַן מענטשן, וואָס טרעטן פעסט אויפן לעבנס־וועג, אויף אַ באַשטימ־טער ליניע, און פאַראַן מענטשן, וואָס דרייען זיך אינעם ווירבער פונעם לעבן, ווי אָפּגעריסענע בלעטער.

23. פאַראַן אַן אומגליקלעכע יוגנט, אָבער אַ שטראַל פונעם לעבנס־מאָרגנ־שטערן שיינט אויף איר. פאַראַן אַ גליקלעכע עלטער, נאָר דער שאָטן פון דער

נאַענטער נאַכט לייגט זיך שווער אויף איר. אַלץ הענגט אָפּ פון דעם, וואוהין דער בליק איז געווענדט: צו דעם ליכט פון דעם לאַנגן טאָג אָדער צו דער פינצטערניש פון דער אייביקער נאַכט.

24. עס איז נישט אַזוי שרעקלעך די פולע איינזאַמקייט, ווי די איינזאַמקייט צווישן מענטשן, באַזונדערס צווישן נאָענטע און אייגענע, ווען זיי ווערן דיר גייסטיק פרעמד. די גייסטיקע קרובהשאַפט איז אָפט שטאַרקער ווי די קערפּערלעכע. דאָ איז וויכטיק נישט אַזוי די געמיינזאַמקייטן פון אידעאַלן, ווי אַ געמיינזאַמקייט פון אידעאַליזם, פון אַ גייסטיקער שטרעבונג, הגם אין פאַרשיידענע ריכטונגען.

25. „קהלת" — איז דאָס ערשטע בוך, וואָס פאַרניינט דעם אַבסאָלוטן אמת אין נאָמען פונעם רעלאַטיוון, און דערצו מיט אַ טרויעריקן צוגאָב: „און אַלץ איז נישטיקייט". אין „תהילים" און אין „איוב" קריגט זיך נאָך דער מענטש מיט גאָט, און אין „קהלת" איגנאָרירט ער אים. צוויי פּאָלוסן: דער פּאָלוס פון פייער און פון הייסע אויסגוסן אין „תהילים" און דער פּאָלוס פון סקעפּטישער קאַלטקייט אין „קהלת", און צווישן זיי — דער וועלט־שמערץ פון איובן.

26. „איך זינג, ווי עס זינגט אַ פייגל" — האָט געזאָגט געטע וועגן זיין ליריק. אַ סך זינגען אַזוי אין זייער יוגנט, שרייבן לירישע לידער, ווען דער יוגנט־פרילינג שיינט אָדער דער ערעאָס בליט אין דער נשמה, ווי עס זינגט אַ נאַכטיגאַל אין די מאַי־נעכט. נאָר דער סימן פון אַן אמתן דיכטער איז, ווען ער זינגט אויך נאָך דעם, ווי עס גייט אַוועק די פרילינג־צייט (געטע, וויקטאָר הוגאָ, היינע א. אַנד.).

27. טאָלסטאָי האָט ריכטיק געזאָגט, אַז אַן אויטאָביאָגראַפיע (פאַרשטייט זיך, אַן אמתע, ניט קיין טענדענציעזע) איז דער בעסטער מין ליטעראַטור. אין דעם קינסטלערישן זינען זיינען די בעסטע ווערק די, וואָס פאַרמאָגן אַן אויטאָביאָגראַפישן עלעמענט („קינדהייט און דערוואַקסלינג", „קריג און פרידן" פון טאָלסטאָי א. אַנד.). איך האָב זיך איבערצייגט אין דער שטאַרקער ווירקונג פון אויפריכטיקע און אמתדיק־פאַרפאַסטע אויטאָביאָגראַפיעס און זכרונות.

28. אין עלטער פון צוואַנציק יאָר, ביים אָנהייב פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט (1881), האָב איך פאַרשריבן פאָלגנדיקן אַפאָריזם פונעם דיכטער אַלפרעד דע ווינאַי: „וואָס אַזוינס איז אַ גרויס לעבן? דער געדאַנק פון דער יוגנט, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט אין רייפן עלטער". איך האָב דאַן צוגעשריבן צו אָט־דעם וואָרט: „נאָר מיטן באַדינג, אַז דער געדאַנק גופא זאָל זיין אַ רייפער". איצט וואָלט איך דאָס זעלבע אויסגעדריקט פשוטער: אַ גאַנץ לעבן איז דאָס, וואָס דער יוגנט־נדר איז מקוים געוואָרן אין רייפן עלטער.

29. אין די לעצטע יאָרצענדליקער איז איינגעפירט געוואָרן אויך אין דער יידישער פרעסע אַ מנהג צו געבן לאַנגע ראָמאַנען פון אָנגעזעענע שרייבער אין המשכים. איך האָב באַמערקט, אַז זינט די שרייבער האָבן אָנגעהויבן דרוקן זייערע ווערק אין פאָרזעצונגען אין די טעגלעכע צייטונגען, האָבן זיי פאַרלאָזט די פאָרם פון קורצע דערציילונגען, וועלכע האָבן פריער באַרימט געמאַכט זייערע נעמען,

און זיי האָבן גענומען אומנאַטירלעך פאַרלענגערן זייערע ראָמאַנען מיט אַ בפירושן שאָדן צו זייערע טאַלאַנטן, הגם מיט אַ באַדייטנדיקן וואוקס פון זייער האָנאָראַר. ס'איז קאַנטיק אין אַט־די ראָמאַנען, אַז דער מחבר שרייבט זיי פון וואָך צו וואָך, און שטעפּט אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל, און אָפט גייט ער אַוועק פון דעם, וואָס ער האָט לכתחילה, ביים צוטרעטן שאַפן, פאַרטראַכט. דאָס איז אין אַ געוויסן זינען אַן אַרבעט אויף באַשטעלונג, וואָס איז פול מיט געפאַר פאַר שרייבער, וואָס זיינען נישט געניג פעסט אין זייערע ליטעראַרישע פּלענער.

30. ...מ'דאַרף לעבן, כדי צו שרייבן, און נישט שרייבן כדי צו לעבן (לעבן אין זין פון פאַרדינען).

31. פאַראַן מענטשן־שטאַמען, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער באָדן־טיפקייט, און פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען ווי די געוויקסן, וואָס קנוילן און וויקלען זיך אַרום די שטאַמען, שטרעבנדיק דערמיט צו באַהעפטן זיך צום לאַנג דויערנדיקן.

32. מלוכה, נאַציע, קלאַס — אין נאָמען פון דער הערשאַפט פון יעדן איינעם פון אָט די פּרינציפּן פירן זיך בירגער־קריגן, פּאַרטיי־און קלאַסן־קאַמף, וואָס רייסן אויף די מלוכה פון אינעווייניק און וואָס ברענגט צו צווישן־פעלקערישע צוזאַמענשטויסן. די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער מענטשהייט באַשטייט אין דעם, מען זאָל ברענגען שלום צווישן אָט די פיינטלעכע כוחות און דערשלאָגן זיך צו אַ באַגרענעצונג פון זייערע הערשאַפט־ספערעס אינעם סאָציאַלן אָרגאַניזם. מען דאַרף דערגרייכן אַ גערעכטן פרידן צווישן די קלאַסן אין דער נאַציע, צווישן די נאַציאָנאַליטעטן אין דער מלוכה און צווישן די מלוכות אין דעם מלוכה־פאַרבאַנד, אין דער פאָרם פון פאַראייניקטע שטאַטן פון איראָפּע און פון די אַנדערע וועלט־טיילן. דער אינעווייניקסטער פּאַציפיזם איז אויך אַזוי וויכטיק, ווי דער אויסערלעכער.

33. עס איז פעסט און דויערנדיק בלויז די רעוואָלוציע, וואָס איז רייף געוואָרן אינעם האַרץ פון פאָלק אָדער ביי זיינע בעסטע מענטשן דורכן עוואָלוציע־וועג. אַ קינסטלעך אַרויסגערופענע פריצייטיקע רעוואָלוציע ברענגט בכלל דעם רעזולטאַט פון אַ פריצייטיק האָבן — אַ שוואַך נישט־דערוואַקסן קינד.

34. דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט איבערגעלעבט סיי די אוראַלטע מאָנאַרכיעס פון אַסיריע, באַבילאָן און עגיפּטן, ווי אויך די אַנטיקע גריכן־רוימישע וועלט, וואָלט געקאָנט זאָגן די איצטיקע מעכטיקע פעלקער: איר האָט זיך גענומען דעם שטח, און איך האָב זיך גענומען די צייט. איר פאַרמאָגט ריזיקע טעריטאָריעס אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן, און איך האָב זיך צעלייגט אין יאָרהונדערטער, אויף דער גאַנצער לענג פון דער וועלט־געשיכטע. אָבער אויך אין שטח האָט דאָס יידישע פאָלק אין אַ געוויסן זינען איבערגעיאָגט אַנדערע פעלקער, הגם דאָס איז געווען אַ געצוואונגענע עקספּאַנסיע. עס איז גרויס דער אומגליק, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז צעזייט און צעשפּרייט, ס'איז אָבער דערביי גרויס די מעלה פון אָט דער פאַרשפּרייטקייט. אין תלמוד נאָך שטייט געשריבן: „דער רבונו של עולם האָט

געטאָן די יידן אַ טובה, וואָס ער האָט זיי צעשפּרייט צווישן פעלקער": אויב מען פאַרפאָלגט זיי אין איין לאַנד, ראַטעווען זיי זיך אין אַנדערע לענדער. ווען דאָס יידישע פאָלק, באַגלייך מיט אַנדערע, וואָלט געווען צוגעבונדן צו איין באָדן, וואָלט ער לאַנג אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין טעריטאָריע ביי די אַלע פּאָליטישע קאַ־טאַסטראָפעס פון די לעצטע דריי טויזנט יאָר.

35. צוויי פּראָצעסן גייען אַדורך דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע: הומאַני־זאַציע און נאַציאָנאַליזאַציע. נאָך עפּאָכעס פון שטאַרקער נאַציאָנאַלער פאַר־שלאָסנקייט ווערן אויפגעוועקט אין די פאָדערשטע רייען פון דער (יידישער) גע־זעלשאַפט אַ באַשטרעבונג צום אַלמענטשלעכן, צו דער באַהעפטונג מיט די קול־טורן פון די אַרומיקע פעלקער. און ווען דאָס גייט אַריבער באַשטימטע גרענעצן און עס דראָעט די יידן, זיי זאָלן אויסגעמישט ווערן אין דער סביבה, וואָס רינגלט זיי אַרום, דאַן דערוועקט זיך דער אינסטינקט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטדערהאַל־טונג און עס שאַפט זיך אַ צוריקקער־פּראָצעס, די נאַציאָנאַליזאַציע פון די אַסימי־לירטע טיילן. דאָס איז אַ נאַטירלעכער כסדרדיקער הין־און צוריק־גאַנג פון די צענטראָלויפנדיקע און צענטראָשטרעבנדיקע כוחות. דאָס פּראָבלעם באַשטייט אין דעם, ווי איינצושטעלן אַ גלייכגעוויכט אין דעם גאַנג פון אָט דיביידע פּראָצעסן.

36. עס איז פאַראַן אַ טיפּ ליבהאָבער פון דעם יידנטום, וועלכע האָבן עס ליב ווי אַן אַלטערטימלעכע זאַך, ווי אַ געשיכטלעכע זעלטנקייט. זיי ווילן דעריבער אויפהיטן עס אין דער פאָרם פון אַ מומיע, און לאָזן נישט צו אַנטוויקלען עס ווי אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם.

37. די ערשטע טעג פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט זיינען צונויפגעפאַלן מיט דער ערשטער כוואַליע פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד (1881), און די לעצטע טעג פאַלן צונויף מיט דער פולשטענדיקער צעגראָמירונג פונעם יידישן ישוב אין פוילן (1939). ווייזט־אויס מיר איז באַשערט צו באַשטעטיקן די פּאָראַויסזאָגונג: „אין שטורעם האָסטו אָנגעפאַנגען, און אין שטורעם זאָלסטו ענדיקן" (ד. פ. שטראַוס).



פון רעכטס: י. ח. ראבניצקי, מענדעלע מו״ס, שמעון דובנאָוו, חיים נחמן ביאַליק

בריוו פון שמעון דובנאָוו

צו וו. לאצקי־בערטאלדי

... אַז איר פרעגט מיך, ווי ביי אַן אַלטן חבר פון דער „פאָלקספּאַרטיי״, צי איז דאָס ניט „שלילת הגלות״, ווען אין אונדזערע אייגענע רייען וואַקסט אַ באַוועגונג צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, מוז איך אייך ענטפערן: יאָ, ס׳איז טאַקע אַ מין יאוש פון גלות, אַ ווילן צו פאַרלאָזן אונדזער אומגליקלעכע גרויסע משפחה אין גלות כדי צו ראַטעווען זיך ביי איר קלענינקן טייל אין ארץ־ישראל. מיינע פריינט אין ארץ־ישראל לאָזן מיך נישט צורו און פאָדערן, איך זאָל קומען... אָבער איך ענטפער זיי: אַלס „מחייב הגלות״ קאָן איך נישט מיטהעלפן דער „התרוקנות הגלות״ — אויסליידיקן דעם גלות פון זיינע גייסטיקע כוחות. מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן אין די 15 מיליאָן יידן צוליב דעם איינציקן מיליאָן... אינטעליגענץ האָבן מיר דאָרט איבערגענוג... אמת, דאָ וועלן זיי זיין אויף צרות, אָבער זייער גייסטיקע ענערגיע וועט דאָךווירקן אין פאָלק. אַרויסציען פון גלות די דאָזיקע ענערגיע איז אַ גרויסע עבירה. נישט לאַנג האָב איך געשריבן צו אַן אַלטן פריינט אין ירושלים, אַז איך ווינטש אַלדאָס גוטס אונדזער שבט יהודה אין ארץ־ישראל, אָבער איך וויל נישט, אַז די עשרת השבטים אין גלות זאָלן פאַרפאַלן ווערן, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל אויפהערן צו עקזיסטירן... דאָס איז דער עיקר־העיקרים פון אונדזער „פאָלקספּאַרטיי״, און מיר טאָרן זיך נישט פאַרזינדיקן קעגן אָט דעם גרונט־דאָגמאַט. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער יחיד קאָן און אָפּטמאָל מוז זיך עס דערלויבן, אָבער אַלס באַוועגונג איז דאָס אין אונדזערע רייען נישט דערלאָזבאַר...

דער דאָזיקער בריוו פון שמעון דובנאָוו איז געשריבן אין ריגע, נאָוועמבער 1934 אַלס תשובה צו וו. לאצקי־בערטאלדי, וועלכער האָט באַשלאָסן אַרויסצופאָרן קיין ארץ־ישראל, און ער האָט אָנגעפרעגט ביי ש. דובנאָוון זיין מיינונג וועגן דעם באַשלוס. דער בריוו איז געבראַכט אין סאָפיע דובנאָוו־ערליכס בוך „דאָס לעבן און שאַפן פון שמעון דובנאָוו״ (יידיש — משה פערדמאַן, מעקסיקע, 1952, ז׳ 275).

צו ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, ניו־יאָרק

ריגע, דעם 8טן מערץ, 1936

ה׳ דר׳ חיים זשיטלאָווסקי,

זייער געשעצטער פריינט!

איך האָב ביז איצט ניט באַדאַנקט פאַר אייער שיינער מתנה — דעם ערשטן באַנד פון אייערע ׳זכרונות׳, ווייל איך האָב אים געוואָלט איינגאַנצן איבערלייענען. ערשט היינט האָב איך דערלייענט ביז צום סוף, און איך מוז אייך זאָגן, אַז איך האָב שוין לאַנג אַזאַ תענוג ניט געהאַט. ערשטנס, האָט מיך זייער אינטערעסירט די פּרטים פון אונדזער אַנסקיס לעבן, וואָס איר האָט אַזוי לעבעדיק באַשריבן. צווייטנס, איז מיר זייער נאָענט די סביבה, אייער וויטעבסקער קרייז, און די גאַנצע תקופה, וואָס איר מאָלט אויס מיט אַזעלכע בילדער־פאַרבן, מיט אַ גוטן פּסיכאָלאָגישן פירוש.

מיט עטלעכע יאָר פאַר אייך האָב איך דאָך אַליין דורכגעמאַכט אַזאַ אַנט־וויקלונגס־פּראָצעס אין מיין מאָהילעווער גובערניע, מיט דעם אונטערשייד, וואָס מיך האָבן מער באַוועגט אינדיווידועלע, איידער סאָציאַלע פּראָבלעמען, מער וועלט־שמערץ איידער פאָלקס־שמערץ (די לעצטע מכה האָט מיך שפּעטער אויסגעהיילט פון דער ערשטער).

מיר וואַרטן אויף דעם המשך פון אייערע מעמואַרן, באַזונדערס וועגן אייער אויסלענדישער תקופה, ווייל דאָס לעבן פון אונדזער ראַדיקאַלער יוגנט אין דער עמיגראַציע אין יענע יאָרן איז אונדז ווייניקער באַקאַנט.

אפשר האָט איר געלייענט די קאַפּיטלעך פון מיין ערשטן באַנד מעמואַרן אין ׳צוקונפט׳ און אין ׳טאָג׳ אין די לעצטע עטלעכע יאָר? מיט אַ האַלב יאָר צוריק איז דערשינען דער צווייטער באַנד פון די מעמואַרן אין רוסיש (׳קניגאַ זשיזני׳) און אויב איר האָט אים ניט געלייענט, וועל איך אייך אים צושיקן, צוזאַמען מיט דעם ערשטן. ווייזט מיר נאָר אָן אייער ריכטיקן אַדרעס, וואָס איז מיר ניט באַקאַנט. היינטיקן בריוו שיק איך אייך דורך דער רעדאַקציע ׳צוקונפט׳.

נעמט־אָן מיין פאַרשפּעטיקטע ברכה צו אייער 70־יאָריקן יובל. זאָל אייך זיין באַשערט נאָך לאַנגע יאָרן רואיק צו אַרבעטן און פאַרענדיקן די ׳זכרונות׳. מיר דוכט, אַז דאָס בעסטע — ווייל אינטימסטע — ווערק פון יעדן דענקענדן שרייבער מוז זיין דער ׳ספר הזכרונות׳, אויב ער איז געשריבן מיט דער טיפקייט און אויפריכטיקייט פון אַ ווידוי.

אייער מיט פריינטלעכן גרוס,

ש. דובנאָוו.

דער בריוו פון שמעון דובנאָוו צו דר׳ חיים זשיטלאָווסקי איז געשריבן דעם 18טן מערץ 1936 אין ריגע, וואו ש. דובנאָוו האָט דאַן געלעבט נאָך דעם ווי ער איז אַוועק פון דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד.

צו ד״ר יוסף מייזעל

... יעדער בריוו, וואָס קומט פון דערווייטנס, איז אַ גרויסע געשעעניש אין לעבן פון אַ מענטשן, וואָס איז פאַרשפאַרט אין דער תפיסה פון אייראָפּע, וועלכע איז אַרומגעכאַפּט פון מלחמה און אפילו אין די נייטראַלע לענדער. אונדזער מחנה אין ארץ־ישראל איז אויפגעריכט געוואָרן דורך די נצחונות פון ענגלישן מיליטער אין אַפריקע (כן ירבו), און עס צו האָפן, אַז די מגפה פון דער וועלט־שחיטה וועט איך נישט דערגרייכן און וועט נישט פאַרשוועכן דאָס הייליקע לאַנד. דער זכות פון לאַנד איז אויך מיר בייגעשטאַנען, ווייל איך קריג פון דאָרטן, פון צייט צו צייט, געדוקטע און געשריבענע שורות, אין דער צייט ווען פון אַמעריקע האָבן איך נישט געקראָגן קיין איין וואָרט זינט סוף זומער 1940. אַזוי האָב איך אין זיין צייט באַקומען פון אשכולי זיין בוך „דוד הראובני״. איך האָב אים געשיקט אַן אויספירלעכע תשובה אויף זיין בריוו. אויך פון איינעם אַ יונגן מאַן פון ירושלים, ה׳ שוואַרצבוים, האָב איך דערהאַלטן זיין דיסערטאַציע צוזאַמען מיט אַ בריוו. איך האָב אים באַלד געענטפערט. איך האָף, אַז בדרך נס זיינען מיינע בריוו דער־גאַנגען צו די אַדרעסאַטן. בכלל לעבן מיר מיט נסים. מיט נסים לעבן מיר אין אַ וועלט פול מיט מלאכי־המות (אויפן וויסנשאַפטלעכן לשון — טויט־באַמבעס) און אַלערליי משחיתים, אפילו מחוץ די שלאַכטפעלדער. מיר זיינען אָפּגעטיילט פון די קוואַלן פון אונדזער גייסטיקן לעבן. אַזוי, למשל, האָב איך נאָך לאַנגע זוכענישן קוים געקראָגן אַ קליינעם לוח פון תש״א — דאָס איז אונדזער גאַנצע „ליטעראַטור״ פאַר דעם יאָר. קיין צייטונגען פון אויסלאַנד קומען אַהער נישט אָן, און פון דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, ווייסן מיר אַ טויזנטסטל, און אויך דאָס איז צוגעפּראַוועט לויטן געשמאַק פון אונדזערע מקומות. און איר, די גבירים, באַקלאָגט זיך נאָך אויף דער ירידה פון דער ליטעראַטור ביי אייך.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אין יאָר תרפ״א, בין איך אין אַן אומרואיקער צייט געזעסן אין מיין היימלאַנד און געחלומט וועגן „לשנה הבאה״־בבערלין. איצט וואָרט איך אויף גאָרנישט: נישט אַריין און נישט אַרויס. אַלע וועגן זיינען פאַר מיר פאַרשלאָסן. בערלין איז שוין פון לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סדום, און אונדזערע אַנדערע אייראָפּעאישע צענטערן זיינען חרוב געוואָרן דורך די מענטשן פון סדום. פון צוויי עקן פון דער וועלט — קוקט מען מיך אויס — פון אַמעריקע און פון ארץ־ישראל, אויך מיינע אויגן זיינען געווענדט אַהין. איך ווייס אָבער, אַז איך וועל נישט דערגרייכן צו זייערע גרענעצן און אַז אויף מיר איז נגזר געוואָרן צו פאַרבלייבן אין דעם „גרויסן און שרעקלעכן מדבר״. מיין „תלמוד״ איז שוין אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין די לעצטע יאָרן, אין דער לעצטער רוסישער

דער בריוו איז אַרויסגעשיקט פון ריגע, דעם 5טן מערץ 1941, צו דר׳ י. מייזעל, געוועזענער ביבליאָטעקאַר פון דער בערלינער קהילה־ביבליאָטעק, קיין ירושלים. איבערגעזעצט פון העב־רייאיש דורך מ. פערדמאַן (סאָפיע דובנאָוו־ערליך — ש. דובנאָוו, מעקסיקע, 1952, ז״ז 132־134).

אויפלאַגע פון צען בענד פון דער גרויסער „געשיכטע״ (ריגע 1936־1939), אויך די „פּרפּראות לתורה״ — „דאָס בוך פון לעבן (״קניגאַ זשיזני״) איז שוין אַרויס פון דרוק אין יאָר ת״ש (די בערלינער תקופה). צום באַדויערן, קאָן איך עס נישט שיקן נישט צו אייך און נישט צו אַנדערע פריינט צוליב פאַרשיידענע סיבות. איצט שרייב איך גאָרנישט צום פאַרעפנטלעכן. איך לייען בלויז די וועלט־ליטעראַטור און מאַך אייניקע פאַרצייכענונגען פאַר זיך, און ווי ווייט נאָר מיינע אויגן דערלויבן מיר.

מיינע פריינט זאָרגן זיך פאַר מיין גורל, אָבער איך זאָרג זיך וועגן עפּעס אַנדערש: אָפּצוהיטן דעם טייל אַרכיוו, וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביי מיר. און עס איז דאָ אַ מורא, אַז עס וועט אים שאַטן דאָס איבערגיין אין רשות הרבים. דער דאָזיקער אוצר איז לכתחילה באַשטימט געוואָרן פאַר צוויי אינסטיטוציעס: פאַר ירושלים דליטא און פאַרן אַלטן ירושלים. אין דער נייער ווירקלעכקייט וויל איך אים פאַרטיילן צווישן דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים און דעם ייוואָ אין אַמעריקע, וואָס איז פון אַן אָפּטיילונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער. אָבער מיין גוטע כוונה איז פעסטצושטעלן ענדגילטיק אין מיין צוואה. עס וועט נאָך זיין געגוג שטערונגען מצד די פירער פונעם אָרט, וואו איך געפין זיך — און דאָס איז די סיבה פון מיין זאָרג. און דאָ וועט איר געפינען אַ תשובה אויף אייער דעטאַליזירטן פאָרשלאַג איבערצוגעבן עטלעכע דאָקומענטן דעם אַרכיוו פון „בצלאל״: אויב אין די צעדערן האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער פלאַם, וואָס זאָלן די קליינע גרעזעלעך טאָן? טויזנטער בריוו וועגן געזעלשאַפטלעכע ענינים, וועגן ליטעראַטור פאַר אַ משך פון העכער 60 יאָר, הונדערטער וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן דאַרפן זיך געפינען נאָר אין אַ צענטראַלן אַרכיוו — און עס עגבערט מיר אין מוח די גרויסע פראַגע: וועל איך זוכה זיין דערצו נאָך דער מלחמה, און צי וועל איך אַליין דערלעבן די דאָזיקע צייט?...

מיין משפחה איז איצט צעשפּרייט איבערן גאַנצן ערד־קיילעך. מיין טאָכטער און אירע זין, פון די וואַרשעווער פּליטים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט קיין ליטע, פאָרן איצט דורך רוסלאַנד און יאַפּאַן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, און די וואָס געפינען זיך שוין לאַנג אין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן ביז היינט נישט געקראָגן קיין דערלויבעניש צו קומען צו פאָרן אין די באַלטישע לענדער, כדי זיך צו זען מיט מיר... שרייבט מיר וועגן ירושלים און וועגן דאָרטיקן אוניווערסיטעט, וואָס האָט אוודאי געליטן פאַר דער לעצטער צייט... בכלל, ווער עס שרייבט מיר וועגן די ענינים פון אונדזער לאַנד זאָל זיין געלויבט און געבענטשט פון דעם מתבודד (פאַראיינזאַמטן) אין די וועלדער פון לעטלאַנד.

אייער געטרייער פריינט פון דער בערלינער תקופה ביז היינטיקן טאָג,

ש. דובנאָוו

זייט

ס. יזהר: פראַגמענטן פונעם בוך „ימי צקלג״ — — — — — — — — — — — — — — 324

שמעון דובנאָוו: וואָס דאַרף מען טאָן אין המנס צייטן? — — — — — — — — — 332

נ. מייזיל: ש. פרוג אין ליכט פון דער יידישער קריטיק — — — — — — — — — 337

נ. בלומענטאַל: דאָס פּראָבלעם ווי די יידן האָבן זיך פאַרהאַלטן אונטער דער
דייטשער אָקופּאַציע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 359

●

א. גאָלדבערג: 60 יאָר יידיש קולטור־לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן — 368

מ. ירדני: יידישע מוזיק און יידישע מוזיקער אין אַמעריקע — — — — — — — 398

לואיס לאַזאָוויק: באַרימטער אַמעריקאַנער יידישער קינסטלער סאַלאָמאָן
נונעס קאַרוואַלהאָ — 421

דוד מאַטיס: צו דער געשיכטע פון יידישע פילמס — — — — — — — — — — — 439

א. ר. מלאכי: נחום סאָקאָלאָוו און די יידישע שפּראַך — — — — — — — — — — 466

●

נ. מ—ל: צו דער געשיכטע פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס — 494

בן־אדיר (א. ראָזין): פּאַרטיי־פּאָליטיק און קולטור־אינטערעסן — — — — — 532

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי: אַ קעגן־דערקלערונג — — — — — — — — — — — — — 534

מ. אָלגין: אויפן ברייטן וועג — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 541

ו. ווינפער: וועגן די יידישע שרייבער אין אַמעריקע — — — — — — — — — — 548

יידישע שרייבער אין אַמעריקע — — — — — — — — — — — — — — — — — — 551

רײשטייערער פאַרן איקוף־אַלמאַנאַך — — — — — — — — — — — — — — — 563

איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק

ערשט דערשינען

איקוף־אַלמאַנאַך

1961

אינהאַלט:

זייט

צו די לייענער — 7

בער גרין: דאָס יידישע קולטור־שאַפן אין אַמעריקע ביז 1900 — 13

קלמן מרמר: די ערשטע געדרוקטע יידישע צייטונג אין אַמעריקע „די פּאָסט“, איר אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר — 45

בער מאַרק: צווישן לעבן און טויט (דאָס יידישע לעבן און די יידישע ליטע־ראַטור אין פּוילן אין די יאָרן 1937־1957) — 60

פּראָפ. שמואל אייזענשטאַט: דאָס קולטור־שאַפערישע לעבן אין ארץ־ישראל אין די פאַרגאַנגענע 25 יאָר — 87

דוד דיאַמאַנט: די קולטור־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג פונעם יידישן ישוב אין פראַנקרייך פאַר די יאָרן 1937־1956 — 123

י. קאַרא: 25 יאָר יידישע קולטור אין רומעניע — 164

•

נחמן מייזיל: אַמעריקע אין די ווערק פון שלום אַש — 174

פּרץ מאַרקיש: לידער און פּאָעמעס — 217

י. ד. בערקאָוויטש: אין די ווייטע לענדער (קאָמעדיע אין 3 אַקטן) — 239

גיטל מייזיל: „ימי צקלג“ פון ס. יזהר — 307